אחרי ש„שיחררו" אותנו מרכושנו, ניצלונו והעמידונו ככלי ריק, החלו מתאנים לנפשותינו. הקימו בשבילנו גיטו שהכיל שני חלקים, הקיפו אותו תיל דוקרני, ויום־יום החלו מוציאים אנשים לעבודה תחת משמרות של שוטרים. לאחר זמן־מה הגיעונו ידיעות, כי הגיטו של רובנה חוסל ואף יהודי אחד לא נשאר בחיים. לא כולם האמינו לבשורה הרעה. רבים באו אל סימה אוקס לשמוע מפיה על אשר קרה, מהיותה בידידות עם הכומר טאראנובסקי שהיה עתה ה„פרנס" שלנו. אשתו הטובה הידועה, בתו של הכומר בוראֶצקי, מתגנבת לתוך הגיטו וחוטפת שיחה עם אחותי. כל היהודים מאמינים כי אחותי תישאר בחיים, אחרי שהכומר ואשתו וגיסו הדוקטור בוראֶצקי מבטיחים להצילה. אחותי גם היא מתגנבת לעתים קרובות ויוצאת מן הגיטו אל ביתו של הכומר במטרה לשמוע אילו ידיעות חדשות, כי עתון לא נמצא ליהודי לקריאה ולראדיו אינו יכול להאזין, וכך משמשת היא מקור יחידי לחדשות. יהודי הגיטו מבקשים אותה לעתים קרובות לצאת ולקלוט חדשות, ובעצמם ממתינים הם בקוצר־רוח לשובה.

אולם למרבה הצער חזרה היא יום אחד מאצל הכומר ובפיה הבשורה הרעה, כי אנו היהודים החפים מפשע גורלנו נחרץ ואנו צפויים למות.

היה זה בדיוק לפני חג השבועות. יום טוב שלנו חל בעת אחת עם החגא שלהם. אנו שכבנו למעצבה, נפשנו התעטפה עלינו, ומחשבה אחת ויחידה ניקרה במוחנו: מאין יבוא עזרי? אנו מציצים החוצה — הכל חי, פורח, הגויים מתהלכים מקושטים בבגדי היהודים הטובים שגזלו ופניהם צוהלים. לבנו דוה למראה כל זאת, בשרנו נעשה חידודים חידודים, והיד קצרה מלעשות מה... בכביש, החוצה בין שני חלקי הגיטו, מטיילים להם שקצים קטנים, מיידים אבנים, מקלות, יורקים לעברנו, חורצים את לשונותיהם לעומתנו וקוראים: „כך ראוי לכם, יהודים, חייתם די!" אנו נושאים עינינו למרום ומקוים לישועה משמים, אולי יקרה נס, כפי שקרה תמיד בעתות של צרה ליהודים, ולוחשים תפילה: „רבונו של עולם, תן לנו כח לעמוד בכל הצרות העתידות עוד להתגולל עלינו". השמש שוקעת, הלילה יורד. חושך שורר בבתים, כי אסור להעלות אור, והחלונות צריכים להיות מוּלנים היטב־היטב, כדי שאור הלבנה והכוכבים לא יגיה את מחשכי נפשנו...

אנו מנמנמים קצת באפילה, אבל לבנו ער, כי אין איש ממנו יודע מה עלול לקרות. אנו מבחינים בזרקורים המאירים את החלק השני של הגיטו. עד־מהרה אנו מוקפים רוצחים צמאי־דם עם מקלות־גומי בידיהם, צועקים, מכים, ומגרשים את היהודים מן הגיטו. חולים, זקנים רצוצים, שאינם יכולים למהר בלכתם, נורים בו במקום. תינוקות, ילדים קטנים, נהפכים לכדורי־משחק בידיהם, מוטלים בכח עד שנופלים חללים. אנשים צעירים ובגיל העמידה נערכים ששה, ששה בשורה, ומובלים תחת משמר של גרמנים ואוקראינים מזוינים כצאן לטבחה. בקצוי העיר, בסוּחוֹדוֹלאָ, כבר נמצאו חפורים בורות. שם רצחו את כולם לתוך הבורות. פצועים וחיים עדיין נקברו יחד עם ההרוגים...

כך הלכו אבותינו, אחינו, אחיותינו וילדינו מבלי דעת לקראת השחיטה. ואנחנו, שנותרנו לפי שעה בחיים, ידענו כי אותו גורל עצמו מחכה לנו. אין תקוה עוד, ואין הצלה ליהודים.

אחרי חיסול החלק הראשון של הגיטו נמצא המקום זרוע כל מיני חפצים משל הקרבנות: מלבושים, נעליים, נעלי ילדים, שמלונות של ילדים זכים וטהורים, ספרים שונים, סידורי־תפילה שיהודים היו מתפללים בהם ומעתירים אל השמים שיעשה נס להם. אולם הנס לא בא, לא בא... החלו היהודים ששרדו מחפשים אחרי גויים מכרים, שיהיו מוכנים לבנות בשבילם בונקרים.

בין אלה שנשארו בחיים אחרי חיסול החלק הראשון של הגיטו נמצאו שתי האחיות לאה'קה וזאלדה הארא‏ש עם אמן דובה. הן התחבאו בעליית־גג. והנה הגיעה פקודה: לנקות היטב את מקום הגיטו שחוסל. אנשים מהחלק השני של הגיטו נשלחים תחת משמר שוטרים לעבודה המרוצצת. יצאו שתי האחיות עם האֵם ממקום מחבואן, התחברו עם העובדים והצטרפו לעבודה. בלב נשבר ובכי חנוק עסקו האנשים בסידור החפצים והמלבושים שהופשטו מעל הקרבנות, האחים והאחיות שנרצחו, ובמיונם בהתאם לדקדוקי־העניות הגרמניים. האדמה מזדעזעת תחתינו, השמים זועקים, וקדרות איומה תלויה מעל לראשינו. מי יודע מה מחכה לנו, מי יודע אם לא עתידים אלה שנותרו בחיים להתקנא במתיהם אשר ענוייהם ויסוריהם הם כבר מאחוריהם!

יום־יום מוציאים יהודים לעבודות שונות. הם יוצאים ותפילה אחת בלבם: ולואי ישובו בשלום!

יום אחד בא אל הגיטו דודו של השופט הגרמני ווֹלוֹדקה קוביט (עלי לציין, כי סאשה קוביט היה שופט גרמני בעיירתנו). הוא מבקר אצלנו ומציע את עזרתו להצלתנו. אני, שהכרתי את סאשה קוביט מזמן היותו מורה עת היה מבקר לעתים קרובות בביתנו, שמחה להצעתו ומוכנה ללכת עמו. אבל אחי אין לו אמון אליו. הוא מזהירני ואומר כי „סאשה קוביט אינו מורה עתה, כי אם שופט גרמני, ווֹלוֹדקה קוביט הריהו הגנב הידוע בעיירה, הוא יהיה הראשון שיסגירך לידי הגרמנים. תמימה את וחושבת שאפשר להאמין לכל אדם. אנו מוטב לנו ללכת עם יאשקה גופמאן, גויים רבים מכרים לו, והם הכינו בשבילו ובשביל כל משפחתו בונקר גדול. הם אוהבים אותו, כל השנים עבד הוא עם היערן וולאדק ועם עוד גוי אחד ואסיל ביער חוֹטין. גופמאן אומר כי זהו ,גשר ברזל׳, המקום היחידי שבו נזכה ונגיע לראות בישועה ולקחת נקם בעד אחינו ואחיותינו שנרצחו״.

יורד הלילה. אנו יוצאים לדרך. הולכת אני עם אחי יעקב אוקס, אשתו, ובתו הקטנה זוֹרה. כן הולכים עמנו יעקב גופמאן ובני משפחתו. הוא המדריך שלנו, שכן מכיר הוא את כל הסביבה. לאחר הליכה של כמה שעות הגענו אל המקום המיועד, טיפסנו על ארבעתנו בינות הענפים העבותים ונכנסנו אל הבונקר. גופמאן הזמין את בעלי הבית לכוס יי״ש אחרי שהצלחנו לעבור את הדרך בשלום. לפי שעה אנו מאושרים. הבונקר נוח, אנו יכולים לשוחח בינינו, יכולים לטייל חפשית ביער. הבונקר מוסווה יפה. הגוי ואסיל מתיחס אלינו יפה מאד, אוכל לא חסר לנו. יום־יום מביא הוא לנו חדשות טובות, הגרמנים

יפסידו את המלחמה, הרוסים מתקדמים, ולא יארכו הימים ואנחנו נשתחרר. ברם היום אל ייצא איש מן הבונקר, שקצים קטנים רועים את עדריהם בסביבה והם עלולים להבחין בנו ולהסגירנו. בינתים הוא עצמו נעלם. היהודים בבונקר אומרים כי הוא לא גוי — הוא מלאך. אני היחידה לא נתתי אמון בדבריו וניסיתי לצאת מן הבונקר. גופמאן כעס מאד וציוה לקרא אותי חזרה. משיצאתי מן הבונקר חשכו עיני: רואה אני ממרחק כי אנו מוקפים אנשי ס.ס. ואוקראינים המחזיקים כלי־יריה בידיהם. הספקתי עוד לצעוק: „יהודים הצילו את נפשותיכם!" אחי, שיצא לקרא לי לחזור יכול היה להספיק לברוח, אולם רצה להציל את אשתו וילדו. שמעתי צועקים אחרי: „האַלט! — עצור!" אבל אני רצה מתנשמת ומתנשפת הלאה. אני שומעת מרחוק קריאתו־צעקתו של אחי: „זאַרומיאָ ילדתי, ברחי!" בודדה, גלמודה, אני רצה באפילת הליל בתוך היער העבות. אין עוד איש עמי. היכן אני? מי אני? למען מי עלי להאריך חיי? מה תועלת יכולה אני להביא? בודדה גלמודה, אָן אפנה עתה? למי נחוצה אני? הכל אבוד, אבד ללא זכר...

לא, עלי ללכת ולהגיע אל המקום ולראות במו עיני את יקירי שאבדו. כן, שיינדה׳לה, — ממללת אני לעצמי תוך בלבול דעת — הן הולכת את לטרוף נפשך בכפך... הן שם נמצא ה„מלאך" של גופמאן ואסיל, הרוצח שהסגיר את כולנו בידי אנשי הס.ס. אני יודעת הכל, אבל איזה כח על־טבעי דוחפני הלאה, אני מוכרחה ללכת. הולכת אני אין־עינים, צועדת צעד קדימה וצעד אחורה ונשארת עומדת במקום אחד. נסערת, מיואשת, עיפה ויגעה, נפלתי אין אונים ביער ונרדמתי.

הטראגדיה האיומה האישית שלי

נביחה חזקה של כלבים עוררוני מתרדמתי העמוקה. מחשבתי הראשונה היתה ודאי קרה משהו ומיד לאחר מכן — ודאי מסתובבים כאן הרוצחים עם כלביהם ואורבים לנפשותינו, מחפשים כבר קרבנות חדשים. אולם איני יראה עוד את המות, אין לי עוד בשביל מי לחיות. אני ממשיכה ללכת ורואה... להקת כלבים קורעים נתחים מגופותיהם של נרצחים. אני מגיעה אל מקום הרצח ורואה את האסון הגדול שלי: כל אלה שהיו בבונקר שוכבים הרוגים, ביניהם אחי עם אשתו. לבי נשבר בקרבי, אני תולשת שערות ראשי — לשוא. אולם היכן ילדתו של אחי? אינה בין ההרוגים. הולכת אני ביער וצועקת: שמע ישראל,

אל אלוהים, היתכן? כלום אפשר שהילדה חיה? ליפול בידי הרוצחים ולהישאר בחיים? האומנם כה פקחית היא הילדה וכה חריפת־מח שידעה לשכב בין ההרוגים ובדרך זה להינצל? לא, לא יתכן.

היום נוטה לערוב, אני לבדי בין קרובי הנרצחים. אינני עוצמת עין, ממללת אני לעצמי מתוך כאב אנוש ולב שותת דם. אין ניחומים ואין שילומים לאסוני. — אור היום מתחיל בוקע... אני קמה לקראת המשך המאבק של יום־יום בעד הקיום. בודדה, גלמודה אני מסתובבת. מחשבה רודפת מחשבה. והכל מסביב לענין אחד: ילדתי, היכן ילדתי? ואולי, בלי דעת את הסכנה הצפויה לה רצה היא בחזרה אל הגוי הרוצח? עלי לרוץ מהר, שאם לא כן מאוחר יהיה. תועה אני ביער, בשדות. מענה אותי המחשבה, אולי בכל זאת אמצא את הילדה, נחמתי היחידה באסוני. קשה מאד היה לי למצוא את ביתו של הרוצח. סוף־סוף אני רואה ממרחק בית, ובחצר מסתובבת דמות של ילדה. אובד לי שיווי־משקלי הנפשי, איזה כח על־אנושי דוחפני קדימה, נס קורה לי ושערי שמים נפתחים לפני... אני שומעת את קול הילדה: „שיינדיניו, את חיה?" — „כן, יקירתי, אני חיה. עתה יש לי בשביל מי לחיות ולהיאבק!"

שמחתנו אין לה גבול. אנו צוחקות ובוכות ושוכחות לרגע היכן אנו נמצאות. אני מודה לאלוהים שהחזיר לי את אוצרי האבוד. ילדתי מלטפת פני בידיה הקטנות הרועדות. יש מי שינחמני. בצד עומד הרוצח ומסתכל בעיניו הפראיות תוך חיוך לגלגני בפגישה הטראגית. אין ספק כי הוא אומר בלבו „לא זמן רב תארך שמחתכם..." רואה אני הכרח לעצמי להיכנס בשיחה עמו ואומרת, כי אכן הצדק היה עמו בהזהירו אותנו לא לצאת מן הבונקר. אילו שמענו בקולו היו כולם נשארים בחיים. הרוצח מרוצה מהבנתי... אולם עתה, אומר הוא, לא יבואו עוד לחפש יהודים אצלי, ואתן יכולות לשבת בשלוה, כי המלחמה קרבה לקיצה והישועה קרובה לבוא. הוא מכין בשבילנו אוכל, שתיה, ומפנה לנו מקום בדיר העצים. עתה, אומר הוא, הריהו נוסע לראדזיוויל ובלילה בשובו יכניסנו הביתה שנתרחץ קצת. דבריו המתוקים לא הפתיעוני. ראיתי את ה„מלאך" בדמות רוצח, הבינותי מיד כי הוא נוסע העירה להודיע עלינו.

אחרי שנסע החלטנו לברוח. ברחנו אל השדות, הרחק מביתו, ומצאנו מחבוא בגדישי הקש. לא עצמנו עין ופקחנו אזנינו לכל רחש סביבנו. פתאום שמענו נביחה עזה של כלבים. הטינו אוזן — בדומית הליל קורא הרוצח ואסיל ברוסית בשמי: סוֹניאַ! סוֹניאַ! אנו יושבות קפואות תחתינו, דבוקות זו לזו, נשימתנו עצורה והלבבות פועמים בחזקה. אנו שומעות את קולות השוטרים

המקללים במרוצתם כחיות אחרי טרפן. הם יורים לכל עבר. אנו שוכבות אחוזות אימה נוראה וממללות תפילה בלי דעת אם יש בה כדי להצילנו. הפעם לא עלתה בידם, לא השיגו את טרפם. לאחר הבהלה הגדולה, היריות ונביחת הכלבים, עדיין נמצאנו שוכבות באימה בלי לזוז ממקומנו, בלי להגיד מלה זו לזו. משחלפו כמה שעות ושקט שרר בסביבה, והתרנגולים אף החלו מקרקרים, ידענו כי עוד מעט ויבקע השחר ואסור לנו להישאר כאן, עלינו לברוח הלאה. אולם לאן? כל הדרכים חסומות לפנינו, המות אורב לנו על כל צעד ושעל, ואף־על־פי־כן עלינו להיאבק על חיינו ולברוח לכל אשר ישאונו רגלינו. אנו רוצות לסור אל אחד האיכרים לבקש פת לחם, אולם הסכנה גדולה מדי. אנו הולכות לאיטנו, עוקפות את הכפרים שלא יבחינו בנו האיכרים. כך עבר עלינו היום. עם דמדומי ערב אנו נכנסות לבית־קברות של גויים. כאן נשארנו כל הלילה, מפחדות מפני המתים ובעת ובעונה אחת מפני הרוצחים החיים.

אור היום בוקע. אנו הולכות הלאה. רואות ממרחק ביקתה ופונות בכיוון אליה. הולך לקראתנו איכר, עיניו הרצחניות רושפות. אינו מניח לי לבקש לחם ממנו, פונה אלי בדברים אלה: „עודכן בחיים?" ומרים את גרזנו מעל לראשינו. אני צועקת אליו: „רגע אחד! רוצה אני לדבר עמך משהו. אם לא תמצא הצעתי חן בעיניך תעשה עמנו כרצונך. שמעני־נא, איכר יקר... אנו מתהלכות על פני הכפרים ומחפשות מחסה לעצמנו. אנו נמצאות בבאַראַניאָ, אצל איכר. יש לנו זהב רב. אם מסכים אתה, נישאר אצלך עד אחרי המלחמה. ניתן לך הכל. סע עמנו הכפרה, ניקח הכל משם ונהיה אצלך". הגוי הרוצח נתרכך, ההצעה נראתה לו. הלך והביא לנו לחם, מים. הסכים גם להוליך אותנו לבאַראַניאָ. הגענו עד נחל. הוא נשא והעביר את הילדה במים, אחרי כן אותי, והראה לנו באיזה כיוון ללכת. הוא עצמו יחכה איפוא לנו ליד הנחל, אבל אל לנו להשתהות שם. הולכות אנו ולבנו חרד, וכך אנו מגיעות לבאראניאָ. גויים מכרים מלפני המלחמה מקבלים את פנינו בדמעות שמחה. הם מצוים עלינו למהר ולעלות אל עליית־הגג בטרם יבחין בנו אחד השכנים. מביאים לנו אוכל, מרגיעים אותנו בדברי ניחומים שעוד נזכה ונגיע לזמנים טובים, אבל להחזיקנו אצלם הם מפחדים. הם מספרים לנו כי ראדזיווילוב נקיה מיהודים. רק בברוֹדי אין עדיין גיטו ונמצאים שם יהודים רבים מראדזיווילוב. אנו מחליטות ללכת לברוֹדי ולהטיל גורלנו עם כל היהודים אשר שם. לא היה עוד כח לנו להתענות ולהיאבק. לקחתי דברים עם הגוי ובקשתיו שיהיה המדריך שלנו בדרך. רואה אני כי הגוי אחוז אימה ועם זאת בעל לב, רוצה לעזור

לנו. הוא מספר לנו כי הגבול נשמר מאד על־ידי משמרות גרמניים. אנו מבינות הכל, אבל אנו נאלצות ללכת, אין לנו ברירה. הגוי הטוב יוצא אל אחד השכנים המכיר היטב את הדרכים ומבקש אותו שיעזור לו להעביר את „הסחורה הטריפה". אני והילדה מתחפשות ולובשות מלבושי גויות ארוכים, מצעפות ראשינו בצעיפים ונוטלות סלים בידינו, ויוצאות לדרך. שני האיכרים הטובים, האחד לפנינו והשני מאחורינו, עם כדים גדולים הולכים לקנות נפט בברודי לא הרחק מהגבול אנו נעצרות ליד עץ. הם הולכים בעצמם לבדוק את השטח. משהתרחקו הגרמנים מן המקום, עברנו ללא הפרעות את הגבול והגענו בשלום לברודי. באנו העירה — הבהלה גדולה, יהודים מתרוצצים, מחפשים מקומות מחבוא ביערות, בשדות, בבונקרים. יום־יום עורכים „אקציות", רוצחים יהודים. מתגלית לעיני אותה תמונה ידועה שכבר ראיתיה בכל מוראותיה.

מצאנו אילו קרובים. הם מקבלים אותנו בסבר פנים ואנו חשים שוב טעם של בית לפנים. באים ראדזיווילובים ומביאים לי את הידיעה, כי בן אחותי איזי ויסר חי. ראשי סחרחר עלי משמחה, אולם בלבי אני חושבת, מי יודע כמה זמן עוד יניחו לנו לחיות. ידידינו, שהיו תושבי ברודי, התקינו לעצמם מכבר בונקר, בטוחים היו כי ישארו בחיים.

יום אחד פגשתי כמה גויים מראדזיווילוב שבאו לברודי לקנות נפט. הבחנתי ביניהם את וולודקה קוביט. אמרתי כבר כי הוא הציע לנו עוד קודם לכן, בהיותנו בגיטו ראדזיווילוב, להצילנו, אולם אחי לא נתן אמון בדבריו. מאחר שאחיינו סאשה קוביט היה לפנים ידיד טוב שלי ומבקר לעתים קרובות בביתנו, ניצלתי את ההזדמנות ושלחתי באמצעות דודו מכתב אליו, שבו ביקשתי את עזרתו, כי הוא היחידי יש בכוחו להצילנו ממות. מכתבי הבכייני מצא כנראה הד בלב המאובן, שכן מיד למחרתו בא וולודקה קוביט לקחתנו אליו בהסכמתו של סאשה קוביט. אנשים פשוט קינאו בי. באותם ימים־של־גיהינום היה זה פשוט אושר.

ראשונה באה רעיה קסטלר מקראֶמניץ לבקשנו להניח לה להצטרף אלינו. כמו כן בן אחותי איזי ויסר. וולודקה קוביט חיכה כל היום. משהחשיך, אמר כי אנו יוצאים לדרך. הצעתי לידידי בברודי שילכו עמנו, אולם לצערנו לא התיחסו באמון אל המדריך שלנו. הם רק ברכונו בדרך צלחה, שנזכה לעבור ולהגיע בשלום. עברנו באישון ליל את הגבול ללא כל הפרעות. וולודקה קוביט לוקח אותנו ישר לביתו ומעלה אותנו אל עליית־הגג. אולם לשבת כאן משמע להשליך נפשנו מנגד. עלינו לחפש איפוא מקום אחר. נראה הדבר, כי „גויים

טובים" הודיעו לגרמנים שוולודקה קוביט מסתיר יהודים אצלו. לילה אחד הוקף הבית על ידי גרמנים הבולשים בכל הפינות, מענים ומכים את וולודקה קוביט, אבל זה אינו מודה באשמה ואינו מגלה אותנו. למזלנו נמצאנו אותה שעה בבונקר ארעי לא הרחק מהבית. מכיון שוולודקה היה כבר חשוד, נאלץ הוא להעבירנו למקום אחר עד שימצא בשבילנו בונקר אחר. תקצר היד מלתאר את אשר עשה וולודקה קוביט למעננו, כי בעשותו למען הצלתנו נמצא הוא שם נפשו בכפו. וולודקה לא שם לב לכך, כי ראה לפניו מטרה אחת: להציל את חיינו. הוא עזר גם ליהודים ראדזיווילובים רבים שנמצאו בבונקרים אחרים.

הסכנה הולכת וגדלה מיום אל יום. הגרמנים מפרסמים שוב פקודה חמורה: גוי שיושיט עזרה ליהודי דינו מות. אף־על־פי־כן הולך וולודקה קוביט מכפר לכפר ומחפש בשבילנו מקום בטוח. בידעו את כל הבונקרים שבהם מתחבאים יהודים, הוליך הוא אותנו אל הכפר „לאָוויאַטינסקי גאַיס". שם נפגשנו עם אייזיק טרייביטש ומשפחתו ואתם יחד נמצאנו עד בוא יום השחרור. וולודקה ביחד עם גויים אחרים התקינו בשבילנו בונקר חדש, אולם גם בו לא מצאנו מנוחה, כי המשטרה האוקראינית היתה עורכת מזמן לזמן חיפושים אחר יהודים. אכן לא אבדה תקותנו, כי יום־יום היה וולודקה בא ובשורה בפיו: קרוב־קרוב יום הגאולה. הוא היה גם טוען אל הגויים האחרים, כי אלה מהם העוזרים עתה ליהודים יבורכו ויבואו על שכרם בעד מעשיהם האנושיים.

הזמן חולף. וולודקה קוביט בא לעתים קרובות ומביא בשורות טובות, כי הרוסים הולכים ומתקדמים והגרמנים נוחלים מפלות. בבוקר יום אחד בא וולודקה ומספר, כי בראדזיוויל מסתובבות שתי צעירות המתחבאות במקומות שונים. הן נתונות בסכנה גדולה הן מצד הגרמנים הן מצד הבאַנדאָרובים *. אין הוא יודע מי הן, אבל בפעם הבאה יביא פתק מהן. באותו רגע לא היה איכפת לי מי ומי הן, העיקר שהן בנות ישראל. אם כי שילמתי די בעד כולם, לא יכולתי בכל זאת לאסוף אלינו עוד אנשים בלי הסכמתו של בעל הבית. מכיון שידעתי מפי מצילנו וולודקה כי לא רחוק מאתנו נמצא עוד בונקר אחד ובו יהודים שוולודקה דואג להם בדיוק כמו לנו, שלחתי אליהם באמצעותו של וולודקה את המכתב הבא:

אחים ואחיות! בעיירתנו ראדזיוויל מסתובבות שתי צעירות בלתי מוכרות לי. מחובתנו לעזור להן שלא תיפולנה חלילה בידי הרוצחים.

* כנופיות אוקראינים בהנהגתו של בנדארנקו.

סכנה גדולה נשקפת להן, ואנו היחידים שביכלתנו להצילן. אני מוכנה לקחת אחת מהן אלינו, אל הבונקר שלנו, ואני מאמינה כי גם אתם תסכימו לקחת אחת מהן אליכם ולהצילה. בזכות זו נינצל כולנו ונישאר בחיים.

בעת ובעונה אחת כתבתי מכתב גם אל הצעירות הבלתי מוכרות לי:

יקירותי הבלתי מוכרות! יכולות אתן ללכת עם האיש הזה ללא פחד. מראהו רע, אבל נפש של צדיק לו. יתן אלוהים ויעבירכן בשלום את הדרך.

וולודקה קוביט לא חיכה הרבה, הוא יצא עוד באותו לילה להביאן. נתברר שאלה היו שתי בנותיו של בנימין ליכטמאן. הפגישה היתה מזעזעת תוך בכי חרישי. הייתי מאושרה שעלה בידי להצילן. הבכירה דבורה נשארה עמנו עד השחרור, ואילו הצעירה יפה נמצאה בבונקר השני ביחד עם יצחק ויינשטיין, שמחה סימוגראן והירש קיפרמאן ומשפחותיהם.

וולודקה קוביט יושב ליד הראדיו ומאזין תוך מתיחות רבה לנצחונותיהם האחרונים של הרוסים בחזיתות. הוא בא מיד אלינו לשתפנו בשמחתו, כי הנה־הנה הולך ובא יום השחרור שלנו. פתאום שומעים אנו ממרחק רעמי תותחים. מרעישים מכל הצדדים. הגרמנים רצים כעכברים מורעלים ממקום למקום וצועקים בקולי־קולות: „שנאַלער, שנאַלער, דער רוס קאָמט! — חושו, חושו, הרוסי בא!" מצילנו וולודקה אינו יכול כבר לשוב לביתו, הוא יושב עמנו ומחכה למפלתם של הגרמנים ולשחרורנו על ידי הרוסים.

הגרמנים מוציאים את פקודתם האחרונה, שכל הגויים יעזבו את הכפר, כי כאן נמצא עתה קו־החזית. המטה הגרמני משתכן בבית שלנו. אנו נשארים עצורים בבונקר ללא יכולת לצאת. הפצצות מתפוצצות מעל לראשינו. הארץ ממש רועדת תחתינו. ראינו את עצמנו נקברים חיים תחת מפולת. כך נמשך המצב ימים אחדים, ועדיין לא יכולנו לצאת החוצה. בינתים הרעב והצמא מציקים לנו מאד.

באמצע הלילה החליט וולודקה לצאת החוצה. כעבור רגעים אחדים חזר והבשורה הטובה בפיו: הגרמנים נסוגו, אבל אסור לנו עדיין לצאת כי הרוסים טרם כבשו את הכפר. עברו ימים אחדים עד שהחלו מתגלגלים אלינו רעש מכוניות וטרטור של טאנקים, ובאותו זמן גם קלטה אזננו צלצולה של הלשון הרוסית. קשה היה לנו להאמין כי אמנם יכולים אנו לשמוח, כי אמנם הגיע יום השחרור. באותו זמן עצמו שוחררה גם עיירתנו ראדזיוויל.

אנו נפרדים מעל בעל הבית שלנו, מעל הבונקר, ומודים לו על החסד

הגדול שגמל לנו ועל כל אשר היטיב עמנו בימים האיומים שעברו עלינו. ואנו, כל אלה שנשארו בחיים אחר החורבן הגדול יוצאים ללכת אל עיירתנו ראדזיוויל ביחד עם מצילנו הנאמן והמדריך ווֹלוֹדקה. אנו נושמים לרווחה את האויר הצח, נהנים משמי התכלת הבהירים, מקרני־הפז של השמש המאירה, רוח חרישית מלטפת ומנחמת אותנו — סוף־סוף אנו חפשים! עלינו להתחיל חיינו מחדש.

אנו באים לראדזיוויל, רואים את החורבות של בתי היהודים — קשה להכיר את העיירה היהודית מלפנים. בתי היהודים תפוסים בידי נכרים, השתכנו בהם השכנים הגויים, אין זכר ליהודי פה. הכל זר לנו, אין אל מי לדבר ואין למי לספר. רק משפחתו של מצילנו מתעסקת בנו, מקבלים אותנו בשמחה לתוך ביתם, משל היינו אחיהם ואחיותיהם. ווֹלוֹדקה עורך סעודה גדולה, מגיש משקה, ואנו שותים לחיים, לחיי גאולתנו ושחרורנו! מחליפים ברכות ואיחולים להצלחה בחיים המחודשים, ווֹלוֹדקה קוביט, כוס היי"ש בידו, פונה אלינו בדברים הבאים:

ילדי היקרים שנותרתם בחיים! יודעים אתם יפה את אשר עשיתי למענכם כדי להצילכם. ניאָ זאַביוואַיטאָ וואַשאָוו ספּאַסיטאָליאַ — באשר תהיו אל תשכחו את מצילכם ווֹלוֹדקה קוביט!

ובישבי כך ליד השולחן התענינתי בפרטים מדרכה האחרונה של אחותי. מספרים לי על הכומר „הקדוש" לאנגין טאראנובסקי שגירש בעצם היום את אחותי סימה אוקס וילדה. בעלה, שאותו החזיקו כל הלילה במשטרה, בידעו את הצפוי לו הרעיל את עצמו. סימה אוקס וילדה הוסגרו בידי הרוצח העירוני דאָמקו שירצחם. מספרים על הרגע הטראגי ביותר כאשר הילד ליוסיק צעק. „אמא־מא, אמא־מא! מדוע רוצים להרגנו?" דמעות חונקות אותי, לבי נשבר בקרבי, כאבי אנוש.

אני עורכת זה לעומת זה את הכומר „הקדוש והעדין" טאראנובסקי עם הצלב הגדול שעל לבו, המטיף מוסר ודת ומצטט פסוקים מן התנ"ך, כמו „לא תרצח!", ונהפך לחיה אכזרית בדמות אדם; ואת הגוי הפשוט והעדין ווֹלוֹדקה קוביט, שנודע בעיר כגנב הגדול ביותר וגילה טוב־לב אנושי, רחמים ואהבה, ללא התחשבות בסכנה הצפויה לחייו הוא, כלפי היהודים המעונים והנידונים למות על לא עול בכפם. איני מוצאת תשובה לכך, הלב שותת דם, ותוגה עמוקה מסביב...

עתה, לעולם אל לנו לשכוח את אשר עוללו לנו הגרמנים־הרוצחים. אל



הילד ליוסיק אוקס



סימה אוקס

לנו לשכוח, כי גם אלה אשר נותרו בחיים אחרי החורבן הגדול והרצח האיום של ששת המליונים היהודים אינם אלא מתים־למחצה, חולים, שבורים ורצוצים, בדומה לעץ שנגדעו שרשיו. חובה עלינו לתאר את הטראגדיה הנוראה של עברנו למען הדור הצעיר, שיקראו ויזכרו את אשר עוללה החיה האכזרית ההיטלרית לעם היהודי בימי מלחמת העולם השניה.

אנחנו, אלה שנותרנו בחיים והגענו עד יום השחרור, הסתובבנו כזרים בעיירה שבה נולדנו וגדלנו, באין את מי לפקוד לשלום וללא כל עתיד. פוגשים אנו פה ושם בודדים שרידי משפחות גדולות עטופי יגון וצער ומרגישים כי מיותרים אנו כאן, כי לא נוכל להתחיל את חיינו מחדש במקום זה שדמי אחינו ואחיותינו צועקים אלינו מכל קיר, מכל שעל אדמה... סביבנו זאבים טורפים, המרחמים עלינו על כי... נשארנו בחיים. אנחנו נוסעים הלאה, הלאה ממקום ההריגה, דרך כפרים, ערים ועיירות, ובאים לארצנו הנכספת, ארץ ישראל, שבה כל אחד מאתנו מתחיל את חייו מחדש, בונה את ביתו ואת משפחתו.

גם האחיות ליכטמאן שנותרו יחד עמנו בחיים מאושרות הן בבנין ביתן ומשפחותיהן. לצערנו הרב הושבת אשרן של שתי האחיות: דבורה חלתה פתאום ומחלתה אנושה. יומים לפני מותה אמרה אלי: „שיינדה׳לה, הצלת אותי מיד הגרמנים, אולם עתה קצרה ידך מלהושיעני, גורלי נחתם״. היא שבקה חיים ללא עת. נשמור את זכרה תמיד עמנו.

אנו שרידי השואה יוצאי ראדזיווילוב ממשיכים מזמן לזמן להתאסף בביתי, לשוחח על הא ואל דא, בלי לשכוח אף לרגע את אשר עבר עלינו. אנו מעלים זכרונות מהעבר האיום, מהמקום שבו עזבנו את יקירינו ואהובינו לנצח. יהי זכרם ברוך!

עיבד: אריה איזן

שלמה ואסר ובני משפחתו



שלמה ואסר



בתו יוכבד

שלמה ואסר נולד בשנת 1888. הוא ניספה באורח לא ידוע.

בתו יוכבד, שכינוה סוניה, היתה חניכת בית־הספר „תרבות״ בראדזיווילוב ואחר כך סטודנטית באוניברסיטה של לבוב, נהרגה בידי הגרמנים ב־1941 בלבוב.

אחיו של שלמה, דוד ואסר, נרצח בתוך קבוצת צעירים למחרת פלישתם של הגרמנים אל העיירה.

האחות שרה, אשתו של משה הלפרן, שנהרג בראדזיוויל, ניצלה בנס, הגיעה לארצות הברית ומתה שם בשנת 1963.

האחות השניה, אשתו של שלמה, חיה בעכו.

תולדות הצלתה של שרה הלפרן


יחד עם כל בני משפחתה התחבאה שרה בבור ביער בעזרתו של האיכר איוואן קרוג. נודע לגרמנים כי קבוצת יהודים מתחבאים בבור, הקיפו את המקום וציוו על כולם לצאת, שאם לא — יהרגום. הכל צייתו לפקודה ויצאו, ומיד נרצחו ביריות. הגויות נשארו במקום באין קובר.

שרה התאוששה באישון לילה, זכרה את אשר קרה, ראתה את כולם שוכבים מתים, החלה זוחלת בכוחותיה האחרונים והגיעה עד ביתו של אחד האיכרים. זה הכניסה לביתו, חבש את פצעה, ואחר כך הביאה לברודי, אל אחיו של בעלה, רופא. הוא הכניסה לבית־החולים, עשה לה ניתוח בגרון והצילה. אולם זמן רב לא יכלה להישאר בבית־החולים, נאלצה לצאת משם ולחפש לעצמה מחסה. נדדה בשדות, עד שיום אחד מצאה איכר שיצא לעבודתו, ריחם עליה והעבירה למרתף שבביתו. שם נמצאה כבר אשה אחת עם ילדה. יום־יום היה האיכר מביא להם לחם ומרק. במקום זה היא נשארה עד יום השחרור.

אחרי שיצאה מן המרתף רצה בכיוון אל העיירה. נפגשה בדרכה עם הגברת איטה גון ויחדיו פנו לעבר דובנו, אחרי שלא מצאו דבר מכל מה שהיה להן בראדזיווילוב. שרה התעכבה כאן כמה שבועות, יצאה לפולין, ומשם דרך שטוטגארט שבגרמניה לארצות הברית.

נוראות החיים בימי הנאצים הטביעו את רישומן בה. היא חלתה, שותקה, ובשנת 1963 נפחה נפשה.

פון דער פארגאנגענהייט



ר׳ יוסף רויזמן מברך את שלמה, בנו של לייב אייזן, להיכנסו בעול המצוות
ר׳ יוסף רויזמאן באַגריסט שלמהן, דעם זון פון לייב אייזן צו דער בר־מצווה.

ראדיוויל אין מיין זכרון...*

מיט האַרץ־קלאַפּעניש פארנעם איך זיך ארויפברענגען אויפן פּאַפּיר מיינע דערינערונגען וועגן מיין געבוירן־שטאָט ראדיוויל. יעדן מענטש איז טייער דער פּלאַץ, ווו זיין וויגעלע איז געשטאנען, און אוודאי זעט דער פּלאַץ אויס פשוט פארהייליקט נאָכן אָפּלויף פון צענדליקער יאָרן, און שוין אוודאי און אוודאי נאָך אונזער גרויסן חורבן.

ראדיוויל שטייט פאר מיר ווילעבעדיק, ווי איך האָב די שטאָט געזען שוין אין די גאָר יונגסטע יאָרן מיינע. ביי אונז אין דער משפחה פלעג מען זיך וויצלען, אַז איך געדענק זאכן, וואָס זיינען געשען נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן. צי דאָס איז באמת אזוי, ווייס איך נישט, אָבער די לאנדשאפט, די סביבה, די מנהגים האָב איך איינגעזאפּט אין זיך, ווי שוין געזאָגט, אין מיינע גאָר יונגע קינדער־יאָרן.

מיר דוכט זיך, אַז כדי צו האָבן א גענויע פאָרשטעלונג וועגן ראדיוויל, דארף מען די שטאָט זען פון צוויי פּונקטן: אַ ראדיוויל ווי אַ גרעניץ־שטאָט, מיט אַ גרויסער צאָלקאמער (טאמאָזשניא), ווי מ׳הט עס גערופן אין רוסיש. אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען געווען 6 ערשטקלאַסיקע „טאמאָזשניעס״, און ראדיוויל איז געווען איינע פון זיי. ראדיוויל איז געווען געאָגראפיש אַ באקוועמער פּונקט פאר עקספּאָרט־אימפּאָרט. פון רוסלאַנד איז געגאנגען אין מערב אַ גרויסער עקספּאָרט פון לאנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן — פון תבואה, עופות, הייער. אָט ביי די בראַנזשעס זיינען געווען באשעפטיקט צענדליקע פאַמיליעס, וואָס האָבן געפירט אַ שיין באלעבאטיש לעבן. פון אויסלאנד — דורך בראָדי (אָדער בראָד ווי יידן האָבן עס גערופן), זיינען געגאנגען פארשיידענע סחורות, און עס האָבן עקזיסטירט אין ראדיוויל א גרעסערע צאָל משרדים פון צאָל־אַגענטן, וואָס האָבן דערלעדיקט די צאָל־אנגעלעגנהייטן (מכס). דאָס איז געווען אַ ענין פון גרויסן פארנעם און אין משרדים האָבן געארבעט א גרעסערע צאָל מיטארבעטער, מיט גוטע גאזשעס און געפירט אַ שיין לעבן. צוויי מאָל אין טאָג — אין דער פרי פון 10 ביז 12 און

* דער ארטיקל איז געפונען געוואָרן נישט פארענדיקט אין דעם עזבון פון דוד שיין ז״ל.

פאַרנאַכט פון 6 ביז 8, האָט עס אויפן וואָקזאַל געקאָכט ווי אין אַ קעסל, צוגן זיינען געקומען און אַוועק. עס איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג פון פּאַסאַזשירן, און אַרום דעם אַלעמען האָבן זיך געדרייט, אַזוי צו זאָגן, אַביסל יידן — קליינע עקספּעדיטאָרן. עס איז אויך געווען אַביסל האַלב־אָפּיציעלע ארבעטן, אָבער יידן האָבן געמאַכט אַ לעבן, און טאַקע אַ בכבוד לעבן. אַחוץ דער באַן איז געווען אויך די קליינע גרעניץ, ווי מ׳האָט זי גערופן. ראַדיוויל איז געלעגן 4 קילאָמעטער פון דער עסטרייכישער גרעניץ, און פון דער גרעניץ ביז בראָד איז געווען 5 קילאָמעטער. דאָס הייסט, אַז צווישן ראַדיוויל און בראָד איז דער מרחק געווען 9 קילאָמעטער. דאָ פלעגן אויך יידן ציען פּרנסה, אין מער אָרעמען פאַרנעם. געווען אַ געוויסע צאָל יידן, וואָס פלעגן יעדן טאָג מיט אַ נעבעכדיקער קלאַטשע, אריינקומען קיין ראַדיוויל פון בראָד, און דורכגעפירט אַ יעגער פּאָרל וועש, אַ שוואַרצע „שפּיצן״־שאַל, אָדער „ליאָנער״־שאַל, ווי מ׳פלעגט זיי אָנרופן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. צוריק האָט מען געפירט אַ הינדל, א פּאָר הייער, און נאָך אַזעלכע זאַכן. קיין גרויסע הצלחות זיינען דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, אָבער דאָס איז געווען די פּרנסה און פון דעם האָט מען „געזשיפּעט״. גערופן האָט מען אָט די פּאָרער „שערגעניקעס״, אָדער „שערגעניצעס״, הגם קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס וואָרט באַדייט.

מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז צוליב דער גרעניץ האָט אין ראַדיוויל סטאַנציאָנירט אַ פּולק „פּאָגראַניטשנאַי־סטראַזשי״ — גרעניץ־וואַך און אַ פּולק קאָזאַקן. זיינען אויך געווען, פאַרשטייט זיך „פּאָדריאַדטשיקעס״ — ליפעראַנטן, און דאָס האָט אויך געגעבן פּרנסה אַ היבשע צאָל משפּחות. בסך־הכל אַ פּרנסה־שטעטל, מיט אַ רואיק, געזעלשאַפטלעך, קולטורעל לעבן.

דער צווייטער „זייל״ — אַזוי צו זאָגן פון יידישן לעבן אין ראַדיוויל איז געווען „משה מענדל־גינזבורג״. ער האָט כשר פאַרדינט פאַראייביקט צו ווערן אין זכרון פון אַלע ראַדיווילער, און אים איז אין אונזער בוך געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל. זיין שטענדיק וווין־אָרט איז געווען פּעטערבורג (היינט לענינגראַד), אָבער אין ראַדיוויל האָט געוווינט זיין אַלטע מוטער, צו וועלכער ער איז געווען זייער צוגעבונדן ווי אויך אַ ברודער מיט זיין פאַמיליע (שמואל מעס), און א סך קרובים. גינזבורג, אָדער פשוט משה מענדל, ווי מ׳פלעג אים רופן פלעג כמעט יאָר־יערלעך קומען זיך זעען מיט דער משפּחה. עס איז דעמאָלט אין שטאָט געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג. הגם זיין אַלטיטשקע מוטער — ראַסיע ז״ל — פלעג מיט אַ ברייטער האַנט טיילן אַ סך צדקה, און עס זיינען געווען

פאַמיליעס, וואָס האָבן פשוט געלעבט פון אָט דער שטיצע, פלעג דאָך די שטיצע טראָגן א ברייטרן כאַראַקטער בשעת גינזבורג׳ס זיין אויפן פלאַץ. מ׳קען זאָגן, אַז ער האָט אַ סך מענטשן פשוט „געשטעלט אויף די פיס״.

די אויבן דערמאָנטע צוויי פאַקטאָרן זיינען פאַקטיש געווען דער פונדאמענט פון דער עקאָנאָמישער לאגע פון דער שטאָט. אָבער עס איז אויך געווען, אין דער גאָרנישט אזא גרויסער שטאָט אַ גאנץ היבש אַנטוויקלטע אינדוסטרי. עס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די זין פון שמואל מעס (פלימעניקעס פון גינזבורגן) אַ קנעפל־פאַבריק, עס האָט עקזיסטירט אַ פאַבריק פון שטולן (ווינער שטולן פלעגט מען זיי רופן), וואָס האָט געהערט צו זינדל זאקס. צוויי פאַבריקן אויס־צוארבעטן ליכט: 1) גאָלדגארט־ליבערמאַן, 2) סטרוימאַן־בראַנדווייין, און אויך אַ ביר־ברויערײַ.

דער אויסערלעכער אויסזען פון שטעטל האָט עדות געזאָגט אויף איר וווּילשטאנד. עס זיינען געווען שיינע הייזער, געהאַלטן אין א גוטן צושטאַנד, נישט נאָר אויף דער פרינציפּאַלער גאַס, די ליפּאָווע, נאָר צעוואָרפענע איבער דער גאנצער שטאָט. עס זיינען געווען, נעמענדיק אין אַכט די נישט גרויסע באפעלקערונג, מערערע אייגענע קאָטשן, אָדער „ווייעזדן״, ווי מ׳פלעג זיי רופן, מיט אָנטרייבערס אין שיינע, פארביקער קליידונג. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דער שטאָט דעם קאָלאָריט פון וווּילטאָג און מ׳האָט נישט באַמערקט קיין טיפּישן יידישן דלות. הגם, פארשטייט זיך, עס איז אויך געווען, אַ געוויסער פּראָצענט קבצנים.

אין שטאָט זיינען געווען צוויי קלובן — איינער אַ געזעלשאַפטלעכער „גראַזשדאַנסקי״, אין הויז פון מאכאן דעם אַפּטייקער, און דער שאכמאַט־קלוב אין הויז פון יונה שיין. אָבער דאָס האָט ווייט נישט אויסגעשעפּט דאָס קולטורעלע לעבן פון דער שטאָט. עס איז שוין דעמאָלט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געפירט געוואָרן א פארצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט, דאָס פארקויפן שקלים, פארשפּרייטן אַקציעס פון קאָלאָניאַל־באנק, פארשפּרייטן די ציוניסטישע פּרעסע, אין דער ערשטער ריי, פארשטייט זיך די „הצפירה״, אָבער אויך אַנדערע אויסגאבעס אין העברעאיש. מ׳דארף נעמען אין אַכט, לגבי דער נישט גרויסער באַפעלקערונג, זיינען דעמאָלט אין ראדיוויל געווען, פארהעלטניסמעסיק, אַ היבשע צאָל העברעאישע לערער. דאָס זיינען געווען — סענדער ספרים ז״ל, מ׳האָט אים גערופן סענדער קורא, ווייל ער איז געווען דער בעל־קורא אין דער גרויסער שול. עס איז געווען הר׳ אייזיק שטאף, אַ מענטש מיט איינגעבוירענע פּעדאגאָגישע פעאיקייטן; אויך




קבוצת מורים ותלמידים של בית־ספר עממי בהנהלת אברהם זץ
אַ גרופּע לערער און תלמידים פון פאָלקס־שול אונטער דער לייטונג פון א. זאץ



ילדי בית־ספר בטיול — שול־קינדער אויף אַ שפּאַציר

כ״ץ (איך געדענק נישט זיין ערשטן נאָמען), ער איז שוין געווען אַ מער מאָדערנער לערער; אויך בנימין פינקלשטיין ז״ל; און אביגדור מעלמאן (אביגדור שרייבער פלעג מען אים רופן). ער האָט איבערהויפּט געלערנט מיט מיידלעך. אין די שפּעטערע יאָרן איז צוגעקומען אברהם־יהודה פּאָלאָק פון בערעסטעשקע (אין ראדיוויל האָט מען אים בלויז געקענט אַלס אברהם יהודה). דער אברהם־יהודה און בנימין פינקלשטיין האָבן געפירט אַ פּיאָנערישע ארבעט אויפן געביט פון פארשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך; זיי האָבן געגרינדעט קורסן פאר דערוואקסענע. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער ציוניסטישער ארבעט, ווי זי איז דעמאָלט אויפגעפאסט געוואָרן.

אַ גרויסע צאָל קינדער זיינען געפאָרן ממשיך זיין זייערע לימודים אין די נאָענטערע גרעסערע שטעט — דובנע, קרעמעניעץ, ראָוונע א. א., אָבער עס זיינען געווען אַ סך פאלן, ווען עלטערן האָבן אַוועקגעשיקט זייערע קינדער אין ווייטערע שטעט, כדי זיי זאָלן לערנען אין ספּעציעל יידישע שולן. איך אַליין צ. ב. בין אַוועקגעפאָרן קיין ווארשע און געלערנט אין דער קאָמערץ־שול פון קרינסקי;



בית־ספר יהודי ממלכתי לפני מלחמת העולם הראשונה
די יידיש־מלוכהשע שול פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

משה גאָלגארד׳ס קינדער האָבן געלערנט אין דער ווילנער גימנאַזיע פון קאַגאַן. נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די גימנאזיע פון קאַגאַן אַריבער קיין יעקאַטערינאָסלאוו (דנעפּראָפּעטראָווסק), און איך האָב דאָרטן



בית־ספר פולני עממי — אַ פּוילישע פאָלקס־שול

באַקומען מיין מאטורע (בגרות־צייגניש); און עס איז אפילו געווען אַ פאַל, ווען אַ יינגל פון ראדיוויל איז אַוועקגעפאָרן לערנען אין דער „הרצל״־גימנזיע אין תל־אביב. איז געווען הייסט עס אַ דראַנג צו בילדונג, ווי אויך צו געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. איך וואָלט זאָגן, אַז דער אינטעלעקטועלער ניוואָ פון דער ראדיווילער באפעלקערונג איז בכלל געווען אַ זייער באפרידיגנדיקער, באזונדער פון דער יוגנט.

אויב מ׳זאָל נעמען אין אַכט, אַז אויף דער פארהעלטנישמעסיק קליינער באפעלקערונג (...יידישע איינוווינער), זיינען געווען צוויי אומזיסטע רעגירונגס־פאָלק־שולן: איינע פאר יינגלעך און איינע פאר מיידלעך; אַחוץ דער מעגלעכקייט צו געניסן פון דער אלגעמיינער שול, וועלכע האָט עקזיסטירט אין שטאָט, פון דער האַנטווערקער־שול און א פריוואַטע פּראָ־גימנאַזיע פאַר מיידלעך, אַנגעפירט

דורך דער אייגנטימערין פרוי סווירסקא, קען מען דרייסט זאָגן, אז עס איז כמעט נישט געווען קיין יוגנטלעכער, וועלכער זאָל נישט באַזיצן קיין עלעמענטאַרע שול-בילדונג. דאָס האָט אין ווייטערדיקן עטאַפּ געגעבן אַ שטויס צו א פאראינטערע־סירונג מיט ליטעראטור, פּאָליטיש־סאָציאלע פראגן. דען אין דער קליינער קהילה זיינען געווען חוץ ציוניסטן אויך פּאַרטייען פון אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, ווי „בונד", פועלי ציון א. א. אין שטאָט האָט מען פון זיי נישט שטאַרק געהאַלטן — מ׳פלעג זיי רופן „די שוואַרצע העמדלעך", אָבער זיי האָבן געלייענט, דיסקוטירט, און ווען נישט די פּאָליטישע ריכטונג, וואָלטן זיי באשטימט פארבליבן אַ סך צוריקגעשטאַנען. אַזוי פלעג מען דערציילן אין שטאָט אַ קוריאָז, אַז איינע אַ „בונדאָווקע", וועלכע האָט באמת זיך איבערגעגעבן דער פּאַרטיי־אַרבעט מיט לייב און לעבן ווי מ׳זאָגט, האָט בשעת אַ קריגעריי מיט איר „אָפּגעשטאנענער" מוטער אויסגעשריגן: „אָך און ווי איז צו מיינע יאָרן, אַז ניקאָלאַי איז מיין טאַטע און דו ביזט מיין מאַמע".

ס׳דארפן אויך דערמאָנט ווערן צו לויב די מלמדים פון שטאָט, וואָס האָבן געהאט אַ געוויסע השפעה אויף די ערשטע טריט אין לעבן פון די ראדיווילער קינדער. מ׳קען זאָגן, כמעט אויף זיכער, אַז די ווייט גרעסטע צאָל פון דער יוגנט האָט אָנגעהויבן פון חדר ד. ה. פון דרדקי מלמד. צוויי זיינען זיי געווען —



בית־ספר בהנהלת א. זץ, 1923 — פאָלקס־שול אונטער דער לייטונג פון א. זאץ

ר׳ מיכל מלמד ז״ל (ביי וועלכן איך האָב געלערנט) און ר׳ זלמן הירש (זיינער אַ אייניקל געפינט זיך אין לאַנד). נאָך ר׳ מיכל מלמד בין איך, און אויך אנדערע אין מיין עלטער, אָנגעקומען צו ר׳ ישראל־יונה, ווו מ׳האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י. אויף דער זעלבער שטופע איז אויך געשטאַנען דאָס חדר פון אבא מלמד, אָדער מער מאָדערנן איינגעריכטעט — אַ מין חדר מתוקן. דערנאָך בין איך, אַלץ מיט די איבעריקע יינגלעך אין מיין עלטער, אָנגעקומען צו מרדכי נפתלה׳ס (דער חזן שני פון דער גרויסער שול) ; ביי אים האָט מען שוין געשמאַק געלערנט תנ״ך. דאַן בין איך אָנגעקומען צו דוצי מלמד. דאָס איז שוין געווען אַ ספּעציעלער מלמד — אַזוי צו זאָגן — א לערן־אנשטאַלט מיט א העכערן ניוואָ, ווו מ׳האָט געלעגט דעם טראָפּ ספּעציעל אויף גמרא. ביי אים פלעג איך ממשיך זיין דאָס לערנען אין די זומער חדשים בשעת איך בין פון וואַרשע אַהיים געקומען אויף די זומער־פעריען. עס קען זיין, אַז איך האָב דורכגעלאָזט נעמען פון נאָך מלמדים, ווייל צום בעסטן געדענק איך די, ביי וועלכע איך האָב געלערנט. דאָך געדענק איך גוט נאָך צוויי נעמען פון בכובדע מלמדים, און דאָס זיינען געווען : ר׳ אהרל׳ה, די לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין הקדש, און די געוועזענע תלמידים זיינע, ריכטיקער די משפחות פון זיינע תלמידים פלעגן אים שטיצן. איך געדענק אים צוליב דעם, ווייל מיין עלטערער ברודער — אַביש, איז אויך געווען פון זיינע תלמידים און איך פלעג אים באַזוכן אַלס שליח פון דער היים מיט אַ פּעקעלע... אויך געדענק איך דעם מלמד פון דער „הכערער מדריגה ר׳ איציק לייב. ער האָט געוווינט לעבן דער גרויסער שול, ביי דער זייט פון הויז פון רבי ר׳ איציקל זצ״ל.

איך קער זיך צו דער טעטיקייט פון די אינסטיטוציעס. אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט אין ראַדיוויל פאַרנומען די סאָציאַלע הילף. די אַלע שיינע אינסטיטוציעס, וואָס גינזבורג האָט אויפגעבויט האָבן געהאַט זייערע ביודזשעטן, און אויב אפילו גינזבורג האָט זיי געשטיצט מיט אַ געוויסן סכום, איז דאָך די לאַסט געלעגן אויף דער באַפעלקערונג. אַזוי ווי די עקאָנאָמיש־פעסטערע שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג — אגב אַ גאַנץ היבשע — האָט גערן מאַניפעסטירט אירע מעג־לעכקייטן, האָט זיך אין שטאָט געשאַפן אַ נוסח פון רייכטום נישט נאָר אין שטוב ביי זיך, נאָר אויך אין אויסהאַלטן די אינסטיטוציעס. אַלס ביישפּיל וויל איך ברענגען דעם הקדש. מיר ווייסן אַלע ווי עס האָט אויסגעזען אַ הקדש אין די יידישע שטעטלעך, אָבער דער ראַדיווילער הקדש איז געווען אַ אויסנאַם. די

אָרעמעלייט האָבן באמת געהאט אַ גוטע אויפזיכט, אויף וויפל דאָס קאָן געזאָגט ווערן לגבי אַ הקדש.

ראדיוויל אלס גרעניץ־שטאָט האָט אויך געהאט אַ ספּעציפיש גרעניץ־סאָציאַלע פראגע. דורך ראדיוויל פלעג דורכגיין אַ גרויסער שטראָם עמיגראַנטן קיין אַמעריקע. אין ראדיוויל פלעגן זיי שוואַרצן די גרעניץ, און פון בראָד שוין פריי פאָרן קיין האמבורג, אָדער אַנטווערפּן. דאָרטן זיינען געווען יידישע הילפס־קאָמיטעטן, וועלכע פלעגן העלפן די עמיגראַנטן אָנקומען צו זייער ציל. עס איז אָבער געווען צווישן זיי אַ סך קראַנקע, ספּעציעל אויגן־קראַנקע, און אויף דעם האָט מען אין די אימיגראַנטן־לענדער שטאַרק מקפיד געווען. עס זיינען דעריבער אַ געוויסע היבשע צאָל פון זיי צוריקגעשיקט געוואָרן. מ׳פלעג זיי צושטעלן ביז דער גרעניץ אין בראָד, און דאַן פלעג די עסטרייכישע פּאָליציי זיי ברענגען צו דער פּאָליציי אין ראַדזיוויל, און פון דאַנען פלעגט מען זיי מיטן עטאַפּ אָפּשיקן אין זייערע וווין־ערטער. דער עלטערער דור געדענקט גוט וואָס דאָס האָט געהייסן „גיין מיטן עטאַפּ". מ׳פלעגט די מענטשן טרייבן פון איין דאָרף אין צווייטן צופוס (וועגענער האָט מען געגעבן נאָר פאַר אַלטע און קראַנקע, וואָס זיינען פשוט געפאַלן פון די פיס), און אין יעדן דאָרף פלעג דער סטראַסטע



אנשי ראדזיווילאָב במסיבה אצל סירוטה


ראדיווילאָווער ביי איין קבלת־פּנים ביי סירוטה

איבערגעבן די גרופּע צום צווייטן סטאַראָסטע, וועלכער האָט זיי ווייטער באַגלייט ביזן נעכסטן דאָרף, און אַזוי ביז זייער וווין־אָרט. דאָס איז געווען פּשוט אַ טויט־אורטייל. באַזונדער טראַגיש איז געווען די לאַגע פון קינדער ווען מען האָט די גאַנצע פאַמיליע דורכגעלאָזט נאָר איין קינד צוריקגעשיקט. דער טייל סאָציאַלע הילף איז דעריבער געווען אַ שווערער, ווייל מ׳האָט געדאַרפט האָבן גרעסערע מיטלען. מ׳האָט די מענטשן געדאַרפט שטיצן מיט געלט, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען קויפן עסן אין וועג, און אויך זיי באַזאָרגן מיט באַן־בילעטן. חוץ דעם האָט געדאַרפט פאַר זיי געגעבן ווערן אַ שריפטלעכע פאַרפליכטונג, אַז זיי וועלן צוריקקומען צו זיך אַהיים. און דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין דער אַקציע האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע באַפעלקערונג, און אַ גאָר גרויסן אָנטייל האָט אין דער הילף גענומען דווקא „עמך״. זיי פלעגן אריינעמען צו זיך אין שטוב מענטשן איבערצוגעכטיקן, געהאָלפן מיט שפּייז, געפירט צו דער באַן אָן באַצאָלונג. איך געדענק, אַז אויך ביי אונז האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אַ מיידעלע, דוכט זיך בערך 8—6 יאָר, ביז מ׳האָט זיך צונויפגעשריבן מיט אירן אַ זיידן אין געגנט פון זשיטאָמיר, וועלכער איז זי געקומען אַהיימנעמען.

אויך דאָס רעליגיעזע לעבן אין ראַדיוויל האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרנעם. הגם עס זיינען נישט געווען ביי אונז קיין חסידים אין פולן זין פון וואָרט, ווי אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך, איז אָבער אַלץ געווען שטרענג טראַדי־ציאָנעל־מאַיעסטעטיש.

מ׳דאַרף אָנהויבן פון דער גרויסער שול. לויט פאַראַנענע ידיעות איז זי געשטאַנען 104 יאָר, ד. ה. אַז זי איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1811. אין יאָר 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי לויטן באַפעל פון אַ עסטרייכישן אָפיציר, צוליב סטראַטעגישע טעמים, אויפגעריסן געוואָרן. נאָך דער מלחמה, האָט מען די שול, מיט דער שטיצע פון גינזבורגן, צוריק אויפגעבויט, אָבער צו איר ערשטער פּראַכט איז זי שוין נישט געקומען. דאָס איז געווען אַ יקר המציאות פון דעם טיפּ הילצערנע שולן, וועלכע מ׳האָט ווייניק געטראָפן. זי איז געווען קאָלאָסאַל גרויס, זי האָט געהאַט די הויך פון אַ פיר־שטאָקיגע געביידע, מיט אַ פּראַכטפולן ארון קודש, און אין מיטן מיט אַ גרויסן בעלעמער. דאָס אויסמעבלירונג שיין און מאַיעסטעטיש, מאַסיוו, מיט גרויסע, קאָלאָסאַלע מעשענע קאַנדעלאַבערס. פון ביידע זייטן פון ארון קודש זיינען געווען צוויי זיץ־פּלעצער, פאַרמאַכטע פון די זייטן און מיט אַ דעכל — „בודקעלעך״ — פלעג מען זיי רופן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, ערן־פּלעצער. אין איינער אַזאַ

בודקעלע פלעג זיצן דער רעגירונגס־ראַבינער „קאַזיאָני ראַווין״, און אין דער צוויטער דער „נייער״ רב. די ווענט פון דער שול זיינען געווען קינסטלעריש געמאָלט מיט תנ״ך־בילדער, דער סופיט באַצירט מיט די 12 מזלות. דאָס איז באמת געווען אַ היכל הקודש. באַזונדער האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון די שול אין די יום־טוב־טעג, באַזונדערס אין די ימים־נוראים. די פייערלעכע שטילקייט צו כל נדרי, די ערנסטע פנימער פון די שבת־יום־טוב־דיקע יידן, האָט געשאפן אַ אַטמאָספער פון פארכטיקייט און ציטערניש, אַ געפיל, אַז מ׳שטעלט זיך באמת צום יום הדין. און אָט גייט פּאַמעליך אַרויף אויפן בעלעמער דער חזן — יענקל דער זוויהילער (ער האָט געשטאַמט פון זוויהיל־נאָוואָגראַד־וואָלינסק) מיט זיין מאַיעסטעטישער פיגור, מיט דער ברייטער, ווייסער באָרד, אַרום אים אַ גאנץ באדייטנדיקער כאָר, אַלץ אין דערוואַרטונג, אלץ אין שפּאַנונג, און דאַן ווי אַ דונער דער קלאַפּ פון דעם שמש (שמואל שמש ז״ל) מיטן „פּראַטש״, און עס דערהערט זיך די מעכטיקע באַס שטימע פון יענקל דעם חזן — כל נדרי... פארשטייט זיך, אַז אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך, איז דער



בית העלמין — דער בית הקברות

כל־נדרי מאָמענט געווען אַ פייערלעכער, אָבער פאַר אַזאַ קליינער קהילה ווי ראַדיוויל, איז דאָס געווען אַ גרויסער פאַרנעם און אַ גרויסע פראַכט.

איך האָב אָנגעהויבן פון דער גרויסער שול, אָבער אין שטאָט זיינען געווען נאָך אַ סך בתי־מדרשים. קודם כל דער שפּאַנישער בית־המדרש (לעבן דעם בית־מדרש איז געווען אַ אַלטער בית־הקברות, וועלכער איז געווען אַ עדות, אַז יידן האָבן שוין געלעבט אין ראַדיוויל הונדערטער יאָרן, און זיינען אַהין אָנגעקומען נאָכן גירוש שפּאַניע). אין שפּאַניער בית־המדרש האָט געדאַוונט אַ טייל פו דער אַזוי גערופענער „אַריסטאָקראַטיע״.

דער גרויסער בית־המדרש, דער באַראַניער, די אָסטרער קלויז, דער שניידער בית־המדרש, און דאַן אַ גאַנצע ריי פון בתי־מדרשים ביי די רביים. אַ בית־מדרשביים רב ר׳ חיים זצ״ל (דער „אַלטער״ רב), ביים רבי ר׳ איציקל, ביים רבי ר׳ יוסעלע, ביים ר׳ לוי זצ״ל. עס איז אויך געווען דעם רבינ׳ס בית־המדרש. עס זיינען אויך געווען אַ טריסקער קלייזל, אַ אָליקער, אַ אָסטראָווער, דער באַראַניער בית־המדרש, דער זאַמד־בית־מדרש, און אויך אַ בית־המדרש, וואָס מ׳האָט גערופן זיסיע קאַפּס (איך ווייס נישט פון וואַנעט דער נאָמען שטאַמט). אַזוי אַרום איז צו זען, אַז אין שטאָט איז געווען אַ גרעסערע צאָל בתי־מדרשים, אַחוץ דער גרויסער שול און אַלע זיינען אַלע מאָל געווען גוט באַזעצט.

אַזוי אַרום קומען מיר צום אויספיר, אַז ראַדיוויל איז צווישן די הונדערטער און הונדערטער יידישע שטעטלעך געווען אַ געוויסער אָזיס, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַ רוהיקן, בכבודיקן עקאָנאָמישן לעבנס־שטייגער, סיי פון עקספּעדיטאָרן, סוחרים, האַנטווערקער, פרייע פּראָפעסיעס, מיט אַ פאַרצווייגט, קולטורעל לעבן. דאָס אַלץ איז דאָס ראַדיוויל פון דער צייט ביזן ערשטן וועלט־קריג אין 1914, פאַרשטייט זיך מיט אַלע ווירקונגען און געשעענישן פון יענער צייט.

ראַדזיווילער שול און דער ארון-קודש, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ דונער *


די גרויסע שול אין ראַדזיוויל האָט געשמט איבער גאַנץ אוקראַינע מיט איר אויסערגעוויינלעכער אַרכיטעקטור און זעלטענער אָריגינאַליטעט. הגם אַ הילצערנע, איז זי געווען געבויט זייער הויך, מיט פּרעכטיקע האַנט־געשניצטע געזימסלעך

* אויסצוג פון בוך „יידישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר פון אברהם רעכטמאַן. זכרונות וועגן דער עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע, אָנגעפירט פון ש. אנסקי.

און געטאָקטע גאַניקלעך; מיט טרעפּ געדרייטע, וואָס האָבן געפירט צו דער ווייבערישער שול, און נאָך העכער אַרויף ביז צו די פענצטערלעך פונם פירעקיגן געשניצטן טורעמל, אויפן סאַמע דאַך. איבערן טורעמל איז געווען א רונדיקער קאָלפּאַק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע סאַמעטענע יארמולקע. אינווייניק זיינען אויפ׳ן סופיט געווען אויסגעמאָלט די צוועלף מזלות. די ווענט זענען געווען באַצירט מיט זעלטענע מאַאַלערייען, באַזירט אויף פּסוקים פון תנ״ך, ווי למשל: „ההרים רקדו כאלים גבעות כבני צאן״, „ידינו פרושות כנשרי שמים, ורגלינו קלות כאילות״, „סוס ורוכבו רמה בים״ און אנדערע.

און פונקט ווי די מאַלערייען אַזוי זיינען אויך די פּסוקים גופא געמאָלן געוואָרן אין פּרעכטיקע קאָלירן־קאָמבינאַציעס. די אותיות גרויסע, שיין אילומינירט. ס׳איז קענטיק, אַז דער אנאָנימער קינסטלער האָט שטאַרק ליב געהאט די גראַפישע קונסט, ווי ס׳איז צו באַמערקן פון די אַנדערע פּסוקים און תפילות, געשריבן אין כתיבה־תמה, מיט וועלכער ער האָט באַצירט אלע פיר ווענט פון דער אָריגינעלער שול.

אינ׳ם ראדזיווילער פנקס־הקהל איז געווען פאַרשריבן, אַז אין דער צייט פונם צדיק ר׳ איציקל ראדזיווילער איז ר׳ וועלוועלע זבאַרזשער, דער זון פון ר׳ יחיאל־מיכל זלאָטשעווער, געקומען אויף אַ שבת קיין ראדזיוויל, און האָט



בית־הכנסת הגדול החדש

געדאַוונט אין דער גרויסער שול. איז אים די שול שטאַרק געפעלן געוואָרן, ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פון איר. נאָך שבת ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, און ביים געזעגענען, ווי זיין מנהג איז געווען, געבענטשט די שטאָט, האָט ער אויך געבענטשט די שול, אַז זי זאָל קיינמאָל נישט חרוב ווערן, און קיין פייער זאָל אויף איר קיין שליטה נישט האָבן.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז זיין ברכה שפּעטער מקוים געוואָרן בשלימות.

דאָס איז געווען אין יאָר תרמ״ג (1883), זונטאָג לסדר ואתחנן, צען אַזייגער אינדערפרי, האָט אַרויסגעבראָכן אַ העלישע שרפה. דאָס פייער האָט זיך גענומען פון אַ קצב׳ס הויז, וווּ מ׳האָט געפרעגלט שמאַלץ. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אַ הייסער, האָבן די פלאַמען אַרומגעכאַפּט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. דאָס רוב ראַדזיווילער הייזער זיינען געווען הילצערנע, און אייניקע געדעקט מיט שטרוי, זענען די הייזלעך געווען די ערשטע אויפן פייער. זיי זיינען באַלד פאַרשרפט געוואָרן ביזן יסוד. די איבעריקע שטיבער, די געמויערטע, האָט גענומען לענגער, ביז אויך זיי זענען אַוועק מיטן פייער. גאַנצע צוויי מעת־לעת האָט דאָס פייער געבושעוועט. די ראַדזיווילער תושבים, קינד און קייט, מיטן ביסל געראַטעוועטן האָב און גוטס, האָבן זיך פאַרקליבן אויפן בית־עולם, וואָס איז געווען אַ ווייטער מהלך פון שטאָט. דאָס גאַנצע שטעטל איז דעמאָלט אָפּגעווישט געוואָרן, דאָס פייער האָט אַלץ פאַרצערט, געבליבן איז בלויז די אַלטע הילצערנע שוּל. זי איז אפילו נישט אָנגערירט געוואָרן פונם פייער.

אַלע אַנדערע מקומות קדושים ווי די הוּסיאַטינער קלויז, די טריסקער קלויז, דעם רבינ׳ס בית־המדרש, דאָס באַראַניער בית־מדרש, די אַלע בתי־תפילה, וואָס זיינען ממש געווען באהעפט מיט דער גרויסער שול — זיי אלע זיינען אַוועק מיטן פייער. אָבער די אלטע גרויס הילצערנע שול איז על פי נס געבליבן גאַנץ, נישט באַרירט. דאָס פייער האָט איבער איר קיין שליטה נישט געהאט.

עדי־ראיה האָבן דערנאָך דערציילט, אַז זיי האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזעען, ווי בשעת די שריפה האָט זיך געהאַט פאַנאַנדערגעפלאַקערט, זיינען פון אלע פיר זייטן אָנגעפלויגן מחנות ווייסע טויבן. די טויבן האָבן זיך צעשטעלט איבערן גאַנצן דאַך פון דער שול, געפאָכטעט מיט זייערע פליגל און נישט דערלאָזט דאָס פייער צוצוקומען נאָענט.

***

די ראַדזיווילער זקנים ווייסן צו דערציילן וועגן נאָך אַ צווייטער מערקוויר־

דיקער געשעעניש, וואָס האָט שפּעטער פּאַסירט מיט דער זעלבער געבענטשטער שול.

דאָס איז געשען צען יאָר נאָך דער גרויסער שריפה. *

ראדזיוויל איז שוין דעמאָלט, מיט דער הילף פון אחינו בני־ישראל, רחמנים בני־רחמנים, צוריק אויפגעבויט געוואָרן. יידן האָבן זיך ווידער גענומען צו מסחר, און פרנסה איז געקומען בריוח. האָט קהל באשלאָסן, אַז לזכר פון דעם גרויסן נס, וואָס די שול איז ניצל געוואָרן פון דער שריפה, און אויך צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אין איר געהאט אריינגענומען די אָפּגעראטעוועטע ספרי־תורה פון אנדערע מקומות קדושים, וואָס זיינען נישט ניצול געוואָרן, זאָל מען לאָזן מאַכן אַ נייעם, גרויסן ארון קודש, וואָס זאָל זיין לשם ולתפארת.

זענען די ראשי הקהל געפאָרן קיין קרעמעניץ און פון דאָרטן אַראָפּגעבראַכט אַ באַרימטן שניצער, וואָס איז געווען אַ מפורסם אין אלע תפוצות אוקראינע ווי אַ גרויסער אומן־יד.

אַ גאַנץ יאָר האָט דער קינסטלער־שניצער געאַרבעט אויפן ארון־קודש און עס איז אַרויסגעקומען אַ כלי־מפואר, אַ זעלטן שיין קונסטווערק: געשניצטע לייבן און לעמפּערטן, הירשן און הינדן, אָדלערס, טויבן, קליינע און גרויסע באשעפענישן און אַלערליי בלומען. מבינים פלעגן קומען פון ווייטע שטעט ספּעציעל אָנצוקוקן דעם ארון־קודש און צו באַוווּנדערן זיין געבוי און די איידעלע שניצערייען.

און דער שניצער, ווען ער האָט געהאט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, האָט ער דעמאָלט אויסגעקריצט אויפן ארון־קודש, גאָר פון אונטן, דעם נאָמען זיינעם: עוזר ב״ר יחיאל, מעשה ידי להתפאר...

אין פינף חדשים אַרום, נאָכדעם ווי דער ארון־קודש איז שוין געווען פאַרענדיקט, דעם ערשטן טאָג שבועות, צווי אַ זייגער בייטאָג, האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אַ שטארקער שלאַקס־רעגן, מיט דונערן און בליצן. האָט אַ דונער אַ קראַך געטון איבער דער שול, צעשפּאָלטן דעם קאָלפּאָק אויפן דאַך, אַריין אין שול אינעווייניק און אַרויסגעברענט פונעם ארון־קודש פון אונטן דעם נאָמען פונעם שניצער אינאיינעם מיטן „מעשה ידי להתפאר״.

איז מען אין אַ קורצער צייט ארום געוואָר געוואָרן, אַז דער זעלביקער

---

* צוליב דעם, וואָס עס פלעגן פאָרקומען אָפטע שריפות איז געווען אַ געוויינטלעכע זאַך אין שטעטלעך צו פאַרצייכענען די יאָרן לויט דער צאָל שריפות: אַזויפיל יאָר נאָך דער ערשטער שריפה, אַזויפיל יאָר נאָך דער צווייטער שריפה א. א. וו.

שניצער האָט געהאַט געמאַכט נאָך פריער, עטלעכע ענלעכע שניצערייען אין אַ קאַטאָלישן קלויסטער. האָט מען אין דעם געזעען אַ מין חילול־הקודש, און ס׳איז קלאָר געוואָרן פארוואָס מ׳האָט מז השמים אויסגעבערענט דעם נאָמען זיינעם אינאיינעם מיטן „מעשה ידי להתפאר״.

בעת די עקספעדיציע האָט באַזוכט ראדזיוויל איז שוין פון דער אַלטער שול קיין זכר נישט געווען. דער מיליאָנער ר׳ משה גינזבורג, באוווסט ווי דער פּאָרט־אַרטורער באַראָן, אַ געבוירענער אין ראדזיוויל, וועלכער איז דורך דער רוסיש־יאַפּאנישער מלחמה געוואָרן אַ מיליאָנער, האָט מיט אַ ברייטער האנט געשטיצט זיין געבוירנשטאָט ראדזיוויל און דאָרטן אויסגעבויט אַ ריי בנינים פאר וווילטע־טיקע אינסטיטוציעס, האָט ער צו יענער צייט אויך איבערגעבויט די אַלטע שול און זי אינגאַנצן „מאָדערניזירט״, סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק. די אַלטע מעשענע מנורות און הענג־לייכטער אַרויסגעוואָרפן און אויף זייער פּלאַץ איינגעשטעלט עלעקטרישע לאָמפּן. אויף די ווענט איז נישט פאַרבליבן קיין זכר פון די אַמאָליקע מאלערייען. אַזוי אַרום איז בידים אָפּגעווישט געוואָרן יעדער שפּור פונם אַמאָליקן יחוס פון אַלטערטימלעכן גלאַנץ און פּראַכט פון דער געבענטשטער ראדזיווילער אַלטער שול.

באמערקונג*

א. ראדיוויל האָט נישט געהייסן „ראדזיוויל״ נאָר ראדזיווילאָוו־וואָלין, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. שפּעטער ביי דער ממשלה פון די פּאָלאַקן האָט די שטאָט געהייסן „ראדזיווילווו קאָלאָ בראָדאָוו״, און יידן האָבן די שטאָט גערופן פּשוט „ראדיוויל״. אַזוי איז אויך באַצייכנט דאָס קאַפּיטל פון שלום־עליכם „מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס״. דאָרטן איז צווישן אַנדערן געשריבן „ראדזיוויל איז גרויס ווי אַ געניץ און מ׳גנבעט דאָרטן די גרעניץ״.

ב. די אַלטע שול איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפגעריסן געוואָרן דורך די עסטרייכער צוליב סטראַטעגישע צוועקן. די שול האָט דעם

* לויט דער בקשה פון מר צ. זאגאַראָדער, האָב איך איבערגעשריבן דאָס קאַפּיטל פון בוך „יידישע עטנאָגראַפיע...״ פון רעכטמאַן, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער ראדיווילער גרויסער שול.

מיליטער געשטערט דעם אויסקוק ביז צו דעם אַזוי גערופענעם בראָדער וואַלד.

ווען איך בין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין ראַדיוויל האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַ געוויסער יונגערמאַן האָט פון אַ באַהעלטעניש בשעת דער מלחמה, באַוויזן אָפּצופאָטאָגראַפירן דעם עסטרייכישן אָפיציר בשעת ער האָט אַרויסגעגעבן די פאַראָרדנונג אויפצורייסן די שול. איך האָב בשעתו די פאָטאָגראַפיע אַוועקגעשיקט קיין ווילנע אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און אַ קאָפּיע געפינט זיך אויך ביי מר זאגאָראָדער. עס פארשטייט זיך, אַז נאָכן אויפרייסן די שול מיט דינאמיט איז פארבליבן בלויז אַ לעדיקער פּלאַץ, און עס האָבן נישט געקענט פארבלייבן קיין סימנים אויף די ווענט פון דער שול.

עס איז אויך נישט ריכטיק, אַז מ׳האָט די „אלטע מנורות און הענג־לייכטער אַרויסגעוואָרפן״, ווי עס וויל האָבן דער מחבר פון בוך, ה. רעכטמאַן. דאָס איז נישט זיין שולד, ער האָט באַקומען נישט קיין ריכטיקע אינפאָרמאַציע, אָבער נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, נאָכן ארויפרייסן די שול, זענען באַשטימט געבליבן די מנורות און הענג־לייכטערס. חוץ דעם האָט מיר דערציילט זעליג פערשטאָט, וועלכער איז די גאנצע צייט פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע געווען אין ראַדיוויל, אַז די קריסטלעכע איינוואוינער האָבן כסדר געגראָבן אויפן פּלאַץ פון דער געוועזענער שול, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז יידן האָבן דאָרטן באַגראָבן זייערע מאַיאָנטקעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויך מסתמא די צעשמאָלצענע און צעבראָכענע הענגלייכטערס און אנדערע חפצים האָבן זיי אָפּגעירשנט.

אויך די געשיכטע פון אויפשטעלן די נייע שול, איז אַביסל פארקריפּלט. דער אמת זעט אויס אינגאַנצן אַנדערש. ווען די ערשטע פאַמיליעס האָבן זיך אומגעקערט קיין ראַדיוויל און געטראָפן אַ ליידיקן פּלאַץ, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויפשטעלן כאָטשבי אַ צייטווייליקע שול. איז דעמאָלט מיין פאָטער — משה שיין ז״ל, אַוועק צום בירגער־מייסטער אנטאָנאָוויטש (ער איז געווען אַ פּאָלקאָווניק פון דער גרעניץ־וואך, פאר דער מלחמה „פּאָלקאָווניק פּאָגראַניטשנוי סטראַזשי״), און ביי אים אויסגעפּוילט, אַז היות עס זיינען פאַרבליבן אין שטאָט באַראַקן פון אַ געוועזענעם מיליטערישן שפּיטאָל, זאָל ער די באַראַקן אַוועקשענקען

פאַר אַ שול. אנטאָנאָוויטש איז אנטקעגנגעקומען דער בקשה, און איך האָב די פולע רעכט צו זאָגן, אַז מיין פאָטער מיט זעליק פערשטאָט ז״ל, האָבן כמעט מיט די אייגענע הענט צונויפגעקלאַפּט דעם הילצערנעם באַראַק פאַר אַ שול.

שפּעטער מיט אַ צייט, ווען דאָס לעבן האָט זיך אַביסל נאָרמאַליזירט, האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט (דוכט זיך, אַז אין דער שפּיץ איז געשטאַנען שמואל פידעל ז״ל), און אַביסל מיט אייגענע שפּענדונגען און מיט די צען טויזנט דאָלאַר, וועלכע עס האָט געשיקט מ. גינזבורג ז״ל, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די נייע שול, אָבער אויף פארשיידענע באַפּוצונגען זיינען נישט געווען קיין מיטלען, און נישט, ווייל איימיצער האָט חלילה וחס געוואָלט „בידים אָפּווישן דעם אַמאָליקן פּראַכט״.

רחל גורמאן


לייב אייזן

מיין שטעטל ראדזיוויל אין דער פארגאנגענהייט


ראדזיוויל איז געווען די פריערדיקע גרענעץ־שטאָט פון רוסלאַנד מיט גאַליציע, 9 קילאָמעטער פון איר האָט זיך געפינען די באַוווסטע שטאָט בראָדי.

אַ שטאָט ווי אַלע שטעטלעך אויף וואָהלין, מיט אירע פערשידענע ציוניסטישע אָרגאניזאַציעס: ווי „החלוץ״, „השומר הצעיר״, גורדוניה, בית״ר, אַלגעמיינע ציונים, און אַנדערע, ווי אויך פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, יתומים קאָמיטעט „לינת הצדק״, „מושב זקנים״, „הכנסת אורחים״, „בית לחם״ און אַנדערע. ס׳איז כדאי דאָ צו דערמאָנען און אויסרעכענען אַ טייל פון אַלע, וועלכע האָבן מיט איבערגעגעבנקייט דערצויגן אונזער יוגנט אין ציוניסטישן גייסט. אַן לויב ווערטער האָט אונזער שטעטל פאַרמאָגט אַן ערצויגענע און באוווסטזיניקע יוגנט אין פולן זין פון וואָרט, און שוין אין יאָר 1912 האָבן די ערשטע חלוצים פון אונזער שטעטל עולה געווען קיין ארץ־ישאל.

איך וויל דאָ אויסרעכענען און דערמאָנען די, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון די דאמאָלסדיקע איבערגעגעבענע פירער־ציוניסטן אין אונזער שטעטל.




בית נכים — אינוואלידן הויז „האָספיטאַל"



בית־מרחץ

חיים קרעמן.

מען פלעגט אים רופן „דער פערברענטער ציוניסט”. דעמאָלט ווען אַסך פון אונזער יוגנט האָבן נישט פארשטאנען די אויפגאַבן פון ציוניזם, האָט ער ממש געקעמפט קעגן די אלע געגנער, וואָס האָבן געוואַרט אויף משיח׳ן אין גלות... ער אַליין האָט נישט זוכה געווען צו קומען אַהער און זען מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז דער קאַמף איז נישט געווען אומזונסט. זיינע נאַכפאָלגער און תלמידים בויען דאָס לאַנד לויט ווי ער פלעגט דאָס פאַרשטעלן אין זיינע רעפעראטן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען ביי אונז אין שטעטל.



חיים קרעמן, זיין פרוי ריבה, זיין זון זלמן און זיין טאָכטער גולדה

דוד׳קע שיין.

וועלכער האָט זיינע בעסטע יאָרן געווידמעט צו זען ביי אונז אין שטעטל אַ בעסערע און ערצויגענע ציוניסטישע יוגנד. בלב־ונפש האָט ער ביזן לעצטן אָטעם נישט פארגעסן זיינע שטעטישע. שוין זייענדיק דאָ אין ישראל, איז ער דער איניציאַטאָר פון שאַפן אַ „יזכור בוך” צו די טרויער אומגעקומענע קדושים פון אונזער שטעטל.

זיין פלוצליכדיקער טויט האָט אים אַוועקגענומען פון אונז פאר דער צייט.

משפחת זאגאָראָדר.

אלע האָבן געקענט די ערשטע ציוניסטישע משפחה ביי אונז אין שטעטל.

ביי ר׳ מנשה זאגאראדר אין שטיב איז געווען אַ אָפענע טיר פאַר אַלע פאַרשידענע שליחים פון ארץ־ישראל, און פאָרשטייער פון מרכז אין ווארשע, די ערשטע זאמלער פון די קרנות: קרן־קימת און קרן־היסוד. ער פלעגט אויך ארויסטרעטן מיט



צא״ג — ציוניסטישע אַקטיווע גרופּע
עומדים (מימין לשמאל): המורה גנזברג, צבי זגורודר, דבורה לבוב פראניה גולדגרט, שרה בלבן
יושבים (מימין לשמאל): רוזה סיטנר, זלאטה קגן, רוזה ליזאק, ברוניה בלבן, צבי גולדגרט

פאַרשידענע רעפעראַטן צו פארשפרייטן דעם ציון־געדאַנק צווישן די ראדזיווילער איינוווינער. אחוץ דעם איז ער געווען דער פארטרעטער פון אלע יידישע און העברעאישע צייטונגען, וואָס האָבן דערשינען אין פוילן און אין חוץ־לארץ.

געטריי און איבערגעגעבן אַלס ציוניסט, האָט ער אויך ערצויגן זיינע קינדער, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אין גייסט אַלס ציוניסטן אין פולן זין פון וואָרט, און אַלע עולה געווען קיין ישראל. ביז היינט איז זיי זון צבי זאגאראַדר אַ טיכטיקער געטרייער ציוניסט, אַן איבערגעגעבענער אָנפירער פון „ארגון יוצא ראדזיוויל״. ווייניק פון אונזערע לאַנדסלייט שאַצן אָפּ די ווערט פון זיין אויפגאַבע, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך מיט עקשנות — דורכצופירן צום דערשיינען פון אונזער „יזכור בוך״, די איינציק געדעכעניש נאָך אונזערע קדושים.



קבוצת חלוצים
עומדים (מימין לשמאל): דוד פיק, גוטמן, מלר, גון גוטמן, קורצמר, נודלר.
יושבים (מימין לשמאל): קופרשטין, גינזבורג, מרדר, קרסנופולר, קורצמר, וורשבסקי, ברגובסקי

דוד׳קע גאָלדגארט (זהבי).

ווי איך געדענק אים, איינער פון די בעסטע פירער און לערער פון דער חלוצישער יוגנד ביי אונז אין שטעטל. ער האָט אַוועק געגעבן זיין יוגנד, צייט, און ענערגיע צו זיין דער וועג־ווייזער און דערציער פאַר אַ באַוווסטזיניקע און ציוניסטישע יוגנד, וואָס זאָל זיין גרייט עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

גלייכצייטיק וויל איך אויך אויסרעכענען לויט מיין זכרון די אַלע ציוניסטישע משפחות און אָנפירערס פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס ביי אונז אין שטעטל:

משפחת זאגאָראָדר
„ משה גולדגארט
„ באלאבן
„ מכיל קורין
„ משה טעסלער

משפחת יואל לערנער
„ געלמאַן
„ ביריש גולדגארט
„ סויבל
יוזיק זאקס

משפחת שומקר
„ קיטייקשר
„ וואלציע סיגאַן
„ רויזמאן
„ קיפרמאן מאניס
„ קרעמן חיים
„ וויינשטיין
„ גראבשטין (סלעי)
„ מרגולית פישל
„ פעלדמאן (גלבוע)
„ מרגולית נחמן
„ סיראטה בנימין

משפחת מיכל יצחק
„ ווייל
„ חייט
„ סטרוימאן
„ גראבשטין יחיאל־דוד
„ זאַץ אברהם
„ דאניוק יאנקל
„ פאלטאראק
„ לאנדיס
„ זייליק־הערש פישמאַן
און אנדערע

בתי-מדרשים אין ראדזיוויל

די גרויסע שול (אוסטרא קלאזל)
רבי ר׳ לויס בית־המדרש (דאָס גרויסע בית־המדרש)
רבי ר׳ איציקעלס בית־המדרש
רבי ר׳ חאב׳ס בית־המדרש (שפאניער בית־המדרש)
רבי ר׳ דוד׳לס בית־המדרש
אוליקער בית־המדרש (טריסקער קלאזל)
באראניער בית־המדרש (דאָס קליינע שול׳כל)
מגיד בית־המדרש
זאַמד בית־המדרש
זיסיע קאפף׳ס בית־המדרש
שניידערישע בית־המדרש
ר׳ אלי וויטעלס בית־המדרש

דרדיקע מלמדים אין ראדזיוויל

ר׳ משה רויטמאן
ר׳ אשר מלמד
ר׳ מכיל מלמד
ר׳ זלמן הערש מלמד
ר׳ אלי בריזגאל (באַק)

ר׳ שמואל סינערעכעס
ר׳ביירל מלמד
ר׳ טוביה מלמד
ר׳ מוצל מלמד

גמרא מלמדים

שואל מלמד	ר׳ משה טארנאָפּאָלער
ר׳ איציק לייב מלמד	ר׳ אברהם סאסאווער
ר׳ אבא מלמד	ר׳ יואל לערנער
ר׳ דוד מארדער	ר׳ ישראל מלמד
ר׳ דודיע מלמד	

מיטגלידער פון ראדזיווילער „דראמאטישן קרייז״ ביזן יאָר 1928

שמואל שער	נחמן נודל
אלי חאמוט	יאנקל שרייער
באסקע בראנדווין	מכיל שפיזל
סלוווע קרעמער	ריוועלע מאנדל
באָריס קאלטון	מוניקע סטירט
חווה אייזן	פייגה פאקטאר
זיידע פערשטוט	מאטיס צוקערמאן
פייגה גרינבוים	טוביה יאקירא
לאה׳קע פאלעם	אברהם קויפמאן
מלך שטערן	ריאזע אייזן

מיטגלידער פון ניי־געשאפענעם „דראמאטישן קרייז״

שמואל פערשטוט	רחל׳ה פיק
משה גרינבלאט	יחזקאל רויזמאן
לייב אייזן	אסתר׳קע גרויסמאן
הערש פאמס	נעכע ציניידער
אברהם גרויסמאן	יוסקע סטירט
יצחק פורמאן	חנה פאלעם
שערצל זאץ	לייזער גרויסמאן
מאַנעס קיפערמאן	סערקע טרייביטש
לייב זאץ	יוסל קאראנט
איציקל נודלער	באָריס קאלטון

ראדזיווילאָווער טיפּן

בוריס יעפימאָוויטש קאָלטון

יעדער האָט אים געקענט מיט זיין ביבליאָטעק פון פאַרשיידענע טעאַטער־פּיעסן. נישט אַזוי לייכט האָט מען געקאָנט אויסבאָרגן ביי אים אַ פּיעסע צום שפּילן. ערשטנס האָט מען געדאַרפט איינלעגן אַ משכון — אַ זייגערל און 2 זלאָטעס, און אונטערשרייבן אַ התחייבות, און איבערציילן די בלעטלעך עס זאָל חלילה אַ בלעטל נישט פעהלן. חוץ דעם זיינען אַלע ביכלעך געווען אָפּגעצייכנט מיט אַ שטעמפּל און מיט אַ ספּעציעלן רוסישן אויפשריפט:

סיאַ קניגאַ מאָיאַ, באָך סווידיעטיעלעם אי יאַ,
קטאָ עטו קניגו אוקראַדיוט, טאָמו רוקאַ אופּאַדיאָט,
קטאָ מעניאַ ניע זנאַיעט, פּוסט פּראָטשיטאַיעט:
בוריס יעפימאָוויטש קאָלטון, אָגראָדאָווא 22.

יאָסעלע פּעסי-רודעס

נישט אַלע געדענקען אים. ער איז געווען אַ מדינה־גייער, און נישט יעדער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. ער האָט געוווינט אין מושב־זקנים פון „לינת־הצדק". ווען יאָסעלע האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו דער פאַרוואַלטונג מ'זאָל אים שיקן אויף אַ קוראָרט, באַקומט ער אַ ענטפער, אז נאָר גאָר שוואַכע און קאַליקעס שיקט מען. פאַלט יאָסעלע אויף אַ געניאַלער המצאה: ער לאָזט זיך מאַכן אַ פּאָר שיך, פון וועלכע איינער איז מיט אַ הויכן קנאַפּל, לערנט זיך אויס צו הינקען אויף אַ פוס, און באַקומט אַ אויסזעען פון אַ „אמתער" קאַליקע. דער „לינת הצדק" האָט אים טאַקע געשיקט אויף אַ קוראָרט.

פּיניע שניידער

געווען אַ קליינער בעל־מלאכה, און אַ גרויסער קבצן, אַ בעל מטופל מיט קינדערלעך איינס קלענער פון צווייטן, וואָס האָט בלויז געטראַכט וועגן עסן. חנה־קיילע — זיין ווייב — פלעג מוזן צוהעלפן צו דער פּרנסה. זי האָט היבש געקעמפט אויף אַריינצוברענגען אַ לעבל ברויט אין שטוב, וואָס איז באַלד נאָך דער ערשטער פּאָרציע ליקווידירט געוואָרן...

חנה־קיילע איז געווען אַ שטענדיקע אַריינגייערין צו איר שכנתה רחל מילדער,

וועלכע פלעג זי אונטערשטיצן מיט וואָס נאָר מעגלעך, און פאר איר פלעג חנה־קיילע אויסגיסן איר ביטער האַרץ. אין דעם גרויסן אָרעמקייט האָט חנה־קיילע יעדעס יאָר געבראַכט אַ פריש נשמה׳לע אויף דער וועלט. און אַז רחל מילדער וויל זי איבערצייגן, אַז אין אַזאַ דלות־מצב וואָלט שוין געווען גענוג געקינדלט, ענטפערט זי נאַאיוו: „וואָס נאָך פאר אַ פערגעניגנס האָט מיין פיניע ביי מיר אחוץ דעם ?״

קוזמירקעכע

געהאט פיר זין מיט אַ טאָכטער איינס לענגער פארן צווייטן, געביפטע תבואה סוחרים, אלע האָבן גערעדט מיט אַ שפּריץ. פון קיין ראָמאנען פירן האָבן זיי נישט געוווסט. די שדכנים פלעגן אָפּשלאָגן די טירן — ס׳האָט געהייסן בעל־הבתישע שדוכים... די גאנצע דעה־זאָגערן איז געווען די מאַמע, און ווען דער שדכן יעקעלע שטיינבערג לעגט פאָר אַ שידוך נאָר מיט 1.000 דאָלאר נדן, זאָגט די מאַמע: „פאר דעם געלט קען ער קרענקען ביי מיר נאָך אַ פּאָר יאָר״...

קיינער האָט נישט געקענט אַזוי קעמפן קעגן נאטשאלניק פון שטייער־אַמט ווי קוזמירקעכע. אַלע מאָל ווען דער נאַטשאלניק איז געקומען אויף אַ קאָנטראָל און עס איז געווען אַ פולע שטוב מיט תבואה, האָט זי פאַרמאַכט דעם קוימען, און עס איז געוואָרן אַזאַ רויך, אַז עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, און דער נאטשאלניק האָט געמוזט שטיין אויף דער גאַס און פארצייכענען וואָס זי האָט אים דיקטירט.

מלכ׳לה יונציכעס

געווען אַ כלה־מיידל, אָבער שוין נישט קיין יונגע, אריבער די שלושים, זי פלעגט שטענדיק זאָגן: „ווער ס׳וועט וועלן חתונה האָבן וועט קומען צו מיר״. לויט איך געדענק איז ביז צו דער מלחמה קיינער נישט געקומען...

ווען די רוסן זענען געקומען צו אונז אין יאָר 1939, האָט מלכ׳לה געהאנדלט מיט פארשידענע פארבאָטענע זאַכן, ווי בראָנפן, זייף און אנדערע. זייענדיק דורכן פענסטער, אַז מען קומט מאַכן אַ רעוויזיע, לעגט זי שנעל אריין די זייף אין איבערבעט און הענגט ארויס אויסלופטערן אויפן גאַס; די פלעשער בראָנפן און באליע פארדעקט מיט שמוציקע וועש; און אליין שטעט זי פארשוויצט און וואַשט מיטן גאנצן כוח צווינגנדיק דאביי אַ לידל. דער סוף איז געווען: נאָך אַ שעה זיכן האָט מען גאָר נישט געפינען.

בנימין וואַסער-טרעגער

נישט אַלע האָבן אים געקאַנט, געוווינט ביי קיטאַסן אין קעלער, געהאַט אַ ווייב און קינדער, געהייסן האָט זי דבורה׳לע. ער איז אויך געווען געבענטשט מיט זיין אייגנס, אַ שוויגער חאַקענטעכע האָט זי געהייסן. אַ יידענע נישט אַוועק צו מאַכן מיט דער האַנט. אַ געטרייע מאַמע — שטענדיק געשלאָפן מיט דער טאָכטער...

בנימין אַליין איז געווען בטבע אַ שווייגנדיקער און אַ שעמעוודיקער. און ווען דבורה׳לע געט שבת שפּאַצירן מיטן מאַן און טרעפט זיך מיט אירע אַמאָליקע באַקאַנטע, שטעלט זי פאָר איר מאַן זאָגנדיק דערביי: „זיי באַקאַנט, גיב די האַנט און זאָג בנימין״.

דאָס ווערטל האָט קורסירט אין ראַדזיוויל.

מאָטעלע טשעפּציק

געווען אַ שיק־יינגל, אַ יתום. גוטע מענטשן האָבן זיך פאַראינטערעסירט, אַז מען דאַרף טון אַ מצווה און חתונה מאַכן מאָטעלען מיט רחל׳ן, וואָס האָבן זיך פאַרליבט נאָכן ערשטן קוק... ביי שינציוקן אויף דער חתונה אונטערן פענסטער. די חתונה איז פאָרגעקומען מיט מזל. דער שרייבער פון די שורות האָט אויך אָנטיילגענומען און זיך באַטייליקט ביים צוגרייטן די חתונה, ווי אויך שפּעטער אויפן ברית, ווי ס׳געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. ווען ר׳ יוסל שוחט קוקט זיך אַרום אַז ס׳פעלט אויס מויל מעל, שיקט מען מאָטעלען ברענגען. קומט ער שנעל צוריק, אָבער אַנשטאָט מויל מעל ברענגט ער... מאַנע גראַפּלאַך.

ר׳ שיע פּישקעס

שטענדיק געווען אַ פריילעכער, אַ שמח־בחלקו. האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ מצווה. ווען מאָטעלע טשעפּציק האָט חתונה, איז שיע דער הויפּט מחותן צו באַזאָרגן אַלעס כיד־המלך. ער פאָרט אַרום מיט זיין פערדל צונויפנעמען די אַלע נויטיקע פּראָדוקטן, וואָס גוטע מענטשן שפּענדן צו דעם צוועק.

און ווען שיע מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַ געוויסן זאַנוועלע פון בראָד, איז צו זיין שמחה נישטאָ קיין סוף. ער הוליעט אַ גאַנצע וואָך און קאָן זיך נישט צושיידן מיטן פלעשל... זעט מען שיען אין 2 וואָכן אַרום פאַרבאַנדאַזשירט דעם

קאָפּ און מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, פרעגט מען אים, „שיע וואָס איז געשען?"
ענטפערט ער „איך בין געווען ביים איידעם אויף שבת..."

ר׳ משה חדש

געווען אַ שמש אין באַראַניער בית־המדרש. ער פלעגט אויך גען מיט דער צדקה־פּישקע פון „חברה קדישא" און ראַדזיוווילער בעלי־בתים פלעגן אים אויך געבן צוצוטיילן איינלאַדונגען אויף חתונות און בריתן.

אין דער זעלבער וואָך ווען לייביש פּאַראַחוּבניק מאַכט חתונה זיין טאָכטער איז גלייכצייטיק געשטאָרבן לייביש קוזולציקס מוטער. ר׳ משה האָט געענדיקט מיט דער צדקה־פּישקע — דערמאָנט ער זיך אין די חתונה בילעטן, וואָס ליגן ביי אים אין קעשענע. דערזעט ער פּיוויש נאָרבאַן גען אין גאַס, קלאַפּט ער מיט דער פּישקע „געט צו מת־מצווה", און זאָגט גלייכצייטיק: „לייביש פּאַראַחוּבניק מיטן ווייב בעט אייך פּרייטיק מיט אייער גאַנצער משפּחה צו דער חופּה...

ר׳ משה־אהרון דער קבורות מאַן

געווען אויך אַ שמש אין מגיד׳ס בית־המדרש. אַ הערלעכער ייד אין אלע הינזיכטן. געהאַט אויסצושטען גרויסע צרות פון זיין גבאי ר׳ בנימין, וועלכער פלעגט זיך מיט אים שטענדיק אַרום קריגן. ר׳ משה־אהרון פלעגט שטעען אויפן באַלעמער מיט א שמעק־טאַבאַק אין האַנט, שטיל זיך צוהערן צו די זידלערייען, שמייכלען און נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט. און ווען חברה ליצים פלעגן זאָגן: „ר׳ משה־אהרון וואָס שוויגט איר?" פלעגט ער ענטפערן: „ברענגט מיר אַ צעטל פון ביירל־וואָלפּ׳ן וועל איך מיט אים רעדן."

ווי באַוווסט האָט ביירל־וואָלף געגעבן צעטלען פון חברה קדישא...

ר׳ יאַנקעלע שמש

שטענדיק האָט איר אים געזען אַ פריילעכן, מיט א שמייכל אויפן פּנים און מיט א חכמה. אָנגעפירט מיט דער „בית־לחם" אינסטיטוציע, געזאַמלט געלט אויף צו העלפן נויט־באַדערפטיקע מענטשן.

ער איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט ביי דאָבטשאַקן. און ווען דאָבטשאַק דער־ציילט אים אַז ס׳קומט אים אָן שווער אַריבער צו ברענגען זיין פרוי מיטן זון פון רוסלאַנד, נעמט זיך אונטער יאַנקעלע שמש דורכצופירן די זאַך. ער פאַרשווינדט אויף 2 וואָכן פון ראַדזיוויל, כלומרשט געפאָרן קיין טרוסקאַוויעץ, פאָרט אריבער

מיט אַ שמוגלער די גרענעץ, און ס׳געלונגט אים מיט גרויס מי צו ברענגען דאָבטשאַק׳ס פרוי מיטן זון.

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן אַ סענזאַציע ביי אונז אין שטעטל.

שרה-ביילע די קצב׳טע

נישט יעדער האָט זי געקאַנט — געווען ממש אַ צדקת. ביי טאָג געאַרבעט אין יאַטקע, ביי נאַכט פאַראַכטן קאַלאַשן. נישט געוווּסט פון עולם הזה. אַ גמילות חסד בסתר איז געווען ביי איר די הויפּט מצווה. די אָרעמע אויפקויפערס פאַר די קצבים האָבן שוין געוווּסט, אַז שרה־ביילע וועט שוין זאָרגן ס׳זאָל זיין אַ פּאָר זלאָטעס צו פאָרן אויפן יריד קויפן אַ פּאָר שטיקלאַך. און ווען זי האָט נישט קיין געלד צו באָרגן, נעמט זי איר אייגענע זילבערנע לייכטער און געט צו גיטל וואסער פאַרזעצן... אַזוי ארום צו קענען טאָן די מצווה פון א גמילות חסד.

יעדן פרייטיק האָט איר געקאָנט זען גייען שרה־בייל׳ן מיטן גרויסן פאַרטוך, צונויף נעמען שטיקלאַך חלה פאַר אָרעמע און נויט־באַדערפטיקע משפחות.

צילה באדאקר

ס׳פעלן מיר אויס ליוב־ווערטער אויף ארויסצוזאָגן זיך וועגן דער אידעלער פרוי צילה באדאקר, וועלכע איז געווען געטריי איבערגעגעבן פאַר די אָרעמע שיכטן פון אונזער שטעטל. נישט אַלע האָבן דאָס געוווּסט. דעם שרייבער פון די שורות איז נישט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו ווענדן אין אַ דרינגענדן פאַל וועגן אַ גרעסערער שטיצע פאַר א נויט־באַדערפטיקן. זי האָט אפילו נישט געפרעגט פאַר וועמען, נאָר מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן יעדן וואָס האָט זיך צו איר געווענדעט נאָך הילף. אחוץ דעם האָט צילה באדאקר גענומען אָנטייל און מיטגעהאָלפן אלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטעטל.

ביילע-ריווע וויינשטיין

דאָס איז געווען אַ פרוי, ווי אַ מאַמע פאַר דער חלוצישער יוגנט ביי אונז אין שטעטל, וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען ביי איר אין דער ענגער וווינונג אויף דער פּאָטשטייעווער גאַס, ארומרעדן פאַרשידענע פּראָבלעמען, מאַכן פאָרלעזונגען, דיסקוטירן אויף ציוניסטישע טעמעס. ס׳האָט זיך געפילט דאָרט אַ וואַרעמע אַטמאָספערע. עפּעס האָט זי אַרויסגעוויזן אַזאַ איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צו דער יוגנט, וואָס אנדערע מאמעס האָבן דאָס נישט געקאָנט באַגרייפן און

פארשטיין. שטענדיק אַ צופרידענע, מיט א שמייכל אויפן פנים. ביז צו איר עולה זיין מיט דער גאנצער משפחה קיין ישראל.



מ. גרינבערג, א. לאנדסמאן, אַ תושב אין ריצ׳מונד, אַמעריקע, בויט אַ נחלה אין ישראל

עפּיזאָדן

די לעבעדיקע לויה

די געשיכטע איז זיך פערלאָפן נישט אין ראדזיוויל נאָר דווקא אין דער שטאָט בראָד, אין יאָר 1928.

פלוצלינג האָבן זיך באַוויזן נעקראָלאָגן אויף די ווענט פון די בראָדער גאַסן, אַז דער גרויסער סוחר און גביר ה׳ ד. איז געשטאָרבן פון אַ פלוצלימדיקן טויט, און די לויה קומט פאָר 3 אַזייגער נאָך מיטאָג.

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ ייד אַ בלעכערניק, וואָס האָט געוווינט אין אַ קעלער מיט זיין פרוי און 5 קינדער אין נויט, אין אָרעמקייט, און נישט געהאט צו באַצאָלן דאָס געפאָדערטע דירה־געלט זיין בעל־הבית ה׳ ד.

דער דעמאָלט עקזיסטירנדע פראָפ. פאריין פון בראָדער ארבעטער קלאַס

האָט זיך פאַרינטערעסירט מיט דעם ענין, אויך אינטערוועניִרט ביים ה׳ ד. וועגן אויסמיידן די עקסמיסיע פון אויבן דערמאָנטן שכן, אָבער אָן רעזולטאַטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז דער ייד געזעסן אין דרויסן מיט זיין פאַמיליע אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אַלס פּראָטעסט קעגן דער האַנדלונג פון דעם הויכגעשעצטן גביר איז באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אַ לעבעדיקע לויה... מען האָט געבראַכט די מיטה פון בית־הקברות, און ביי אַ גרויס פאַרזאַמלטן עולם האָט זיך די לויה געצויגן דורך דער לעשנעווער גאַס, מארק גאַס, גאָלד גאַס און לעמבערגער גאַס, ביז צום הויז ווו דער בעל דבר האָט געוווינט. ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט נאָך אַ גרעסערער עולם, וויסנדיקע און נישט וויסנדיקע, אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד... פאָטאָגראַפיסטן האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים צו מאַכן וואָס מער בילדער, וואָס זאָלן פאַרקויפט ווערן צווישן די פאַרזאַמלטע. צוקומענדיק צום הויז פון ה׳ ד. האָט אַ ספּעציעלער חזן פון דער באַוועגונג געמאַכט אָן אל־מלא־רחמים...

אַ דעלעגאַציע פון 3 חברים פון פּראָפ.־פאַריין האָבן אונטערהאַנדלט און אַרויסבאַקומען פון ה׳ ד. 1000 זלאָטעס, וואָס איז געווען אין יענער צייט נישט קיין קליינע סומע. אַחוץ דעם זענען אַ סך בילדער פאַרקויפט געוואָרן, און דאָס אַלעס איז געגאַנגען פאַרן צוועק איינצואָרדענען דעם אָרעמען בלעכערניק מיט אַ דירה און אַרבעט.

די מעשה איז געווען אין יענער צייט אַ סענזאַציע אין בראָד און אין דער גאַנצער אומגעגנד.

פאַרקויפט עולם הבא פאַר אַ זעקל מעל...

אַלעס קאָן פּאַסירן אויף דער וועלט, בתוכם ביי אונז אין שטעטל ראַדזיוויל.

די געשיכטע וואָס איך באַשרייב דאָ איז זיך פאַרלאָפן דווקא אין 20־טן יאָרהונדערט, ווען די קולטור איז שוין געשטאַנען ביי אונז אויף אַ הויכן ניוואָ.

אין אַ קאַלטן זונטאָג־טאָג, ווען אַלע קרעמער און סוחרים פאַרזאַמלען זיך אין באַראַניער בית־המדרש, נישט אַזוי צום דאַווענען, נאָר סתם חאַפּן אַ שמועס וועגן פּאָליטיק, און בכלל הערן ווי יידן האַלטן אין דער וועלט. רעדט מען פאַרשידנס, מען אַמפּערט זיך איבער פּראָבלעמען וואָס האָבן נישט קיין שייכות צום יידישן פאָלק... ביז ווי דער שטייגער איז קומט מען אַרויף אויף דער טעמע עולם הבא.

די אַנטיילנעמער, יידן מיט פרייע קעפּ וואָס האָבן נישט קיין דאגות פּרנסה, קאָנען זיך פאַרגינען צו דיסקוטירן. דער תבואה־סוחר ר׳ ב. ט. וויל

באַווייזן אַז ס׳איז יאָ פאַראַן אַן עולם הבא, און מען דאַרף נאָר זוכה זיין דערצו איבער 120. סאַ׳יז אויך דאָ אַן השגחה עליונה, וואָס צאָלט יעדן מענטש פאַרן גוטן און פאַרן שלעכטן. דער קרעמער ר׳ ה. ק. איז נישט מסכים מיט ר׳ ב. אויספירונגען און שלאָגט פאָר אָפּצוקויפן ביי אים זיין חלק עולם הבא פאַר אַ זעקל ווייצן מעל... ר׳ ב. איז מסכים. מען גיט זיך תקיעת כף, און ר׳ ב. ט. צאָלט אויס 33 זלאָטעס (די ווערט פון אַ זעקל ווייצן מעל).

דער עולם ווילצט זיך, חוזקט און לאַכט פון דעם גרויסן אויפטו, און ה. ק. פאַרשטייט זיך האַלט דאָס פאַר אַ גרויסער חכמה, דערציילנדיק זיין מאַמען פון דער געשלאָסענער טראַנזאַקציע. די מאַמע פאַלט כמעט חלשות; זי פאָדערט פון אים זאָפאָרט געען צוריק און מבטל מאַכן דעם אָפּמאַך. ס׳קומט אָן געגוג שווער צו פועלן ביי ר׳ ב. ט. זיך אָפּצוזאָגן פון אַ דאָפּלטן עולם הבא... מענטשן האָבן זיך אַריינגעמישט, און מיט גרויס מי געפועלט פאַר 2 זעקלעך מעל אָפּצוזאָגן זיך פון תקיעת כף.

דאָס מעל איז צוטיילט געוואָרן צווישן אָרעמע לייט, און די איינוווינער פון שטעטל האָבן לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם גרויסן אויפטו...

אליך קאַן פּאַסירן

צווישן אלע געצעלטע גבירים פון אונ־זער שטעטל ראַדזיווילאָוו, האָט ר׳ לייביש פראַחאָבניק ז״ל פאַרנומען אַ חשובן פלאַץ. פאַרשטעט זיך, אַז ער האָט איינגעלעגט וועלטן, אַז זיין בן־יחיד מכיל זאָל נישט אַריינפאַלן אין גוישע הענט און באַפרייט ווערן פון מיליטער. און ווען מכיל שטעט צום פריזיוו, ווערט ערלייזדיקט ביים מיליטערישן דאָקטאָר ראַבטשענקאָ פון דובנא פאַרן פרייז פון 100 דאָלאַר אָנצושרייבן איין וואָרט: ניע זדאָלני, טויג נישט.



לייביש פראַחאָבניק און זיין פרוי

געשעט אָבער גלייכצייטיק אַ פאַרדריסלעכער טעות: אין שטעטל געפינט

זיך אויך אַ גוי מיטן נאָמען מיכאל פּאַראַחאָבניק, און צו זיין מזל ווערט ער באפרייט דער ערשטער. דער טעות איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרן, אָבער שוין צו שפּעט.

ביי פארמאַכטע טירן מוז לייביש פּראָחאָבניק צוגעבן נאָך 100 דאָלאַר פארן שקץ, און ס'זאָל בלייבן אַ סוד...

די נייעס האָט זיך אָבער בליץ שנעל פארשפּרייט איבערן שטעטל.

נאָך עטלעכע טעג קומט אַריין דער גוי מיטן היטל אין דער האַנט באדאנקען זאָגנדיק: „ספּאסיבאָ פּאַני פּראָחאָבניק זאַ וואַשו לאַסקו".

ראדזיווילאָווער לאנדסלייט געדענקען דאָס אוודאי.

אן אָרעמאן מיט א שטייפן קראגן

(אמת'ער עפּיזאָד)

אַזוי האָט אויסגעזען אַ ייד, דווקא אַ לעמבערגער, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט צו אונדז אין שטעטל, נישט חלילה צו בייטן נדבות, נאָר צו זאַמלען געלד פאַר „הכנסת כלה" — חתונה צו מאַכן זיין אייגענע טאָכטער.

קומענדיק קיין ראדזיוויל שטעקט ער אָפּ זיין ערשטן באַזוך ביי מיר לויט דער רעקאָמענדאציע פון ביירל לאָבער. ער באַגריסט זיך זעער העפליך, זאָגט זיין פאַמיליע נאָמען מיט א שמייכל, און ווענדעט זיך צו מיר: „איך בין נישט געקומען צו אייך נאָך אַ נדבה, נאָר בייטן מיר צו העלפן צו געבן עטלעכע אדרעסן פון מיהלן־אייגנטימער, ווייל איך בין פון דעם פאַך — געארבעט אלע מיינע יאָרן ביי פרנקלן אין מיהל אלס בוכהאַלטער. איך גלויב אַז אייך איז באַוווסט אַז די מיהל אין פּשעמישל איז אָפּגעברענט, און איך בין געבליבן אָן אַרבעט. איצט דאַרף איך חתונה מאַכן מיין טאָכטער, מוז איך אָנקומען צו מיינע פאַך־מענטשן וואָס וועלן מיר ארויסהעלפן אין א עת־צרה."

דאָס איז געווען די הקדמה פון אַ ייד אַן אינטעליגענטער אָרעמאַן מיט אַ שטייפן קראָגן און הדרת פנים מיט א דייטש־מארישער אויסשפּראַך. פארשטעט זיך ס'האָט נישט לאנג געדויערט דאָס צונויפשטעלן אַזאַ רשימה, דער ייד האָט זיך אַרויס געלאָזט איבער די מיהלן, יעדן אָנגערופן ביים פאַמיליע נאָמען לויט דער רשימה ס'זאָל מאַכן אַ בעסערן רושם. אונזערע שטאָט בעלי־הבתים האָבן זיך שיין געשטעלט און געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט.

קומענדיק צוריק און אָפּעסנדיק אַ גוטן מיטאָג מיט אַ שלאַיעם־זופּע פון פריער באַשטעלט, האָט זיך מיין גאַסט צוגעלעגט אַביסל אָפּרוען. נאָכן אויפשטעין פאראינטערעסירט ער זיך צו ס׳איז דאָ נאָענט אַ בית־מדרש און צו ס׳דאַווענען רייכע בעלי־הבתים. ער דאַוונט מיט גרויס כוונה, כמעט ווי אַ רבי, און פארגעסט נישט צו באַטראַכטן דעם עולם. ער רעדט נישט מיט קיינעם, חאַפּט אַריין עטלעכע שלום עליכמ׳ס, קושט די מזוזה און געט אַהיים. דער נאַכטמאָל איז שוין געווען גרייט לויט דער באַשטעלונג. נאָכן עסן פאַרפירט ער מיט מיר אַ שמועס פון יענע פארגאנגענע יאָרן פון פארן 1־טן וועלט־מלחמה און נאָכן פארענדיקן דעם קריג. און ער הייבט אָן:

„דאָס איסט געוועזן אין יאָהרע פירצען אַלס יונגער מאַן האָב איך גענאָמען האַנדלען מיט פיה (בהמות), נישט קוקענדיק, וואָס בין געוועהן פון פאַך אַ שניידער. ס׳איז מיר אַוועק גאַנץ גוט, האָט מיר אָבער די מלחמה צעשטערט מיינע פלענער. אין צייט פאָן קריג שטעל איך צו פלייש צום מיליטער און מאַך גוטע געשעפטן, איך גלויב אַז ביי אייך אין שטעטל געפינען זיך אַסאַך קצבים. זי וועלן זאָ געפעליק זיין מיר גייבען זעהרע אַדרעסן”.

איך האָב ווידער צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון אלע קצבים.

דעם 2־טן טאָג נאָכן אָפּעסן אַ גוטן פרישטיק האָט זיך מיין גאַסט אַרויסגעלאָזט איבער די יאַטקעס, גערעדט מיט די קצבים אַלס געניטער פאַכמאַן, און ווידער געקומען מיט אַ סומע געלד. אין אָוונט האָט מען ווידער ממשיך געווען אונזער געשפּרעך אויך אויף דער זעלבער טעמע. ער דערציילט ווייטער:

„ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין יאָהרע זיבצען בין איך געוועהן אַ גרויסער אנהענגער פון אַרבייטער קלאַס, אָבער מיט דער צייט האָב זיך איבערצייגט און פארלאָרן די סימפּאַטיע צו זייער מאַרקס־ענגעלס פּראָגראַם, ווייל איך אַליין שטאַם פון אַרעליגיעזער פאַמיליע. איך נעם זיך דאַן צו מיין אַלט פאַך שניידעריי, אַזוי ביז יאָהרע 1922. איך גלויב אַז שניידער פעהלן נישט ביי אייך אין שטעטל. אויב ס׳איז אייך נישט צו שוועהר, גיבט מיר די אַדרעסן פון מיינע אַמאָליקע קאָלעגן, איך וועל זיי באַזוכן”.

אויך דעם 3־טן אָוונט האָבן מיר גערעדט וועגן נאָך דער מלחמה און די איצטיקע לאגע אין פוילן (ער איז געווען אויך באהאוונט אין פּאָליטיק). וויסנדיק אַז דאָס אלעס איז פארבינדן מיט זיין געלד־זאַמלונג, האָב איך דאָך ליב אויסגעהערט זיינע פאלשע דערציילונגען. ער דערציילט ווייטער מיט גרויס ערנסט:

„כ׳האָב געזעהן אַז פון שניידעריי קאָן מען צו גאָרנישט צוקומען. אויך מיין

גאָטזעליקע פרוי איז געווען קעגן דעם, האָב איך צו ביסלאַך אָנגעהויבן האַנדלען מיט ראַכוואַרג. אַלס גוטער פאַכמאַן פון דער בראַנזשע איז מיר גוט אוועק די געשעפטן און איך האָב געמאַכט אַ שיין לעבן. צו מיין גרויס באַדויערן האָט מיך מיין פרוי פאַרלאָזט אויף אייביק נאָך אַ שווערער קראַנקהייט איבער־לאָזנדיק מיך מיט 2 טעכטער אונד איין זאָהן. דאָ ביי אייך געפינען זיך עפּעס סוחרים פון ראָכוואַרג? איך גלויב אַז איהר וועט מיר צו ליעב טוהן און גייבן זייהרע אַדרעסן״.

איך שרייב ווידער און בין צופרידן פון זיינע אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס זענען צונויפגעשטעלט פאַכמעניש.

נאָכן באַארבעטן די ראָכוואַרג סוחרים רוט ער עטלעכע שטונדן. נאָך דעם לעגט ער מיר פאָר זיך דורכצושפּאַצירן. ער דערציילט ווידער פון זיין שטורמישע פאַרגאַנגענהייט אויך ווען ער האָט געאַרבעט ביי פרנקלן אין מיהל אלס בוכ־האַלטער און נאָך דער שריפה איז ער געבליבן ווי אויפן וואַסער. „נישט האָבנדיק זיך צו וואָס צו נעמען בין איך געוואָרן אַ חזן אין אַ קליין שוהללכל. די גבאים זענען נישט געוועהן צופרידן פון מיין עבר, און איך האָב געמוזט פאַרלאָזן מיין קורצן פּאָסטן. דערוויל האָט זיך מיין טאָכטער פאַרלאָבט מיט זעהר אַ פיינער יונג, אַ גוטער פאַכמאַן אין דער האָלץ בראַנזשע. אפשר וועל קאָנען זיך איינ־אָרדענען ביי איהם, וויל מיין גאָטזעליגער פאָטער האָט געהאט פאַרן קריג אַ טאַרטאַק, אַזוי אַז בין אויך ב׳אהוונט אין דער בראַנזשע. די קרעסן האָבן אַ שם מיט זעהרע גרויסע וועלדער. ביי אייך געפינען זיך טאַרטאַקן אויך? אפשר איז כדאי זיי צו באַזוכן? כ׳האָב אויך צוגעזאָגט נדן מיין טאָכטער ווי אויך אַן אויסשטייער, און דאָס האָט מיך געצוווּנגען צו פאָרן אויף דער וועלט צונויף נעמען געלד. איך גלויב אַז נאָך שבת וועל מיט גאָטעס הילף פערלאָזן אייער שטעטל. צו אייך, מיין העער, האָב איך נאָך איין ביטע: פיליכט קאָנט איהר שאַפן עטלעכע פאָרלעך זיי זאָלן צונויפנעמען אַ פּאָר זלאָטעס. ס׳זאָל אייך זיין פאַררעכנט פאר אַ מצווה, וויל מיר פּאַסט נישט ארומצוגעהן איבער די הייזער (פיעניאָנדזע ניעמאַם אַלע האנאר מאַם), פאָרט אַ דורכגעפאלענער סוחר״.

איך פּרווו פרעגן צי ס׳האָט זיך געלוינט צו קומען צו אונז אין שטעטל? ענטפערט ער געלאַסן, אַז 250 זלאָטעס איז גאַנץ שיין אין אַ פּאָר טעג צו שאַפן אין אַזאַ שטעטל. ער לויבט שטאַרק די אַלע, וואָס האָבן אים געהאָלפן און מיר פאַרשטעט זיך מער פון אַלע, וויל איך בין געווען דער בעל שמחה און ער האָט געפּראַוועט די חתונה... יאַ זוגט ער ווייטער, „איך וועל זיך נאָך זעהן דורכשמיסן

מיט אייערע בעלי־הבתים פון באראניער בית המדרש. איך גלויב אַז זיי וועלן מיטפיהלן און מיר ארויסהעלפן אין מיין יעצטיקער שווערער לאגע. אַמזאָנטאג פאר איך נאך דובנא, פילייכט האָבען זי באַקאַנטע, וואָס קאָנען גוט די שטאט?״

זונטיק פרי האָט מיין גאַסט פארלאָזט אונזער שטעטל אויף ווידער־זען מיט פיל דאנקען מיט אַ צוזאג מיך צו בייטן אויף דער חתונה. ר׳ ביירל לאָבער, פאר־שטעט זיך, איז געקומען בייטן פראָוויזיע פארן גאסט, וואָס ער האָט מיר געבראכט, צי איך בין יאָ געווען צופרידן צי נישט, באַצאָלן דארף מען. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען נאָך געסט...

די געשיכטע וואָס איז מיר פארבליבן אין זכרון האָט מיך געלערנט צו דערקענען מענטשן נישט לויט זייער אויסזען אָדער כאַראַקטער, נאָר לויט זייער רעדן און דערציילן...

לייב אייזן

נעמען און צונעמען אין ראדזיוויל

אבע קילע
אברהם הונטיק
אברהם חאָלאווקע
אברהם חיטריק
אברהם צאַפּ
אהרון פויגל
אטיעץ
אייזיק לץ
איצי קאָזיק
איצי מאלי
איצי קאָפּ
איציקל מזיק
אלטע קופקע
אלי באָק
אלי קאָבילע
אלי דער נאקעטער
ארקע פונץ
אשר חירגע

ביירישׁ מעליץ
דוד פארגיי
הערש קאזינא
הערשאלע שאנציוק
הערשל זארעמבע
הערש קרעפליק
וואָווע קאקינש
וועווע סטראָמפּ
חונא פאָזשארניק
חזן דיבוקל
חיים לייב קנאבעל
חיים קוציק

יאנעקע
יאָסעלע פעסערודע
יאָסעלע צאליוק
יוסל טשוליעס
יוסל ציזיס
יוסל שאָס

לאנגער לאָקש
לייב וואָראָנע
לייב מאק
לייב דונאי
לייב פאנעס
לייב קאָטער
לייבישקע בעל עגלה
לייזר׳ל פאָפּטשיק

מאָטקעלע פיפיק
מאָטל ביבקע
מאָטעלע טשעפּצ׳יק
מאמע די קיה לאכט
מנשה קארש
מנשה קאנטשיק
מנדל לקח
מרדכי לענזיק
מרדכי פאטיק
משה חדש
משה טשערדינעק
משה יופּעץ
משה פּיצי־טאטע

נוטע קויפּצי
נוטע מאנדיאדיע
ניעגראמאָטנע אדוואקאט
ניסיע קוציפּעריק

פּ. ח. ד.
פּאציעך
פּידהויצה
פּייגע פויגל
פּיקהולץ
פּישקע נבלה
פּרויעם קנאפּל

קוזמירקע
קוטשמע
קוצי ווייטיק
קראדיכע

רחל זשוקעוועכע

שאיע טוטל
שאיע לאָשעק
שיע מלאך
שלמה קאטאפּלע
שלמה צאן
שמואל סינאי
שמואל פּיוועץ

נעמען לויט שטעטלעך און דערפער

אברהם סאסאָווער
אברהם־יהודה ברעסטעטשקער
איצי סעסטראטינער

איציק־לייב טרובעצער

בנימין דער דובנער

דבורה בערעמלער
דוד הארחאָבער
דודיע פון דער גראָבעלקע
דודיע פאָלאָנער

וועלוול לעקסיניצער

חוה מערוויצער
חיים יאניבקער

יחיאל פערניאטינער
ישראל קריפיצער

לייב באראטינער

מאטיע באראניער
משה טאַרנאָפּאָלער
משה טיסליוועד

קלמן סיטנער

שיע פינם קריש
שלום חאָטינער
שלמה חעלעמער

לייב אייזן

אומקום און חורבן

משה קורין

אייביק אין מיין זכרון

אייביג בלייבט אין מיין זכרון,
אייביג האָב איך אין געדאַנק,
די נאָנטע פארגאנגענהייט
וואָס האָט פּאַסירט ערשט נישט לאַנג.

און איך זע דאָס אַזוי ווי היינט:
האָט געלעבט אַ שטעטל,
פול מיט יידן, אַלטע, יונגע,
און אַ סך קינדער שיינע, מלאי־חן.

און איך זע די שיינע בילדער
פון נאטור, וואַלד און טייך,
אָ ווי שיין, אָ ווי רייך
זענט איר פארבליבן אין מיין געדאנק.

עס וויל זיך צו מאָל ניט גלייבן
אַז דאָס אלעס איז שוין פאר מיר ניטאָ,
אַז די מענטשן, טייערע, שיינע,
זענען שוין ניט מער ביים לעבן.

אַ מערדערישע האַנט געפירט פון טיראנען,
האָט אָנרחמנותדיק, אין בעסטיאלן אופן,
אומגעבראַכט די מענטשן, די אלע,
וואָס זענען אונז טייער נאָך היינט.

און ווען מען טראכט נאָך איצט
ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט,
ווי אַזוי דאָס איז געשען,
רייסט דאָס האַרץ פון טרויער און געוויין.

עס וויל זיך נאָך היינט ניט גלייבן
אַז מענטשן האָבן געקענט אַזוי פיל ליידן,
אַז מען האָט געזונטערהייט, ביים גאנצן זינען,
טאָג איין טאָג אויס געוואַרט אויפן טויט.

אין אַ שיינעם טאָג פון חודש תשרי,
די שענסטע טעג פון יאָר,
האָט מען אַלע געפירט צום גריב,
וועלכן מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט.

געגאַנגען זענען אַלט און יונג,
אָרעם און רייך, אלע גלייך
פון גורל פאַרמשפּט,
דורך באַנדיטן געפירט.

די קינדער צו די מאַמעס געטוליעט,
די טאַטעס מיט די מאַמעס האַנט־ביי־האַנט,
אין די ערשטע רייען די פירער פון קהל
דעם רבי מיט דער תורה, מיט בעגלייטערס.

דעם גאנצן טרויערדיקן מאַרש
זע איך נאָך היינט אין געדאַנק,
און וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן
ביז דער ענדע פון מיין לעבן.

אייביג בלייבט אין מיין זכרון,
אייביג האָב איך אין געדאנק,
די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט,
וואָס האָט פּאַסירט ערשט נישט לאַנג.

קרית-בורוכוב, מאַי 1966

ר׳ איציקל אויף זיין לעצטן וועג.*

„איך געה און איהר אללע וועט מיטגעהן מיט מיר — ס׳איז אלס מן השמים״. דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון רבי ר׳ איציקל, ווען ער איז געפירט געוואָרן פון די געסטאַפּאָ מערדער צו דער שחיטה מיט 12 הונדערט פרויען, קינדער און זקנים.

די רוצחים האָבן אים דערלויבט פאר זייער בלוטיקן שפאס זיך צו פארפוצן אין מלבושי כבוד, יום־טובדיק, אין טלית, אין זיידענע קאַפּאָטע און שטריימל — פונקט ווי צו עבודת הבורא, שטיל און מיט געציילטע טריט האָט דער רבי מאַרשירט, אונטערגעפירט פון פישעל און דוד מארגאליס, איציק און נחמיה גרינס זין, וועלכע זיינען אויך אַוועק אין אייביקן וועג.

דער רבי איז געגאַנגען שטאָלץ, און געלייטערט ווי ער וואָלט געגאַנגען מקבל פנים זיין די שכינה, און געמורמלט א תפילה — פילייכט — „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי״, „געענדיק אין שאָטן פון טויט האָב איך ניט מורא, ווייל דו ביסט מיט מיר״, און אפשר גאָר פּראָטעסטירט, וואָס ער מיט זיינע שעפּעלאָך ווערן געפירט צו דער שחיטה, און גאָט שווייגט, „השופט כל הארץ לא יעשה משפט״, „דער הימלישער ריכטער טוט אַליין אומרעכט״. צוקומנדיק צו ליוויאטען, האָבן צוויי גרויסע גרובער געווארט זיי איינצושלינגען. די אוקראַינישע גזלנים האָבן זיי באפוילן זיך אויסטאָן און אַריינגען אין די גריבער, אַ קנאַל פון אַ מאַשין געווער, אַ יאָמערדיג טויט־געשריי, אַ קללה פאר די מערדער, און אַ שמע ישראל — און האַלב טויטע קערפּערס פון אונזערע טייערסטע זיינען האַלב לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן.

די 12 הונדערט מענטשן זיינען געווען פון געטאָ נומער 1, וואָס האָט זיך געפונען אויפן סטארוואק, די צווייטע געטאָ האָט זיך געפונען אויף דער יאטקע גאס, וועלכע האָט געהאט דאָס זעלבע אומגליקלעכע גורל פון דער ערשטער געטאָ מיט 6 חדשים שפּעטער, מיט דער גליקלעכער אויסנאַמע פון א פּאָר געציילטע מענטשן צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער דערציילער — יצחק רודמאַן!

איבערגעגעבן פון יצחק רודמאַן (מרדכי בראַניערס זון)

באַשריבן פון אברהם בלום.

---

* „ראדזיווילער ווהלינער פּראָגרעסיוו אסאָסיאיישן״ זשורנאַל ינואר 20, 1951, ניו־יאָרק.

סקירה *

יצחק ווינשטיין איז דער מחבר פון חורבן ראַדזיווילאָוו — אָט דער איינציקער און זייער וויכטיקער דאָקומענט וועגן אומקום פון ראַדזיווילאָווער יידישער קהילה.

ביים אָפּגעבן זיין דערקלערונג האָט ווינשטיין טיילוויז איבערגעחזרט אייניקע פּרטים, וועלכע ער האָט באַשריבן אין זיין חורבן ראַדזיווילאָוו. אָבער פיל פּרטים האָט ער דערציילט אויף ס׳ניי, און באַזונדער דער לעצטער טייל פון דער עדות איז נוגע דעם לעצטן פּעריאָד פאַר און נאָך דער באַפרייונג.

פאַרן קריג איז ער געווען אַ סוחר, געפירט גרויסע געשעפטן און געווען אַן אָנגעזעענער תושב אין ראַדזיווילאָוו.

אַ מענטש אַן אינטעליגענטער, מיט נישט פאַרענדיקטער הויכער בילדונג איז ער אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער און דייטשער אָקופּאַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שווארצן ארבעטער אין אַ טאַרטאַק.

אַ מענטש מיט אַ ניכטערער אָריענטאַציע, האָט ער געשטעלט פאַר זיך נאָר איין ציל: ראַטעווען זיך און זיין משפּחה. אין דער עדות ווערט גענוי דערציילט ווי אַזוי ס׳איז אים געלונגען אַרויסרעטן זיך, זיין פרוי און קינדער פון די נעגל פון טויט.

די גאַנצע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך נישט געשטופּט צו פאַרנעמען עפּעס אַ באַקוועמן פּאָסטן אין יודנראַט, אָדער פּאָליצײַ, כאָטש אַזעלכע אָפּערטעס האָט ער פיל מאָל באַקומען.

כאַראַקטעריסטיש איז זיין ענטפער דעם ערשטן פּרעזעס פון יודן־ראַט ווידערהאָרן, ווען דער לעצטער האָט פאָרגעלייגט אים, אַז ער זאָל איבערנעמען זיין פּאָסטן: „מיין גאַנצן לעבן בין איך געווען אַ געבער, נישט קיין נעמער. איך וויל נישט זיין קיין אינסטרומענט פון דער געסטאַפּאָ און איך וועל נישט קענען צונעמען דעם לעצטן ביסן פון די יידן״.

אלס אילוסטראַציע פון דעם אויבן באַמערקטע איז כדאי צוצוגעבן וועגן אַ פאַקט, וועלכן ווינשטיין האָט געבעטן נישט צום פאַרעפנטלעכן: ווען זיין יינגערער ברודער סיוניע האָט אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער וויל אַריינטרעטן אין דער יידישער פּאָליצײַ, כדי צו פאַרלייכטערן זיך דאָס לעבן „האָב איך אים אַראָפּגעלאָזן דריי פייערדיקע פּעטש און געזאָגט: ,דיין פוס זאָל נישט וואַגן איבערטרעטן דעם שוועל

* פון די דאָקומענטן פון „יד ושם״ — 9 — 1906/101.

פון אַט דער מנובלדיקער כנופיה, זאָלסט נישט וואגן באַפלעקן דיין געוויסן און באשמוצן דעם ריינעם נאָמען פון אונזער משפחה׳״. דערציילנדיק וועגן דעם פאקט האָט זיך וויינשטיין שטאַרק צעוויינט און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז געקומען צו זיך.

וויינשטיין האָט אויך געבעטן נישט פאַרעפנטלעכן דעם פאָלגנדיקן פאקט:

ווען ער האָט ביי די סאָוויעטן געארבעט אלס קאלקולאטאָר האָט ער נישט בכוונה עובר געווען אויף די סאָוויעטישע געזעצן און מען האָט אים געמאכט אַ משפט, באַקומען אַ שווערע שטראָף און ס׳האָט אים געדראָט מען זאָל אים און זיין משפחה ארויספירן צו די „ווייסע בערן״. אלס געוועזענעם „בורזשוי״ האָט מען אים „צוגעשפּילעט״ סאַבאָטאַזש און אַ דאַנק דעם, וואָס די מלחמה איז אויס־געבראָכן איז ער געבליבן אין ראדזיווילאָוו.

וויינשטיין איז איינער פון די ווינציק געראטעוועטע יידן פון ראדזיווילאָווער געטאָ. און גוט האָט ער געטאָן, וואָס אין 1948 האָט ער פארשריבן אַלץ, ווען ס׳איז נאָך אים געווען פריש אין זכרון וועגן לעבן און חורבן פון ראדזיווילאָווער קהילה.

ביי מיין פיל מאָליקן באַזוכן וויינשטיינען האָב איך נענטער דערקענט אָט דעם נאָבעלן מענטש, וועלכער רופט אַרויס צו זיך רעספעקט.

אָפּשאַצנדיק די וויכטיקייט פון אָפּגעבן זיין דערקלערונג פארן „יד ושם״, האָט ער פון מיר געפאָדערט יעדעס מאָל צו איבערלייענען דאָס פארשריבענע און קאָנטראָלירט צי זענען די פאקטן ריכטיק פארשריבן געוואָרן.

דעם לעצטן מאָל, ווען איך האָב אים באַזוכט, האָב איך אים געטראָפן עוסקן זיך ביים צונויפשטעלן אַ פּלאַן פון ראדזיווילאָווער געטאָ, און ער האָט מיר געבעטן, איך זאָל אים העלפן צו קאָנטאקטירן זיך מיט נאָך אַ פּאָר ראדזיווילאָווער, כדי צוזאַמען צונויפשטעלן אַ גענויעם פּלאַן פון געטאָ.

וויינשטיין איז אַ נייער עולה. ערשט מיט אַ קארגן יאָר איז ער געקומען אין לאַנד פון ענגלאַנד. דאָרט האָט ער איבערגעלאָזן זיינעם אַ זון. איין זון געפינט זיך דאָ אין לאַנד.

אויף מיין פראַגע, וועגן זיינע פּלענער אין דער צוקונפט? האָט וויינשטיין געענטפערט, אַז דערווייל גייט ער זיך אין אולפּן און שפּעטער וועט ער קלערן וועגן אַ תכלית.

נעמען דערמאָנטע אין דער עדות

ייִדן:

משה־דוד באַלאַבאַן
ישראל באַלאַבאַן
שלמה וואַסער
יעקב בוים
ברידער מילדר
מאַניע ווײַנשטיין
סיוניע ווײַנשטיין
נח גרינשטיין
לייב „ראַכענציעס"
הרב ר' יצחק לערנער
ווידערהאָרן
— ערשטער פּרעזעס פון ייד. קאָמיטעט
הערש ליזאַק
צווייטער פּרעזעס פון ייד. קאָמיטעט
יעקב פורמאַן
— פּרעזעס פון יודנראַט
פאַראַכאַוווניק

אברהם ווײַנשטיין
הירש לינדער
דובטשאַק — אַפּטייקער
ד"ר וועבער
יעקב קיטאַס
דוד מאַרגולעס
סאַשאַ בוים
זלמן גאָלדשמיד
שמחה סעמיגראַן
צבי קיפּערמאַן
מאַנדעל
יעקב גאָלדנשטיין
טרייביטש
שיינדל זאַץ
האַלבערשטאַט
בתיה גאָלדנשטיין

נישט ייִדן:

אוקראַינער —	Tuszakowski
בירגערמייסטער —	Matejko
קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי —	Misza Zaleski
דירעקטאָר פון טאַרטאַק —	Tuszakowski
פויערטע —	Marianna
אַדוואָקאַט —	Górski
	Fajszula
	Mitka
	Pietro
	Lina

אָרטשאַפטן דערמאָנטע אין דער עדות:

Polska:	**Z. S. R. R.**
Radziwiłłów	Winnica
Krzemieniec	**Niemcy:**
Brody	Ofgeiswer bei Kassel
Dubno	**Anglia:**
Równe	Nottingham

עדות

אַדרעס: תל־אביב, רח' קינג זשאָרזש 37, בית החלוצות

דאַטע און אָרט פון געבורט: 1902 Krzemieniec woj. Wołyńskie

באַרוף: סוחר

פון דער משפחה אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:

ע ל ט ע ר ן:

פאָטער — ר' שמואל־זאב ווײַנשטיין, **געב.** 1879, **אומגעקומען אין געטאָ** ראַדזיווילאָוו **דעם** 30־**טן מאַי** 1942.

מוטער — מרים־רחל ווײַנשטיין (**בערנשטיין**), **געב.** 1881, **אומגעקומען אין געטאָ** ראַדזיווילאָוו **דעם** 30־**טן מאַי** 1942.

ב ר י ד ע ר:

אברהם ווײַנשטיין, **געב.** 1901, **אומגעקומען אין דער שטאָט** וויניצא (Winnica) **סוף יולי, אָדער אָנהויב אויגוסט** 1942.

זײַן משפחה: פרוי — אסתר ווײַנשטיין, **טאָכטער** רוניה **און זון** יצחק. **אַלע אומגעקומען אין געטאָ** ראַדזיווילאָוו.

אליעזר (סוניע) ווײַנשטיין, **געבוירן אין** 1910, **אומגעקומען סוף דעצעמבער** 1942 **אין** בערעזשעץ (Bieresci) **פּאַוויאַט קרעמעניעץ צוזאַמען מיט זײַן פרוי און שוויגער.**

יצחק ווײַנשטיין דערציילט:

היות ווי וועגן יידישן לעבן אין ראַדזיווילאָוו פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך ברייטער דערציילט (זע מײַנע זכרונות „חורבן ראַדזיווילאָוו", וועל איך זיך באַגרענעצן בלויז מיט קורצע באַמערקונגען אויף דער טעמע.

איך בין געבוירן אין יאָר 1902 אין קשעמיענעץ. אין יאָר 1922 האָט זיך

אונזער משפחה איבערגעפירט קיין ראדזיווילאָוו (Radziwilow). מיין פאָטער ר׳ שמואל־זאב ווײַנשטיין איז געווען אַ פּארמעגלעכער ייד, געפירט גאַנץ גרויסע געשעפטן. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט מיין פאָטער געהאט אַ גרויסע מיל און פרנסה איז געווען בשפע.

מיין פאָטער איז געווען אַ פאָרגעשריטענער ייד און האָט געגעבן די קינדער אַ וועלטלעכע דערציונג.

אין די קינדער־יאָרן האָב איך זיך געלערנט אין חדר. שפּעטער ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914, האָב איך זיך געלערנט אין דער יעווריעיסקאָיע אוטשילישטשע אין קרעמעניעץ. שפעטער אין דער קאָמער־טשיסקאָיע אוטשילישטשע אין קרעמעניעץ. נאָכער האָב איך געענדיקט אַ קאזיאָננע אוקראינישע גימנאַזיע און איך האָב שטודירט אין לעמבערג און קראקאָווער אוניווערסיטעטן מאַטעמאַטיק און יוריספּרודענץ. ליידער האָב איך געמוזט איבער־רייסן דאָס שטודיום, כדי צו העלפן דעם פאָטער אין זיינע געשעפטס־ענינים.

אין 1926 האָב איך געעפנט אין ראדזיווילאָוו אַ געשעפט פון שרייב־צייג און גאַלאַנטעריע. דעם געשעפט האָב איך געפירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939.

אין 1933 האָב איך חתונה געהאט מיט בתיה גאָלדנשטיין, אַ געבוירענע פון בראָדי. אין 1936 איז אונדז געבוירן געוואָרן דער עלטערער זון יוסף (ווױנט איצט אין ישראל). אין 1938 איז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון שמעון (ווױנט איצט אין ענגלאַנד).

פאר די פּוילישע צייטן, גענויער ביז 1936, האָבן די יידן אין ראדזיווילאָוו, אזוי ווי אין אלע אנדערע שטעטלעך אין אונדזער געגנט, געהאט פּרנסה. ס׳זענען געווען יידן פון פארשיידענע קאטעגאָריעס: סוחרים, האנטווערקער, קליינהענדלער. יעדער האָט זיך באַשעפטיקט מיט זיינע ענינים, ווער מיט אַרבעט, ווער מיט מסחר. נאָכן יאָר 1936, ווען די אנטיסעמיטישע כוואַליע האָט פארפלייצט פּוילן, האָט זיך די לאַגע פון די יידן אַ סך פארערגערט: די פּוילישע רעגירונג האָט אויפגעעפנט פּוילישע קראָמען, געהעצט דער פּוילישער און אוקראינישער באפעלקערונג קעגן די יידן, אָבער צו קיין אָפענע עקסצעסן איז ביי אונדז נישט דערגאנגען.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער פּויליש־דייטשער קריג, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 איז אין שטעטל געוואָרן אַ בהלה: שוין די ערשטע טעג האָט מען געזען, אַז די פּוילישע אַרמיי איז נישט בכוח זיך קעגנשטעלן דער דייטשער אַרמיי. צו אונדז אין שטעטל זענען אָנגעקומען זייער פיל פּליטים פון מערב און צענטראל

פוילן. יעדן טאָג האָבן מיר דערוואַרט, אַז די דייטשן זאָלן פאַרנעמען ראַדזיווילאָוו. דער פּחד פון די יידן איז געווען גרויס. אָבער צום גליק האָבן די סאָוויעטן דעם 19־טן סעפּטעמבער פאַרנומען ראַדזיווילאָוו און די יידן האָבן פריייער אָפּגעאָטעמט.

דאָס לעבן אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע

גלייך ווי די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ראַדזיווילאָוו און ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן די אדמיניסטראַטיווע מאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן נאַציאָנאַליזירן די גרויסע געשעפטן, טאַרטאַקן, מילן. מיין פאָטער האָט געהאַט אין מיל 3 שותּפים: משה־דוד באַלאַבאַן, זיין זון ישראל און שלמה וואַסער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די מיל איז גלייך נאַציאָנאַליזירט געוואָרן.

ווען די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן אַרויספירן די געוו. אָסאַדניקעס און אַנדערע פאַרשיידענע פּוילישע באַאַמטע, האָבן זיי אויך אַרויסגעשיקט קיין סיביר יידישע פאַמיליעס. צווישן זיי מיין פאָטערס צוויי שותּפים, ישראל באַלאַבאַן און שלמה וואַסער. אַ חוץ דעם האָבן זיי אַרויסגעפירט יעקב בוים, דעם אייגנטימער פון טאַרטאַק, ניסל בוקשטיין, די ברידער מילדר, וואַסער, האַלבערשטאַט א. א.

איך האָב גלייך אָפּגעשאַצט די לאַגע און באַשלאָסן, אַז אַמבעסטן וועט זיין, ווען איך אַליין וועל פריייוויליק איבערגעבן מיין געשעפט, איידער די סאָוויעטן וועלן דאָס טאָן מיט צוואַנג. איך האָב דעם געשעפט איבערגעגעבן די סאָוויעטן און אַליין אַוועק אַרבעטן אַלס אַנגעשטעלטער צו דער סאָוויעטישער קאָאָפּעראַציע אַלס קאַלקולאַטאָר, שפּעטער אַלס עקאָנאָמיסט (פּלאַנאָוויק). אין מיין געשעפט האָבן די סאָוויעטן אַוועקגעשטעלט אַלס פאַרוואַלטער דעם אוקראַינער טושאַקאָווסקי. אָבער טושאַקאָווסקי האָט אָנגעהויבן פירן שוואַרצע געשעפטן, ד. ה. ער האָט אַ סך סחורות פאַרקויפט אויף לינקס און דאָס געלט געלייגט צו זיך אין קעשענע.

איך מוז באַמערקן, אַז פאַרן אויסברוך פון פּויליש־דייטשן קריג האָט געאַרבעט ביי מיר אין געשעפט אַן אָנגעשטעלטע מאַניע וויינשטיין. פאַר די סאָוויעטן איז זי געווען אַ גרויסע אַקטיוויסטין און זי איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

מאַניע וויינשטיין האָט גוט געוווּסט וואָס פאַראַ סחורות און וויפל ס׳האָט זיך געפונען ביי מיר אין געשעפט. זי האָט אויך געוווּסט פון די שוואַרצע געשעפטן, וואָס ס׳האָט געפירט דער נייער באַלעבאָס פון געשעפט טושאַקאָווסקי. זי האָט עפנטלעך רעאַגירט אין דער פּראָקוראַטור, אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. טושאַקאָווסקי איז נישט באַזייטיקט געוואָרן פון דעם

פאָסטן און ער איז געבליבן באַלעבאָס פון געשעפט ביז ער האָט אויספאַרקויפט אַלע סחורות.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט בין איך אַוועק אַרבעטן אַלס קאַלקולאַטאָר, שפּעטער אַלס פּלאַנאָוויק אין דער לייטונג פון דער סאָוויעטישער קאָאָפּעראַציע. די לייטונג פון צענטראַל קאָאָפּעראַטיוו האָט געהאַט ביי אַ 20 אָפּטיילונגען אין שטאָט און אַ 30 אָפּטיילונגען אין די אַרומיקע דערפער.

ווען די סאָוויעטן האָבן אַדורכגעפירט די פּאַספּאָרטיזאַציע אין 1940 האָבן זיי נישט פאַרגעסן אין די פריערדיקע „בורזשויען" — די רייכע מענטשן האָבן באַקומען אַ פּאַספּאָרט מיט אַ „פּאַראַגראַף". די „פּאַראַגראַפּשטשיקעס" האָבן יעדן טאָג דערוואַרט, אַז מען וועט זיי סוף כל סוף אַרויספירן צו די „ווייסע בערן". צווישן דער קאַטעגאָריע געוועזענע בורזשויען בין איך אויך מיט מיין פאָטער געווען פאַררעכנט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלס געוועזענער סוחר און פאַרמעגלעכער מענטש, האָבן די סאָוויעטן נישט מסכים געווען, אַז איך זאָל אַרבעטן אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער האַנדלס־קאָאָפּעראַציע און איך בין באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה און וועלנדיק זיך „פּראָלעטאַריזירן", בין איך אַוועק אַרבעטן אַלס שוואַרצער אַרבעטער אין טאַרטאַק פון געוועזענעם באַלעבאָס יעקב בוים, וועלכן די סאָוויעטן האָבן אַרויסגעפירט קיין סיביר. אין טאַרטאַק איז אַוועק אַרבעטן אויך מיין ברודער, סיוניע וויינשטיין, גאָלדבערג (איצט אין ישראל) א. א. אין דעם טאַרטאַק האָב איך געאַרבעט ביזן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג, 22־טן יוני 1941.

ביי מיין פאָטער האָבן די סאָוויעטן צוגענומען זיין הויז. ער איז אַריבער צוזאַמען מיט מיין מוטער וווינען אין אַ קליינעם צימערל אַנטקעגן דער גרויסער שול, נישט ווייט פון זיין געוו. שותף משה־דוד באַלאַבאַן.

די סאָוויעטן האָבן אַלץ איבערגעשטעלט אויף זייער שטייגער. די לינק־געשטימטע עלעמענטן האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע, הן קריסטן, הן יידן. ס'האָט זיך געלאָזט מערקן פון פעלן פּראָדוקטן, מלבושים. דאָס אַריינפירן פון שפּייז־אַרטיקלען אין די געשעפטן איז געווען אַ ווייט נישט באַפרידיקטע. אומעטום ביי די געשעפטן פלעגן שטיין ריזיקע רייען — „אָטשערעדן". דער עולם איז נישט געווען אַנטציקט פון אַזעלכע „פּאַריאַדקעס", אָבער מ'איז ווי עס איז מסכים געווען מיטן געדאַנק, אַז איידער די דייטשן — בעסער די סאָוויעטן. לכל הפחות האָט מען נישט דערוואַרט קיין פּאָגראָמען.

דאָס לעבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

דעם 22־טן יוני 1941 איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און ראטנפארבאנד. די דייטשע אַרמיי האָט גיך פאַרסירט פאָרויס און די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו ראַדזיווילאָוו. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די סאָוויעטן האָבן אין גרויס בהלה גענומען אַנטלויפן. אַ טייל יידן האָבן געפּרוווט אַנטלויפן אויף פערד, אַ טייל אויף ראָווערן. אָבער די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט און איבערגעשניטן די וועגן און מ׳איז געווען געצוווּנגען צוריקקערן זיך.

דעם 29־טן יוני האָט די דייטשע אַרמיי אָקופּירט ראַדזיווילאָוו. די אוקראַינישע באַפעלקערונג האָט אויפגענומען די דייטשן מיט גרויס פרייד און זיי האָבן גלייך אָרגאַניזירט אַן אוקראַינישע זעלבסטפאַרוואַלטונג בראש מיט מאַטייקאַ, וועלכער האָט זיך דעקלאַרירט אַלס פאָלקס־דויטש.

די אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן ראַבעווען יידישן האָב און גוטס. אַ חוץ דעם פלעגן זיי אָנווייזן די דייטשן אויף יידישע הייזער, ווו מען קען ראַבעווען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער טעראָר. די אוקראַינער האָבן אַרויסגעגעבן די דייטשן די יידן, וועלכע זענען געווען ביי די סאָוויעטן אַקטיוויסטן. צווישן די ערשטע קרבנות איז געווען די שוין דורך מיר פריער דערמאָנטע מאַניע ווינשטיין.

איך וויל באַמערקן, אַז איידער די דייטשן זענען אַריין אין ראַדזיווילאָוו האָב איך מיט מיינע צוויי ברידער, מיט דער הסכמה פון אונדזערע משפחות, באַשלאָסן צו אַנטלויפן, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז די דייטשן כאַפּן ספּעציעל מענער. אָבער ווי געזאָגט, איז לויפן שוין נישט געווען מעגלעך, אפילו גרינשטיין, וועלכער האָט געהאט אַן אייגענעם פערד און וואָגן, איז נאָכן אַנטלויפן געווען געצוווּנגען זיך צוריקקערן, ווייל די דייטשן זענען שוין פאַרלאָפן פאָרויס.

די ערשטע גזירות

די דייטשע מאַכט האָט אָפיציעל אָנערקענט די אוקראַינישע זעלבסטפאַר־וואַלטונג און די דייטשן האָבן דער פאַרוואַלטונג געגעבן ברייטע פולמאַכטן.

אָנפאַנג יולי 1941 האָט דער דייטשער געביטס־קאָמיסאַר פון דובנא (Dubno) באַשטימט אַ דייטשן קאָמענדאַנט אין ראַדזיווילאָוו. מיט אים זענען אָנגעקומען עטלעכע ס.ס.־לייט און ס׳האָט זיך געשאַפן די דייטשע קאָמענדאַטור. די קאָמענ־דאַטור האָט גלייך אַרויסגעגעבן עטלעכע אַנטיסעמיטישע פאַראָרדענונגען:

1. יידן מוזן אָנטאָן ווייסע אָרעם־בענדער מיט בלויע מגן־דוד׳ס.
2. יידן טאָרן נישט פארלאָזן די שטאָט אָן אַ דערלויבעניש.

פאַר נישט אויספירן די פאראָרדענונגען האָט געדראָט טויט־שטראָף.

די יידן האָבן גלייך פארשטאַנען, אַז דאָס יידישע לעבן ווערט הפקר, אָבער, אַז בלויז מיט די פאראָרדענונגען וועט זיך עס נאָך נישט ענדיקן.

דעם 15־טן יולי 1941 איז אָנגעקומען אַ גרופּע געסטאַפּאָווצעס און האָט געבעטן דער אוקראַינישער זעלבסטפאַרוואַלטונג צונויפשטעלן 2 רשימות: 1 — ספּעציעל שעדלעכע יידן; 2 — פארמעגלעכע יידן.

צו דער ערשטער ליסטע האָבן די אוקראַינער פאררעכנט די יידן מיט וועלכע זיי האָבן פריער געהאט פּערזענלעכע חשבונות, געוועזענע סאָוויעטישע אַקטיוויסטן, ווי מאַניע וויינשטיין א. א.

צו דער צווייטער ליסטע האָט מען פאררעכנט איבערהויפּט פארמעגלעכע יידן און אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן איבערגעגעבן זייערע פארמעגנס פארבאהאלטן די אוקראַינער און אויף אַזאַ אופן האָט מען געוואָלט פון זיי פּטור ווערן. צווישן אנדערע האָבן זיך אויף דער צווייטער ליסטע געפונען: זלמן לעוויטאַן, שמעון מאַרדער, דוד וואַסער, אסתר גרויסמאַן, די ברידער חאַמוט א.א.

דעם זעלבן טאָג האָט די געסטאַפּאָ אַוועקגעטריבן אַ גרופּע יידן מיט לאָפּאַטעס אין בראָדער וואַלד, כדי צו אויסגראָבן אַ גרוב, נישט ווייט פון דער באַן־ליניע בראָדי־ראַדזיווילאָוו. די יידן האָט מען שפּעטער דערשאָסן. וועגן דעם האָט איבערגעגעבן איינער אַ געראַטעוועטער, וועמען ס׳איז געלונגען צו אנטלויפן, לייב ראַכענציעס.

אויף צו מאָרגנס איז אַ באַנדע אוקראַינער אַריין אין דער גרויסער שול, אַרויסגעוואָרפן די ספרי־תורות אויפן גאַס און זיי אונטערגעצונדן. דעם רב פון שטעטל הרב יצחק לערנער האָבן די באַנדיטן געצוווּנגען צו טאַנצן אַרום פייער.

דער ערשטער יידישער קאָמיטעט

אין אָנבליק פון דער געשפּאַנטער לאַגע האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געוואָלט משתדל זיין מיט דער דייטשער מאַכט, כדי דאָס יידישע לעבן זאָל נישט זיין הפקר. בראש פון דעם קאָמיטעט איז געשטאַנען ווידערהאָרן.

ווידערהאָרן איז געווען אַ ייד פון אונגאַרן, געקענט גוט דייטש, אונגאַריש און אַנדערע שפּראַכן. כאָטש אַ ייד אַן אסימילירטער האָט ער געהאט אַ ריין

יידיש האַרץ און געהאַט אַ ריינעם געוויסן. ווידערהאָרן האָט זיך געשטעלט בראש פון קאָמיטעט מיינענדיק, אַז מיט פאָרשטייער פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער קערפערשאַפט וועלן זיך די דייטשן רעכענען און וועלן אין אַ געוויסער מאָס צוימען די גוואלדטאטן פון די אוקראַינער. אין א שטיקל צייט אַרום, ווען ווידערהאָרן האָט זיך איבערצייגט, אַז דער קאָמיטעט איז בלויז אַ װערקצייג אין די דייטשע הענט, בכדי אַרויספרעסן פון יידן געלט, ווערטזאַכן און העלפן דער דייטשער מאַכט אויספילן זייערע באַפעלן, האָט ער, וועלנדיק בלייבן ביי אַ ריינעם געוויסן, זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אַמט.

ווידערהאָרן איז געוועזן מיינער אַ פערזענלעכער פריינד. ער האָט זיך פריער צו מיר געווענדעט איך זאָל איבערנעמען זיין אַמט אלס פרעזעס פון קאָמיטעט. איך האָב אים געענטפערט: „צי קענסטו מיר נישט, אַז איך מיט מיין כאַראַקטער וויל נישט און קען נישט זיין קיין געהאָרכזאַמער אויספירער פון דייטשע באַפעלן." איך האָב אָפּגעוואָרפן זיין פראָפּאָזיציע. דאן האָט ווידערהאָרן געשיקט צו מיר דעם דעמאָלטיקן קאָמענדאנט פון דער אוקראַינישער פאָליציי מישא זאלעווסקי (Misza Zalewski), וועלכער איז געוועזן מיין ברודערס אַ שול־חבר, אַז ער זאָל אויף מיר ווירקן. איך האָב דעם קאָמענדאנט געענטפערט:

— מיין גאַנץ לעבן בין איך געוועזן אַ געבער און נישט קיין נעמער. און קען נישט צונעמען ביי די יידן זייער לעצטן ביסן פון מויל.

— טאָ וועמען זאָל איך באַשטימען? — האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט.

סוף כל סוף האָט ער געזען, אז ער קען מיט מיר גאָרניט מאַכן, האָט ער באשטימט אלס פרעזעס הערש ליזאק. אָבער ער איז נישט געוועזן דער פּאַסנדער קאַנדידאַט און אין עטלעכע טעג אַרום האָט די פירונג באַשטימט אלס פרעזעס יעקב פורמאַן.

דער ראַדזיוויל אָווער יידן־ראַט

די דייטשן האָבן געוואָלט אויסברייטערן די פולמאַכטן פון קאָמיטעט און האָבן פאָראָרדנט, אַז ס׳זאָל דער קאָמיטעט רעאָרגאניזירט ווערן אַלס יודנראַט. דער 15־טער אויגוסט איז דער טאָג, ווען ס׳איז נולד געוואָרן דער ראדזי־ ווילאָווער יודנראַט.

דער פרעזעס יעקב פורמאַן איז געוועזן דער פּאַסנדער קאַנדידאַט פאר אַזאַ אינסטיטוציע.

אַ מענטש — אַן עגאָאיסט, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָט ער געהאַט זיינע

חשבונות: אויפֿן חשבון פֿון דעם אַלגעמיינעם חורבן האָט ער געוואָלט אויסבעסערן זיך זיין לעבן און דאָס לעבן פֿון זיין משפּחה. אלס פּרעזעס, האָט ער געמיינט, וועט ער ראטעווען זיך דאָס לעבן; נישט וויכטיק וואָס ער וועט טאָן — אבי לעבן בלייבן. פֿארשטענדלעך, אַז פֿורמאַן איז געווען ווייט פֿון סענטימענטן און איז געווען אַ געהאָרכזאַמער אינסטרומענט פֿון דער געסטאַפּאָ.

דער יודנראט האָט געארבעט מיט פֿלייס. אלע באפֿעלן פֿון דער דייטשער מאַכט האָט דער אויסגעפֿילט אָן קיין שום פֿארשפּעטיקונג.

דער יודנראט האָט אָנגעהויבן אויספּאָמפּען ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג זייער האָב און גוטס. איבערגעבנדיק די דייטשן די קאָנטריבוציע האָט מען אויך נישט פֿארגעסן צו איבערלאָזן פֿאר זיך באדייטנדע סומעס געלט און ווערטפֿולע זאַכן.

די יידישע פּאָליציי איז געווען אַ געהאָרכזאַמער אינסטרומענט פֿונעם יודנראַט. זיי פֿלעגן אַרויסטרייבן יידן פֿון די הייזער צו דער אַרבעט, רעקווירירן פֿארשיידענע ווערטזאַכן און געווילדעוועט.

ווייטערדיקע גזירות

גזירות זענען געקומען איינע נאָך די אנדערע. (ברייטער וועגן זיי האָב איך באַשריבן אין מיינע זכרונות, זע חורבן ראדזיווילאָוו).

דעם 20־סטן דעצעמבער 1941 איז געקומען אַ פֿאראָרדענונג פֿון דובנער געביטס־קאָמיסאַר צו פֿארבייטן די ווייסע ארעמבענדער אויף געלע לאַטעס. דעם 2־טן פֿעברואַר 1942 האָט די געסטאַפּאָ באַפֿוילן אָפּצוגעבן די קדושין־רינגלעך.

דער יודנראַט האָט לויטן באַפֿעל פֿון געסטאַפּאָ באַפֿוילן אָפּקלייבן אַ טייל ארבעטער און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין ארבעטס־לאַגער קיין וויניצע. דאָרט האָט מען זיי שפּעטער אומגעבראַכט. וועגן דעם האָט דערציילט דער איינציקער לעבן געבליבענער פֿון די ראדזיווילאָווער יידן פּאראכאָווניק. צווישן די ארויסגעשיקטע יידן אין וויניצע איז אויך געווען מיין יינגערער ברודער אברהם וויינשטיין.

דעם 5־טן מערץ 1942 זענען אין שטאָט אָנגעפֿאָרן אַ סך פֿורן מיט פֿויערים און דייטשן. די יידן האָבן געמיינט, אַז עס גרייט זיך עפּעס אָן אַקציע. אַ סך יידן האָבן זיך פֿארשטעקט אין לעכער, ווער — ווו ס׳האָט געקענט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט מען זיך געגרייט צו אַ רויב־אַקציע. די דייטשן און אוקראַינער זענען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און צוגענומען אַלץ, וואָס

האָט נאָך געהאט עפּעס אַ ווערט. אָנגעפירט מיט דער רויב־אַקציע האָט דער שוין פריער דערמאָנטער בירגערמייסטער מאטייקאָ.

דער געטאָ

דעם 9־טן אַפּריל 1942 איז געקומען אַ באַפעל, אַז אין משך פון איין טאָג זאָלן די יידן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער און זיך איבערציען אין די באשטימטע פאר זיי קווארטאלן, אין די געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט.

צו יענער צייט האָט מען באפוילן, אַז אלע יידן פון דער אומגעגנט פון ראדזיווילאָוו זאָלן פאַרלאָזן זייערע ערטער און זיך אריבערציען קיין ראדזיווילאָוו אין געטאָ. אַזוי אַרום, אַז אין ראדזיווילאָווער געטאָ האָט צו יענער צייט זיך רעגיסטרירט אַ באַפעלקערונג פון 2,600 נפשות.

דער יודנראט האָט געהאט נישט קיין לייכטע ארבעט צו פאנאנדערטיילן די פּלעצער. דער שטח איז געווען אַ קליינער, דעריבער האָט מען געמאַכט פּריטשעס. אַ חוץ דעם איז מען געשלאָפן אויף בוידעמער, אין קעלערן, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן.

צוליב דער אויסערגעוויינלעכער ענגשאַפט, שלעכטע סאַניטארע באדינגונגען און שלעכטע דערנערונג, האָבן זיך פארשפּרייט אין געטאָ פארשיידענע קראַנקהייטן. עפּידעמיעס זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דעם געטאָ האָבן באַוואַכט די יידישע און אוקראינישע פּאָליציי און איז געווען ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן.

אפּראָוויזאַציע

די יידן פלעגן גיין צו פארשיידענע ארבעטן מחוץ דעם געטאָ. יעדער איינער האָט געקענט מיטברענגען עפּעס עסן. אַ חוץ דעם האָט מען צוגעהאַנדלט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אין געטאָ פלעגט מען אויף פארשיידענע אופנים אריינשמוגלען עסנוואַרג. די יידישע פּאָליציי האָט צוגעהאנדלט מיט דער אוקרא־אינישער פּאָליציי. באַקאַנטע פויערים פלעגן אַריבערוואַרפן פעקלעך שפּייז איבער די דראָטן. און די ערשטע צייט האָט מען קיין הונגער נישט געשפּירט. שפּעטער איז די לאַגע געוואָרן אַ סך ערגער, ווען די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן פארפאָלגן די קריסטן, וואָס פלעגן זיך דערנענטערן צו די דראָטן.

איך פלעג מיט שפּענער פון טארטאק אַריינברענגען עסנוואַרג אין געטאָ. אַ חוץ דעם פלעגט מיין געוועזענע ניאניע מאריאנא מיר אָפּוואַרטן, ווען איך פלעג

גיין צו דער ארבעט אין טארטאק און פלעגט מיר איבערגעבן עסן פאר מיין משפחה. מאריאנא איז געווען אַן עלטערע קריסטין און די צייט האָט איר נישט געביטן. זי איז געווען אַ יידן־פריינד און נישטקוקנדיק אויף די שווערע פאָלגן, וואָס האָבן איר דערוואַרט פלעגט זי אונדז העלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט.

פאַראַנאַנדערטיילונג פון געטאָ

די דייטשן האָבן באַפוילן דעם יודנראַט פאַרנאַנדערטיילן דעם געטאָ אויף „נוצלעכע" און „נישט נוצלעכע".

די „נוצלעכע" האָבן באַדאַרפט באַקומען ספּעציעלע „שיינען" און באַוווינען דעם שטח פון געטאָ וואָס מען האָט גערופן ביי אונדז „קארעע".

די „נישט נוצלעכע" האָבן קיין שיינען נישט באַקומען און האָבן באַדאַרפט באַוווינען דעם שטח „צום טייך".

ווען דער יודנראַט האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן די רשימה פון די „נוצלעכע", האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך „שיינען". אין גאַנג זענען אַוועק אַלע מיטלען, נישט אָן דער הילף פון יודנראַט. ס'האָט זיך באַקומען, אַז פיל „נוצלעכע" האָבן קיין שיינען נישט באַקומען, און ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן אויסגעפירט פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעטן האָבן געמוזט אַריבערגיין „צום טייך".

אויף אַ באַפעלקערונג פון 2600 יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ראַדזיווילאָ־ווער געטאָ, האָבן שיינען באַקומען בלויז 400. די איבעריקע 2200 זיינען געווען באַשטימט אויף אַ גיכן אומקום.

אַז די „נישט נוצלעכע" וועלן אומגעברענגט ווערן האָבן באַשטעטיקט די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון ראָוונע און אומגעגנט, אַז די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שיינען זענען דערשאָסן געוואָרן.

440 גליקלעכע „באַשיינטע" זענען פאַרבליבן אין „קאַרעע"; 2,200 זענען אַוועק „צום טייך".

איך מיט מיין יינגערן ברודער סיוניע האָבן באַקומען שיינען אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון טארטאַק דירעקטאָר טושאַקאָווסקי, וועלכער האָט אונדז אַרויס־געגעבן ספּראַווקעס, אַז מיר זענען אַרבעטער אין טארטאַק.

מיינע עלטערן האָבן נאַטירלעך קיין שיינען נישט באַקומען און זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון „קאַרעע"־זייט „צום טייך", ווו איך האָב פריער געוווינט.

אַ קורצע צייט זענען מיר געווען צוזאַמען שוין האָבנדיק דעם „שיין" אין קעשענע.

די ליקווידאַציע פון געטאָ „צום טייך"

דער אומגליק איז אָנגעקומען גאַנץ אומדערוואַרט. מיר איז קוים געלונגען אַרויסנעמען מיין פרוי אוןביידע שלאָפנדיקע קינדער אויף די הענט. מיר זענען צוגעלאָפן צום טויער פון געטאָ. די פּאָליציי האָט אונדז נישט געוואָלט דורכלאָזן טראָץ דעם, וואָס איך האָב באַוויזן מיין אַרבעט־שיין. נאָך לענגערע זידלערייען האָט מען אונדז אַדורכגעלאָזט.

ווען מיר זענען אריבער אויף דער „גליקלעכער זייט" האָט זיך געשפּירט די נערוועזיטעט פון די יידן. אלע זענען געווען אויף דער וואַך.

דעם 29־סטן יוני 1942 האָבן גרופּן ס.ס.־לייט אַרומגערינגלט דעם געטאָ פון די „נישט נוצלעכע". ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע. באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס זענען זיי געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אַרויסגעטריבן אויפן גאַס. ווּעמען זיי האָבן געפונען פארבאהאלטן האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט.

אלעמען האָט מען געטריבן צום שול־הויף. דאָרט האָט מען אָפּגעקליבן מענער באַזונדער, פרויען און קינדער באַזונדער. צווישן די מענער זענען געווען: דער רב פון ראַדזיווילאָוו, הרב יצחק לערנער ז"ל; מיין פאָטער ר' שמואל וויינשטיין ז"ל; ישראל רייף; הירש לינדער און פיל אַנדערע אונגעזעענע בעלי־בתים פון שטעטל ז"ל.

די דערשאָסענע אויפן פּלאַץ האָט מען אָנגעלאָדן אויף פויערישע פורלעך און געפירט צום וואַלד. די מענער האָט מען אונטער אַ שטרענגער וואַך געטריבן צו דער באַן. שפּעטער האָט מען געזען, אַז מען האָט זיי אומגעקערט אין דער ריכטונג צו דער „פּאָליאַנע" ביים וועלדל, וואָס פירט צו די „ראַדזיווילאָווער גאַיעס". דאָרט זענען שוין געווען צוגעגרייטע גריבער, וואָס עס האָבן אויסגעגראָבן די רוסישע קריגס־געפאַנגענע.

ביי די גריבער האָט מען זיי אַלע ארומגערינגלט, באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און די ס.ס. האָט פון מאַשין־געווער אָנגעהויבן שיסן. ווּעמען ס'האָט געטראָפן אַ קויל, ווּעמען נישט, אַלעמען האָט מען אַריינגעוואָרפן אין גרוב און פון אויבן „אדורכגעשטעפּט" מיט מאַשין־געווער.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אויסגעשאָסן די מענער האָבן זיי זיך צוריק־געקערט אין געטאָ און דאָס זעלבע איבערגעחזרט מיט די פרויען און קינדער.

מען האָט זיי געפירט מיט דעם זעלבן וועג צו דעם קבר פון די מענער, ווו ס׳האָט אויף זיי געוואַרט אַ פאַרטיקע גרוב. 2 קברים, איינע אַנטקעגן דער צווייטער, געפינען זיך ביי דער „פּאָליאַנע״ אין די ראַדזיווילאָווער „גאַיעס״.

אַזוי האָבן די דייטשן ליקווידירט דעם געטאָ פון די „נישט נוצלעכע״.

אין דער „אַקציע״ האָב איך פאַרלוירן מיינע טייערע עלטערן. נאָך דער „אַקציע״ האָבן די דייטשן אַוועקגעטריבן אַ גרופּע מענטשן פון „נוצלעכן״ געטאָ אויף אָפּצוואַשן די פלעקן פון בלוט. צווישן דער גרופּע האָב איך זיך געפונען. ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַוועקגעלאָפן צו מיין דירה, ווו מיינע עלטערן האָבן זיך געפונען. איך האָב זיי געזוכט אין דער באַהעלטעניש, וואָס איך האָב פריער צוגעגרייט און פאַרמאַסקירט. איך האָב געהאָפט, אפשר איז זיי געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן. אָבער אומזיסט. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

דער געטאָ פון די „נוצלעכע״

נאָך דעם ווי ס׳איז ליקווידירט געוואָרן דער געטאָ פון די „נישט נוצלעכע״ בין איך געבליבן מיט מיין פרוי און צוויי זין. אין געטאָ האָט געווילדעוועט דער יודנראַט צוזאַמען מיט דער יידישער פּאָליציי.

צעבראָכענע פיזיש און מאָראַליש, פאַרלירנדיק די נאָענטסטע, האָט יעדער איינער געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט זיין ווייטער? ווי לאַנג וועט מען נאָך לאָזן לעבן. יעדער איינציקער האָט פאַרשטאַנען, אַז די דייטשן האָבן געשענקט דאָס לעבן נישט אויף לאַנג און דעריבער האָט יעדער איינער אָנגעהויבן זוכן אויסוועגן. אַנטלויפן אין די וועלדער איז נישט געווען מעגלעך, ווייל די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט און ביי יעדער געלעגנהייט וואָלטן זיי אַרויסגעגעבן די יידן.

ס׳זענען געבוירן געוואָרן פּלענער ווי אַזוי צו גראָבן באַהעלטענישן. ווער ס׳האָט געהאַט עפּעס אַ „גוטן״ קריסט האָט געהאָפט אויף זיין הילף. יידן האָבן זיך געסודעט. יעדער האָט אויסבאַהאַלטן זיינע פּלענער פאַרן צווייטן. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַבריצירן „אַרישע פּאַפּירן״ פאַר געזאַלצענע פרייזן. אַזעלכע פּאַפּירן איז מיר געלונגען צו באַקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי, וועלכע האָט צו יענער צייט געאַרבעט אַלס דאָלמעטשערין ביי אַ קריסטלעכן אַדוואָקאַט גורסקי. זי פלעגט אָפט גיין אויף דער פּאָסט. איין מאָל איז זי שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן פון דעם קאָמענדאַנט קראַוזע (Krause) פאַרן אַרומדרייען זיך איבערן שטאָט.

די ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ

ס'האָבן זיך דערנענטערט ביטערע טעג. ס'זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז די דייטשן גרייטן זיך אומברענגען די קינדער פון געטאָ. מיר האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן איבערלאָזן די קינדער אין געטאָ, ווען איך מיט מיין פרוי פלעגן אַוועקגיין צו דער אַרבעט. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז יעדער פון אונדז וועט מיטנעמען מיט זיך צו דער אַרבעט אַ קינד.

איך פלעג איין זון מיטנעמען מיט זיך. ווען איך פלעג קומען אין טאַרטאַק צו דער אַרבעט, פלעג איך אים פאַרשטעקן צווישן די ברעטער. דאָס זעלבע פלעגט טאָן מיין פרוי מיטן צווייטן קינד.

צו יענער צייט זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון וואָלינער יידן.

סוף סעפּטעמבער 1942 האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די רוסישע קריגס־געפאַנגענע גראָבן ווידער שוין גריבער. ס'איז פאַר קיינעם נישט געבליבן קיין ספק, אַז דאָס גראָבט מען גריבער פאַר אונדז. מיר האָבן נישט געוואוסט, מען האָט געדאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן.

אַ גרופּע יידן האָבן צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון די פריער דערמאָרדעטע יידן און אַ רשימה פון די לעבעדיקע, געשריבן עס אויף פּאַרמעט, אַריינגעלייגט אין גלעזערנע סלאָען און באַגראָבן עס אין דער נאָענט פון דער גרויסער שול, כדי מען זאָל ווען עס איז קענען זיך דערוויסן וועגן אומקום פון דער ראַדזיווילאָווער קהילה.

דעם 29־סטן סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן און אוקראַינישע פּאָליציי זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום דעם געטאָ. פילנדיק די סכנה, איז מיר געלונגען מיטנעמען איין קינד און איך האָב מיט מיין פרוי אָפּגערעדט, אַז זי וועט נעמען דאָס צווייטע קינד און מיר וועלן זיך טרעפן אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט אין דעם געוועזענעם געטאָ פון די „נישט נוצלעכע". אַזוי איז געווען: מיר האָבן זיך געטראָפן אויף אַ בוידעם פון אַ קעמערל.

אין דער צייט ווען דער געטאָ איז שוין געווען אַרומגערינגלט זענען אַ גרופּע יידן, נישט זעענדיק קיין אנדער אויסוועג, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך פאַרסמען זיך. ד"ר וועבער האָט געמאַכט גיפט־איינשפּריצונגען דעם אַפּטייקער דובטשאַק און זיין פרוי, שפּעטער יעקב קיטאַס מיט דער פרוי, סאַשאַ בוים מיט איר זון, דוד מאַרגולעס מיט זיין פרוי. צום סוף האָט ד"ר וועבער אַריינגעשפּריצט דאָזעס

סם זיין פרוי און זיין איינציקן קינד און דאן זיך אַליין. זלמן גאָלדשמיד איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפהענגען זיך. אַזוי איז אומגעקומען די גרופּע יידן, וועלכע האָט נישט געוואָלט אומקומען פון די דייטשן.

די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און פּונקט ווי מיט 4 חדשים צוריק האָבן זיי געטריבן, דאָס מאָל מענער, פרויען און קינדער צוזאַמען צו יענע גריבער אויף דער פּאָליאַנע.

אמת, פאַר דער שחיטה איז אַ פּאָר הונדערט יידן געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער אַ טייל איז געכאַפּט געוואָרן צוריק און איז דערשאָסן געוואָרן.

איך מוז באַמערקן, אַז ביי דער ליקווידאַציע פון די „נוצלעכע" יידן האָט מען געבראַכט אויף אַ מאַשין דעם געוו. פּרעזעס פון ערשטן קאָמיטעט ווידערהאָרן. די דייטשן האָבן אים געגעבן (נישט אָפיציעל) אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, אָבער דער נאָבעלער מענטש מיטן ריינעם געוויסן האָט זיך אָפּגעזאָגט און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, פרוי און צוויי קינדער.

מיר אַנטלויפן קיין בראָדי

אין דער צייט בין איך מיט מיין פרוי און קינדער געזעסן פאַרבאַהאַלטן אויפן בוידעם. אָבער דאָרטן זיצן האָבן מיר לענגער נישט געקענט. דער איינציקער אויסוועג איז געווען אַנטלויפן קיין בראָד, וווּ מיין פרוי האָט געהאַט אַ שוועסטער.

אַ טייל יידן, וועמען ס'איז געלונגען אַנטלויפן פאַר דער אַקציע, האָט זיך ווי עס דערשלאָגן קיין בראָד. אַ טייל איז געפאַלן פון קוילן אין וועג.

ווען איך מיט מיין משפּחה האָבן פאַרלאָזן דעם בוידעם, בין איך אַוועק צום פויער פּיישולא וועלכער האָט געוווינט אויף דער טעריטאָריע פון דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ. (נאָך דער ליקווידאַציע איז קריסטן דערלויבט געווען זיך צוריקקערן אין דעם פּוסטן געטאָ צו זייערע געוועזענע דירות). דער פויער האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזן, אָבער ער האָט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג קיין בראָדי איבערן טייך. דורכן בריק האָט מען נישט געקענט דורכגיין, ווייל ער איז געווען געהיט דורך פּאָליציי.

ביים טייך האָב איך געטראָפן אַ גרופּע יידן צוזאַמען מיט דעם רב'ס זין הרב דודל ראָטענבערג. איך האָב צוערשט אַריבערגעטראָגן אויף מיינע הענטביידע קינדער, שפּעטער דער פרוי. דאָס וואַסער האָט מיר געגרייכט ביזן האַלדז. אַ קריסטין זעענדיק אונדזער מצב, ווי מיר זענען געווען נאַס, האָט אונדז אַריינגעלאָזן צו זיך אין שטוב. דאָרט זענען מיר איבערגעזעסן ביז דער נאַכט.

איר מאַן האָט אונדז געגעבן אַ שטיק ברויט און מיר זענען צום צווייטן מאָל אַדורכגעגאַנגען דעם טייך. צומאָרגנס זענען מיר בשלום אָנגעקומען קיין בראָד.

אין בראָדי

אין בראָדי איז די לאַגע פאַר יידן געווען נישט אַזוי געפערלעך. אייניקע יידן האָבן אפילו געוווינט אין זייערע הייזער צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס. צוליב פאָרזיכטיקייט טעמים האָב איך מיט מיין פרוי זיך איינגעטיילט מיט די קינדער, כדי מיר זאָלן נישט זיין צוזאַמען. צו יענער צייט פלעגט קיין בראָדי אַראָפּקומען די ראַדזיוויליאָווער פּאָליציי זוכן אַנטלאָפענע יידן פון ראַדזיוויליאָוו.

דאָ אין בראָדי, 6 טעג נאָכן אַנטלויפן, האָבן מיר זיך דערוווּסט די גענויע פּרטים וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם „נוצלעכן" געטאָ, וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט. די ליקווידאַציע איז פאָרגעקומען דעם 6־טן אָקטאָבער 1942.

מיין פרוי מיט אַ קינד האָט זיך געפונען אין דער וווינונג פון איר שוועסטער. ווען איך פלעג קומען איר באַזוכן, האָב איך געזען, אַז דער פּלעמעניק פּאָרעט זיך עפּעס און זוכט אַ פּלאַץ אויף באַהאַלטן זיך. איך האָב מיט אים אָפּגערעדט, אַז ער זאָל אויך אונדז מיטנעמען אין דער באַהעלטעניש.

אין בראָדי האָט זיך צו יענער צייט געגרייט אַ דריטע „אַקציע". ס'איז שוין געווען סוף אָקטאָבער 1942. פאַר דער „אַקציע" זענען מיר אַלע אַוועק צו אַ באַקאַנטן פּויער, אַן אוקראַינער, און ער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם פון אַ טאַרטאַק.

אין דער צייט איז פאָרגעקומען די אַקציע. זיצנדיק אויפן בוידעם האָבן מיר אָבסערווירט ווי די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן, פאַרשפּאַרט זיי אין לאַסט־וואַגאָנען און ערגעץ אַוועקגעפירט. מיר האָבן געזען ווי די יידן האָבן זיך אויסגעטאָן האַלב נאַקעט, און ווען איינער אַ זשאַנדאַר האָט געוואָלט באַפרייען פון וואַגאָן זיינעם אַ ייד, האָט ער אים שוין פון וואַגאָן אַרויסגעשלעפּט אַ האַלב נאַקעטן און אַ פאַרחלשטן.

אין דער באַהעלטעניש אויפן בוידעם פון טאַרטאַק אין בראָדי

אויפן בוידעם זענען מיר געווען באַהאַלטן 12 יידן. וועגן אונדזער באַהעלטעניש האָט אפילו נישט געוווּסט דער דירעקטאָר פון טאַרטאַק אַליין. אין דער צייט פון דער אַקציע, ווען דייטשע זשאַנדאַרן האָבן אומעטום געזוכט פאַרבאַהאַלטענע יידן, זיינען זיי געקומען אויך אין טאַרטאַק זוכן יידן, אָבער דער דירעקטאָר איז

אַרויס און ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אויף דער טעריטאָריע פון טאַרטאַק זענען קיין יידן נישטאָ. זענען די זשאַנדאַרן אַוועק.

זיצן לאַנג אויפן בוידעם האָבן מיר נישט געקענט. ס׳האָט אויסגעפעלט עסנוואַרג. אַ חוץ דעם איז צווישן אונדז געווען אַ פּיצל קינד. איין מאָל, ווען דאָס קינד האָט געמוזט ערליידיקן זיינע נאַטירלעכע באַדערפעניש, האָט ער „באַנעצט" אַן אַרבעטער פון טאַרטאַק — אַ פּויער. דער פּויער האָט געמיינט, אַז עס רינט פון דאַך. ער איז אַרויף אויפן בוידעם אַ קוק טאָן פון וואַנען עס רינט. איך האָב געזען אַז ס׳איז שלעכט, ער וועט אונדז אַלעמען דערזען אויפן בוידעם און אַנטדעקן אונדזער „מעלינע". איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פלאַש בראָנפן. איך בין אַרויס צו אים אַנטקעגן מיט דער פלאַש בראָנפן און געזאָגט: „דו זעסט מיר זיצן דאָ באַהאַלטן 12 יידן. אונדזער גורל איז אין דיינע הענט. דו קענסט אונדז אַלעמען אַרויסגעבן די דייטשן און דאַן זענען מיר פאַרלאָרן. נאָר אויב דו גלויבסט אין גאָט און דו האָסט אַ ריינעם געוויסן מיט אַ מענטשלעך האַרץ — טאָרסטו עס נישט טאָן. באַטראַכט זיך גוט איידער דו גייסט אונדז אומברענגען. אונדזער גורל איז אַ געחסמעטער, אָבער דערווייל האָבן מיר נאָך אַ פונק פון האָפענונג, אַז מיר וועלן אפשר איבערלעבן." דער פּויער האָט צוגענומען דאָס פלעשל בראָנפן און ער האָט אונדז נישט אַרויסגעגעבן די דייטשן.

מיר פאַרלאָזן אונדזער בוידעם

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זיצן אויף אַ בוידעם אין בראָדי איז פאַר אונדז קיין פלאַן נישט, און כ׳האָב פּלאַנירט ווי צו פאַרלאָזן בראָדי.

נאָך זייענדיק אין ראַדזיווילאָווער געטאָ האָב איך זיך דערוועדט מיט אַ „מאַכער" פון די פּלעצער, ווו מען קען זיך אויסבאַהאַלטן. דער „מאַכער" איז געווען שמחה סעמיגראַן. ער צוזאַמען מיט אַ פאַמיליע צבי קיפּערמאַן זיינען אַרויס פון געטאָ באַצייטנס און זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע פּויערים. איך האָב פאַרלוירן מיט זיי דעם קאָנטאַקט. נאָר ער האָט מיר באַצייטנס אָנגעגעבן נאָמען פון אַ קריסט מיטקאַ, וועלכער האָט געדאַרפט וועגן מיר זאָרגן גלייך ווי פאַר זיי. אבער ווו געפינט מען דעם מיטקא?

איך האָב געבעטן דעם קריסט, וואָס האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם, ער זאָל מיר קאָנטאַקטירן מיט דעם מיטקא פון ראַדזיווילאָוו, לויט די אָנגעגעבענע סימנים. דער פּויער האָט דאָס געטאָן און אין אַ שטיקל צייט אַרום איז טאַקע געקומען דער מיטקא. אָבער ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער קען מיר נישט

נעמען צוזאמען מיט מיין פאַמיליע, נאָר מיר אליין דערווייל, שפּעטער וועט ער איבערפירן מיין פאַמיליע. איך בין מסכים געווען דערויף. מיטקא האָט זיך קאָנטאקטירט מיט אַ פויער, וועלכער האָט מיר אַוועקגעזעצט אויף זיינעם אַ וועגעלע און אַוועקגעפירט אויף אַ כוטאָר,* אויף האַלב־וועג צווישן ראַדזיווילאָוו — דובנא. שפּעטער טאַקע האָט דער פויער אויך געבראַכט מיין פאַמיליע בשלום צו מיר. איך האָב אויך פאַרגעלייגט דער פאַמיליע מאַנדעל, אַז דער פויער זאָל זיי איבערפירן צו אונדז, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיין פּראָפּאָזיציע.

אין אַ פּרישער באַהעלטעניש

איך מיטן פויער האָבן אָנגעהויבן גראָבן אַ גרוב אין שטאַל, ווו ס'זיינען געשטאַנען אַ קו, אַ ציג און אַ חזיר. די גרוב האָבן מיר געגראָבן אויף דעם פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען דער חזיר. די גרוב האָבן מיר אויסגעגראָבן 2 מעטער די לענג, אַ מעטער די ברייט, און די הויך איבער אַ מעטער. אָט די גרוב האָט געדאַרפט זיין אונדזער היים, אונדזער באַהעלטעניש פאַר 4 מענטשן.

אויפן גרוב האָבן מיר אַוועקגעשטעלט, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך, אַ הילצערנעם קאַנוס. לעבן קאַנוס איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַריטע אָנגעלייגט מיט עסן פאַרן חזיר. ווען דער פויער, אָדער זיין פרוי פלעגן דאַרפן אונדז אַריינגעטראָגן עסן, פלעגן זיי אויפהויבן דעם קאַנוס און אונדז איבערגעבן דאָס עסן. פון צייט צו צייט פלעג איך מיט אַ קינד ארויסגיין פון גרוב און אוועקגיין שלאָפן צום פויער, כדי אויסצולייגן דעם קערפּער. אויפן הויף אויף דער „וואך" איז געשטאַנען אַ גרויסער הונט, און ווען דער הונט פלעגט אָנהויבן צו בילן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עמעצער דערנענטערט זיך צום כוטאָר און מיר פלעגן אויף גיך אַריינקריכן צוריק אין גרוב. פאַרן אויסבאַהאלטן אונדז און פאַרן עסן האָבן איך דעם פויער פיין באַצאָלט.

היות אונדזער באַהעלטעניש איז געווען אויף א כוטאָר, פלעגן פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשען יידן, וועלכע פלעגן בראָדיען אין דער געגנט און זוכן שפּייז.

איין מאָל האָבן אזעלכע יידן באַמערקט ביים פויער מיין שלאָפעריקן קינד. די פויערטע האָט געטענהט, אַז דאָס איז דאָס קינד פון איר שוועסטער, אָבער ווען דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און געבעטן דער פויערטע אַוועקפירן

* אַן אָפּגעזונדערט פויערישער הויז אין פעלד.

דערליידיקן די נאַטירלעכע באַדערפעונישן, האָבן די יידן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ יידיש קינד.

איין מאָל האָט אַ ייד געבעטן דער פויערטע, אַז זי זאָל אים דערלויבן איבערנעכטיקן. די פויערטע האָט אים נישט געוואָלט צונעמען. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין עסן און געבעטן אָנקאָרמענען דעם ייד. די פויערטע האָט געגעבן דעם ייד אָפּצועסן, אָבער האָט אים געבעטן ער זאָל שנעל פאַרלאָזן דעם פלאַץ.

מיר פאַרלאָזן די באַהעלטעניש

אַזוי בין איך מיט מיין משפחה אָפּגעלעגן אין דער באַהעלטעניש 7 מאָנאַטן. אין מאַי 1943 האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן דעם פלאַץ צוליב אַ צופאַל, וואָס אַ שכנטע, אַ פויערטע האָט באַמערקט מיין פרוי. דער פויער, מיין באַלעבאָס, האָט שוין אויך געוואָלט פון אונדז פטור ווערן, אָבער ער איז געווען אנטשטענדיק און האָט מיר אָפּגעטראַנספּאָרטירט צוריק צו מיטקען. מיטקא האָט מיר אָנגעוויזן אַ נייעם צייטווייליקן אַדרעס, נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו ס'זענען געווען אויס־באַהאַלטן סעמיגראַן און צבי קיפּערמאַן. דער פלאַץ איז געווען נישט ווייט פון די מאַסן־קברים פון די ראַדזיווילאָווער יידן.

אויף אַ נייעם פלאַץ

ביי דעם נייעם באַלעבאָס האָבן מיר זיך באַזאָרגט אַ גרעסערן סכראַן אין אַ שייער פון תבואה. פון דאַנען האָב איך געשיקט דעם פויער פּעטראַ, ער זאָל זיך דערוויסן דעם גורל פון מיין שוואָגער יעקב גאָלדנשטיין אין בראָדי.

יעקב גאָלדנשטיין איז געווען אַן עלעקטראָטעכניקער און איינער פון די ווינציק לעבן געבליבענע יידן נאָך דער ליקווידאַציע פון בראָדער געטאָ. איך האָב געשיקט 2 שליחים צו אים און זיין פרוי, ליידער האָט מען שוין גאָלדנשטיינען נישט געטראָפן. מ'האָט אים געכאַפּט און דערשאָסן. זיין פרוי האָט דער פויער אונדז יאָ געבראַכט. זי איז געווען באַהאַלטן ביי אַ קריסטין מיטן נאָמען לינא (איצט איז די קריסטין אין ישראל).

דאָס איז געווען נאָך דער סטאַלינגראַדער מפּלה פון די דייטשן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דעם שייער ווו מיר ליגן באַהאַלטן ווילן די דייטשן אריינשטעלן פערד. מיר האָבן זאָפאָרט גלייך געמוזט פאַרלאָזן דעם פלאַץ. לויטן דזשענטעלמענישן אָפּמאַך זענען מיר אַוועק צו דעם סכראַן פון סעמיגראַן און

קיפערמאַן. דאָרט האָבן מיר זיך שוין צונויפגעקליבן 12 מענטשן. ס׳איז געווען זייער ענג. אַ חוץ דעם איז סעמיגראַן געווען קראַנק אויף טובערקולאָז. צוליב דער ענגשאַפט האָב איך נישט געוואָלט בלייבן אין דעם סכראַן, מורא האָבנדיק, אַז מיר קענען זיך אָנשטעקן מיט טובערקולאָז. איך בין געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ פרישן פּלאַץ.

אין דער צייט האָבן זיך שוין די רוסן דערנענטערט צו אונדז. די רוסישע אַרמיי איז שוין געשטאַנען דריי קילאָמעטער פון אונדזער פּלאַץ. דאָרט איז געשטאַנען דער פראָנט. איך בין ארויס זוכן אַ נייעם סכראַן און געטראָפן טרייביטש (איצט אין אַמעריקע) און שיינדל זאַץ (לעבט איצט אין תל־אביב). זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ, ווו מען קען זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער.

די באפרייאונג

איך האָב איבערגעלאָזן מיין פרוי און קינדער אין דעם סכראַן פון סעמיגראַן און אַליין בין איך אַוועק מיט אַ יונגן פויער, 18 יאָר אַלט, זוכן אַ נייעם סכראַן. דער פויער האָט זיך אויך אויסבאהאלטן פון די דייטשן. ער האָט מורא געהאט מען זאָל אים נישט אַוועקשיקן אין דייטשלאנד.

אין דער צייט האָבן זיך די רוסן גערוקט פאָרויס, און דער סכראַן פון סעמיגראַן און קיפערמאַן, ווו ס׳האָט זיך געפונען מיין פרוי און קינדער, איז שוין געווען פארנומען פון די רוסן.

דאָס דאָרף איז 7 מאָל איבערגעגאנגען פון האַנט צו האַנט. עס זענען געפאלן אַ סך געהרגעטע פוןביידע צדדים. ווען איך האָב שוין דערהערט רוסיש ריידן בין איך מיטן שקץ אַרויס. די רוסן האָבן אונדז געצוווּנגען צו באגראָבן די מתים. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל שפּעטער קומען מיט אַ מעלדונג, אַז מיין פרוי און קינדער ווארטן אויף מיר. און אזוי איז געווען. ווען ער האָט איבערגעגעבן, אַז מיין פאַמיליע ווארט אויף מיר, האָבן מיר די רוסן אָפּגעלאָזט.

אָבער צוגיין צו דעם סכראַן, ווו ס׳האָט זיך געפונען מיין פאמיליע איז געווען גאָרנישט אַזוי פּשוט. די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָנטר־אָפענסיווע און דער וועג איז געווען באשאָסן. די רוסן האָבן אָפּגעטראָטן. איך האָב געבעטן די רוסישע סאָלדאַטן זיי זאָלן מיר נישט איבערלאָזן און מיטנעמען אויף אַ פור, ווייל איך האָב שוין נישט געהאט קיין כוח צו גיין, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

צונויפקלייבנדיק די לעצטע ביסל כוחות, אַ הונגעריקער, אַ מידער, בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון סכראַן, ווו מיין פרוי און קינדער האָבן זיך

געפונען. ווען איך האָב זיך דערקלויבן צום פּלאַץ פון סכראן, האָב איך מיין פאַמיליע און די איבעריקע דאָרט נישט געפונען. דאָרט זענען שוין געווען אנדערע פויערים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דער שלאַכט. דאָס זענען געווען פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן מיר געבעטן אַריינגיין אין סכראן, כדי איך זאָל נישט ווערן באַמערקט דורך די שכנים. איך האָב זיי געפאָלגט און אַריין אין סכראן.

אין סכראן זענען מיר באַפאַלן אינזעקטן, פליי, און מיר שטאַרק געביסן. איך האָב פארשטאַנען, אַז מיין פרוי און די איבעריקע: קיפערמאן, סעמיגראן, זענען אַוועק קיין ראדזיווילאָוו. איך האָב אָנגעקלאַפּט צום באַלעבאָס און ער האָט מיר געעפנט דעם סכראן. נאָך גרויסע מאַטערניש בין איך אין עטלעכע שעה ארום אָנגעקומען קיין ראדזיווילאָוו, וואָס איז שוין געווען באַפרייט דורך די רוסן.

אין ראדזיווילאָוו האָב איך געטראָפן נישט ווייט פון דער גרויסער שול אַ פוסטע דירה, וווּ ס'זענען געווען דאָס ביסל געראַטעוועטע יידן: סעמיגראן מיט זיין פאַמיליע; קיפערמאן מיט זיין פאַמיליע; טרייביטש; שיינדל זאַק; אָקס מיט אַ פלימעניצע; פעלדמאן. יעדן טאָג פלעגט קיין ראדזיווילאָוו קומען ווער פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן.

נאָך דער באַפרייאונג

די סאָוויעטן האָבן אַלע מענער פארשריבן צו די פייערלעשער. קיין ראדזי־ווילאָוו האָט זיך צוריקגעקערט די זעלבע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה.

די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסשיקן קיין סיביר אוקראַינער און יידן. איך האָב געזען, אַז אויך מיר דראָט ארויסגעשיקט צו ווערן קיין סיביר, האָב איך זיך געווענדעט צו אַ שקץ, אַ געוועזענער שול־חבר פון מיין ברודער סיוניע, וועלכער איז געוואָרן דער פארוואַלטער פון פין־אָטדעל (פינאַנס־אָפּטיילונג) און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר צונעמען ארבעטן צו זיך. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אַ געוועזענעם בורזשוי וועט ער נישט אַריינגעמען אין אַ סאָוויעטישער אינסטיטוציע. איך האָב אים געראַטן, אַז וועגן מיין ענין זאָל ער זיך ווענדן צום סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. דער סעקרעטאַר האָט געגעבן זיין הסכמה. איך האָב אָנגעפאַנגען ארבעטן.

אין איניקע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז מען זאָל שיקן עמעצן אויף אַ קורס קיין חארקאָוו. איך האָב געגעבן מיין הסכמה צו פאָרן אויף

דעם קורס מיטן תנאי, אַז מיין פֿאַמיליע זאָל מען אריבערפירן קיין ראָוונע. די סאָוויעטן האָבן אויף דעם מסכים געווען.

ענדיקנדיק אַ דריי חדשימדיקן קורס אין חאַרקאָוו האָב איך זיך צוריקגעקערט צו מיין משפחה קיין ראָוונע. מען האָט מיר געשיקט ארבעטן אין אָבלאסטנוי פינקאָמיטעט *. איך האָב באַקומען אַ וווינונג אין אַ געוו. יידישע הויז.

אין ראָוונע האָב איך געלעבט ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע קיין פוילן.

קיין פוילן בין איך אַרויסגעפאָרן נאָכן ענדיקן די מלחמה, זיך באזעצט אין ביטאָם (Bytom), ווו כ׳האָב געלעבט ביז זומער 1946. זומער 1946 בין איך ארויסגעפאָרן קיין דייטשלאנד און זיך באזעצט אין Ofgeiswer bei Kassel. דאָרט האָב איך געארבעט אין אַ לאגער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען 2.500 יידישע פליטים.

אין דעם פליטים־לאגער האָט מען מיר אויסגעקליבן אלס איינעם פון די 5 ריכטער פון געריכט, וועלכער פלעגט דערליידיקן פארשיידענע סכסוכים צווישן די פליטים, אַדמיניסטראַציע, א.א.וו. קיין מגע־משא מיט די דייטשן האָבן מיר נישט געהאט.

אין נאָוועמבער בין איך צוזאַמען מיט מיין משפחה אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאנד, זיך באַזעצט אין דער שטאָט נאָטינגאם. די ערשטע 6 יאָר האָב איך געארבעט אלס מילנער. שפּעטער האָב איך געעפנט אַן אייגענעם געשעפט.

אין 1953 איז געשטאָרבן מיין פרוי אין עלטער פון 50 יאָר.

מיין עלטערער זון יוסף איז פון ענגלאַנד עולה געווען קיין ישראל אין 1956. דער יינגערער זון שמעון איז געבליבן אין ענגלאנד.

אין אויגוסט 1961 בין איך געקומען קיין ישראל.

אויפגעגומען: י. אלפעראָוויטש, מאַי 1962.

---

* קרייז פינאנס-קאָמיטעט.

סקירה און באמערקונגען

יחיאל פאראכאָווניק איז אלט געווען 17 יאָר, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד, יוני 1941.

אַ זון פון אַ פּראָלעטארישער משפחה (זיין פאָטער איז געווען אַ בעל־עגלה), האָט ער פון דער פריסטער יוגנט געהאָלפן דעם פאָטער מפרנס זיין די משפחה.

ער איז געווען אַ מיטגליד פון „החלוץ הצעיר" אין ראדזיווילאָוו, געטרוימט צו פאָרן אויף הכשרה און שפּעטער עולה זיין קיין ארץ־ישראל. די מלחמה האָט צעשטערט אַלע זיינע פּלענער.

אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די אוקראַינישע פאַשיסטן דערשאָסן זיין ברודער אברהם פאַר זיין אָנגעהעריקייט צו דעם סאָוויעטישן אַקטיוו. ביים פרישן קבר פון זיין אומגעקומענעם ברודער האָט ער געשווירן נקמה נעמען פאַר די אומשולדיק פארגאָסענע בלוט פון זיין ברודער. שפּעטער ווען די דייטשן האָבן דערמאָרדעט זיין גאַנצע משפחה: עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָט ער געזען פאַר זיך נאָר איין ציל: נקמה.

יחיאל פאראכאָווניק האָט אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע דורכגעמאַכט אַלע פאָרמען פון קאַמף קעגן נאַציזם: געקעמפט אין בונקערס, פּאַרטיזאַנער, אלס „וואַלד־ייד", און שפּעטער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט דאָס געווער ביז ער האָט פארלאָרן זיין רעכטע פוס.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע צווישן דער ראדזיווילאָווער יוגנט, וועלכע האָט זיך געפּרוווט אָרגאַניזירן אין געטאָ צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דעם שונא. נאָכן אומקום פון די ראדזיווילאָווער יידן, ווען ער האָט פארלוירן זיין משפּחה איז ער אנטלאָפן קיין בראָדי, און זיצנדיק מיט נאָך יידן אין אַ בונקער, האָט ער גלייך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאנער, אָרגאניזירט די בראָדער יוגנט אין געטאָ און אַ טייל פון זיי אַרויסגעפירט אין וואַלד. אין קאַמף איז ער קיינמאָל ניט געווען אַליין. ער האָט זיך שטענדיק גרופּירט אַרום די, וועלכע זענען געווען גרייט מיט געווער אין

האַנט פאַרטיידיקן דעם כבוד און שטאָלץ פון יידישן פאָלק.

אין די פאַרטיזאנער רייען איז ער געווען איינער פון די ערשטע פון דער יידישער יוגנט אין בראָדער געגנט. ער האָט אָנטיילגענומען אין אלע געפערלעכסטע אָפעראציעס קעגן דייטשע און אוקראינישע באַנדעס.

אפילו ווען ער איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן און זעקס וואָכן געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס אין אַ פויערישע כאטע, איז ער געווען אין ברען פון קאַמף. ער האָט געגעבן זיינע חברים נויטיקע אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען.

ער איז געווען איינער פון די דריי דעלעגאטן מצד די פארטיזאַנער, וועלכע האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער אָנפירונג פון דער אוקראינישער נאַציאָנאַליסטישער דעוויזיע וועגן איבעררייסן דעם פייער, נישט קעמפן איינע קעגן די צווייטע.

אין ברען פון קאַמף איז ער שטענדיק געווען פון די ערשטע, אויף די סאמע געפערלעכסטע פאָזיציעס. ער האָט געזען דעם טויט פון זיינע חברים, וועלכע זענען געפאלן לעבן אים און מיט נאָך מער ברען און צאָרן האָט ער געשלאָגן דעם שונא. אויף זיין חשבון איז נישט קיין קליינע צאָל אומגעבראכטע דורך אים דייטשן און אוקראינער.

ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ געלונגענע אָפעראציע צו באקומען שפייז פאר די 40 געשוואָלענע פון הונגער יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ בונקער אין בראָדי. די אויגן פון די פארצווייפלטע יידן זענען געווען געווענדעט נאָר צו אים און אין אים האָבן זיי געזען זייער רעטער. שפעטער, ווען דער בונקער איז אנטדעקט געוואָרן פון די דייטשן, האָט ער אויף אַ קונציקן אופן ארויסגעפירט די יידן אין וואַלד, הרגענדיק אויפן וועג עטלעכע דייטשן.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז נאָך אלע פארלוסטן, וועלכע זיין פאַרטיזאנער־אָטריאַד האָט געליטן, איז ער געבליבן איינער אַליין. מיט געווער אין האַנט האָט ער ארומגעבלאנקעט אין די וועלדער, זייענדיק פארפאָלגט פון די אָרטיקע אוקראינישע באַנדעס און דייטשן. ער האָט אנטלויפנדיק דערהרגעט אַ דייטש, וועלכער האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט.

נאָך דער באַפרייונג האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין אַ מיליטערישער סאָוויעטישער טייל און איז גלייך אַוועק אויפן פראָנט. פאר זיינע העלדן־טאַטן האָט ער דריי מאָל באַקומען הויכע מיליטערישע אויסצייכענונגען: „רויטע פאָן", רויטער שטערן" און אָרדן „רוס" 1־טע קאַטעגאָריע און פיל אַנדערע מעדאלן. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן

גיין בראש מיט אַ גרופּע זעלנער אין דער אויסשפּירונג. אין אַ שווערער שלאַכט, זייענדיק פּנים אל פּנים מיטן שונא האָט ער פאַרלוירן זיין רעכטע פוס. ערשט דאַן האָט ער איבערגעריסן דעם קאַמף, אָבער געוועזן צופרידן, וואָס ער האָט זיין נדר מקיים געווען.

נאָך דער מלחמה, שוין אלס אינוואַליד, אָן אַ פוס, האָט ער נישט גערוט: קומענדיק קיין ראַדזיווילאָוו, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, כדי צו געפינען די מערדער פון זיין משפחה און ראַדזיווילאָווער יידן. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט ער אַ טייל געפונען, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד. און ווען זיי האָבן באַקומען זייער פּסק־דין האָט ער זיך דאַן באַרואיקט.

אין 1957 האָט ער אויסגענוצט די צווייטע געלעגנהייט פאַרלאָזן רוסלאַנד. מיט זיין רוסישער פרוי און 2 טעכטער, דורך פּוילן, איז ער דעם זעלבן יאָר געקומען אין לאַנד.

דאָס אָבסאָרבירן זיך אין לאַנד איז געווען נישט לייכט. זיין רוסישע פרוי, וועלכע ער האָט פריער דערציילט וועגן יידישן לאַנד ניסים ונפלאות, האָט זיך גיך אנטוישט, נישט געפינענדיק דאָ אַ וואַרעמע סביבה, האָט זי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ראַטנפאַרבאַנד.

זיי זענען זיך צעגאַנגען אויף אַ גוטן אופן: זיי האָבן זיך צעטיילט מיט די קינדער. די פרוי האָט גענומען די יינגערע טאָכטער, מיט אים איז איבערגעבליבן די עלטערע.

דאָס לעבן איז אים שווער. ער אַרבעט אויף אַ פאַבריק, קומט אַהיים אַ מידער. זיין טאָכטער, וועלכע איז איצט אַלט 16 יאָר איז די באַלעבאָסטע אין שטוב. זי קאָכט און וואַשט און אין די אָוונטן לערנט זי זיך אין אַ מיטל־שול.

מיט זיין פרוי און טאָכטער פון ראַטנפאַרבאַנד שטייט ער אין פאַרבינדונג. ער באַקומט פ:ן זיי מתנות און ער שיקט זיי פון דאנען פּעקלעך.

אים פאַרדריסט, וואָס ער האָט דערלאָזן דערצו, אַז זיין משפחה זאָל קינסטלעך צעריסן ווערן. ער בענקט נאָך דער פרוי און טאָכטער. זיין טאָכטער דאָ, בענקט נאַטירלעך נאָך דער מוטער און שוועסטער.

אויף מיין פראַגע צי קלערט ער ווען עס איז זיך פאַראייניקן מיט זיין פרוי און קינד, האָט ער קיין קלאָרן ענטפער נישט געגעבן. ער האָט געזאָגט: „בעסער וואָלט געווען פאַר מיר, ווען מיין פרוי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר אויפן שלעכטן אופן, אָבער מיר זענען זיך פאַראַנדערגעגאַנגען בלויז דערפאַר, וואָס זי

האָט זיך נישט געקענט אַקלימאַטיזירן אין לאַנד און איך האָב נישט געקענט זיך קעגנשטעלן איר באַשלוס פארלאָזן דאָס לאַנד. איך מיט דער טאָכטער האָבן איר באַגלייט מיט דער טאָכטער אין חיפה. און ערשט דאַן, ווען די שיף איז אָפּגעשווומען, האָב איך פארשטאַנען, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער". פון זיין ענטפער האָב איך פארשטאַנען, אַז די משפחה וועט זיך סוף כל סוף פאראייניקן. אויף וואָס פאַראַ אופן? איך בין חושד, אַז סוף כל סוף וועט ער מיט דער טאָכטער פארלאָזן דאָס לאַנד און זיך אומקערן צו זיין פרוי און קינד.

אין דער עדות שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַ בולטן אופן דער שווערער געראנגל פון די יידן פון ראַדזיווילאָוו און בראָדי פארן קיום הנפש אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

י. פּאַראַכאָוויק גיט אָן פיל נעמען פון חברים, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין קאַמף מיטן בלוטיקן שונא. מיר געפינען אויך וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם אָנטייל פון די ראַדזיווילאָווער יידן אין דער פּאַרטי־זאַנער באַוועגונג, און מיט פיל פאַקטן באַשטעטיקט פּאַראַכאָוויק דעם אַקטיוון אָנטייל פון די אוקראַינישע באַנדיטן אין אויסמאָרדן די אָרטיקע יידן.

עדות

דאַטע און אָרט פון געבורט: 1924 ראַדזיווילאָוו.

באַרוף: פאַבריק־אַרבעטער.

אַדרעס: חולון, רחוב התנאים 24/4.

פון דער משפחה זענען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:

עלטערן:

פּאָטער — יעקב־משה פּאַראַכאָוויק, געבוירן 1885, אומגעקומען אין געטאָ ראַדזיווילאָוו אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ, אָקטאָבער 1942.

מוטער: יהודית פּאַראַכאָוויק (פון שטוב יערגיס), געבוירן אין 1895, אומגעקומען צוזאַמען מיטן פאָטער ביי דער ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ, אָקטאָבער 1942.

ברידער: גרשון פּאַראַכאָוויק, געבוירן 1914, אומגעקומען אין געטאָ ראַדזיווילאָוו

* פון דאָקומענטן פון „יד ושם" — פ — 1907/182.

אין דער צייט פון דער ליקווידאציע פון צווייטן געטאָ, אָקטאָבער 1942.
שמערל פאראכאָווניק, געבוירן אין 1918. אומגעקומען אויפן פראָנט. דאַטע נישט באַוווּסט.
אברהם פאראכאָווניק, געבוירן אין 1922. איינער פון די ערשטע קרבנות אין ראדזיווילאָוו. דערשאָסן פון די דייטשן אין די ערשטע טעג נאָך זייער אָקופּאַציע.
שוועסטער: טויבע פאַראַכאָווניק, געבוירן אין 1912. אומגעקומען צוזאַמען מיט די עלטערן אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ, אָקטאָבער 1942.

יחיאל פאַראַכאָווניק דערציילט:

אין די קינדער־יאָרן האָב איך געלערנט אין שול „תרבות", שפּעטער אין דער פּוילישער פאָווּשעכנער־שול. געלערנט האָב איך זיך ביזן אויסברוך פון פּויליש־דייטשן קריג, סעפּטעמבער 1939.

דער גרעסטער טייל יוגנטלעכע פון ראדזיווילאָוו פלעגט באַזוכן די לאָקאַלן פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. איך, צום ביישפּיל, בין געווען אַ מיטגליד פון „החלוץ הצעיר". אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגן מיר האָבן שמועסן וועגן ארץ־ישראל. יעדער איינער פון אונדז האָט געטרוימט צו פאָרן אויף הכשרה און שפּעטער עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער די מלחמה האָט אַלע אונדזערע פּלענער צעשטערט.

מיין פאָטער, יעקב־משה פאַראַכאָווניק, איז געווען באַשעפטיקט אין אַ מיל אין ראדזיווילאָוו. ער האָט געהאַט אַ שפּאַן פון 4—5 פערד און פלעגט איבערפירן מעל פון מיל צו די מעל־קראָמען. איך, אַזוי ווי די אַנדערע מיינע ברידער, פלעג העלפן דעם פאָטער אין דער ארבעט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פּויליש־דייטשע מלחמה און אין סעפּטעמבער 1939 זענען אַריין צו אונדז די רוסן, בין איך אַוועק ארבעטן אלס שווארצער ארבעטער אויף אַ טארטאק און כ'האָב דאָרט געארבעט ביזן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג, יוני 1941.

פאַר דעם סאָוויעטישן פּעריאָד זענען אין ראדזיווילאָוו פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען: די גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי: טארטאקן, מילן, פּיעקארניעס, קראָמען, האַנטווערקער־ווארשטאַטן זענען אַריבער אין רשות פון דער מלוכה. ס'האָבן זיך אָרגאַניזירט פארשיידענע קאָאָפּעראַטיוון (אַרטעלן). די סאָוויעטישע

מאַכט־אָרגאַנען האָבן אנגאזשירט אויף ארבעט אין פארשיידענע אנטשטאלטן, אינסטיטוציעס איבערהויפט מענטשן פון די ארבעטער־מאסן און מיט אַפּראָ־סאָוויעטישער שטימונג. אַ חוץ דעם האָבן זיך געפונען פיל אוקראַינער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו העלפן דער סאָוויעטישער מאַכט. צווישן אַזעלכע אוקראַינער־אַקטיוויסטן האָבן זיך געפונען נישט קיין קליינע צאָל גרויסע אנטיסעמיטן, וועלכע האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגענוצט זייער שנאה צו די יידן.

אין ראַדזיוויליאָוו האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע פּליטים (ביעזשענצעס) פון פּוילן. זיי האָבן שוין געהאט גרוסן פון זייערע משפחות, וועלכע זענען געבליבן ביי די דייטשן, ווי אזוי די דייטשן איזדיעקעווען זיך איבער די יידן. אַ גרויסער טייל פון די פּליטים האָט זיך פארשריבן ביי די סאָוויעטן אויף צוריקפאָרן צו זייערע משפחות און די סאָוויעטישע מיליץ האָט שפּעטער די אלע רעגיסטרירטע ארויסגעפירט קיין רוסלאַנד און אַ דאַנק דעם זענען זיי לעבן געבליבן.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה, דעם 22־סטן יוני 1941, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה. די פּליטים האָבן געסטראַשעט, אַז די דייטשן וועלן אַריינוואַרפן די יידן אין אַ געטאָ און ס'וועט זיין שלעכט. די יוגנט האָט אָנגעהויבן צו אנטלויפן, איבערהויפּט זענען געלאָפן די יידן, וועלכע האָבן געבילדעט דעם סאָוויעטישן אַקטיוו. קיין מאָביליזאַציע האָבן די סאָוויעטן נישט באַוויזן צו מאַכן, זיי האָבן נישט געהאט קיין צייט, די רויטע אַרמיי איז אין בהלה אָפּגעטראָטן. די יידן זענען געלאָפן קיין קרעמעניץ און פון דאָרט צו דער גרענעץ. אָבער די רוסישע גרענעץ־וואַך האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזט און מ'איז געווען געצוווּנגען זיך אומקערן צוריק אין שטעטל. בלויז איינציקע איז יאָ געלונגען זיך אַדורכרייסן.

די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע

צווישן די וועלכע זענען אנטלאָפן פון ראַדזיוויליאָוו בין איך געווען און מיין ברודער אברהם. איך האָב זיך צוריקגעקערט אַ היים און דער ברודער איז געבליבן אין קרעמעניץ. פאַר די סאָוויעטן איז ער געווען אַן אַקטיוויסט און ס'איז פארשטענדלעך, אַז צוריקקערן זיך קיין ראַדזיוויליאָוו האָט ער נישט געקענט.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין ראַדזיוויליאָוו האָבן די אוקראַינער צונויפּ־

געשטעלט אַ רשימה פון די יידן פון געוועזענעם סאָוויעטישן אַקטיוו און נאַטירלעך איז מיין ברודער געווען אויף דער ליסטע.

די אוקראַינער, וועלכע האָבן פריער מיטגעאַרבעט מיט דער סאָוויעטן מאַכט, האָבן גלייך איבערגעביטן דעם פּעלץ און בלב ובנפש זיך איבערגעגעבן העלפן די דייטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראַבעווען פון יידישן האָב און גוטס. זיי האָבן געבילדעט אַ „סאַמאָפּראַוולעניע" (אַ זעלבסטבאַשטימונגס מאַכט), און האָבן באַקומען פון די דייטשן ברייטע פולמאַכטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרעכענען מיט די יידן, אויף וועלכע זיי האָבן געהאַט אַן „אויג", ספּעציעל האָבן זיי זיך נוקם געווען אין די געוועזענע קאָמוניסטן, קאָמסאָמאָלצעס און סתם סאָוויעטישע אַקטיוויסטן.

דער טויט פון מיין ברודער אברהם

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט איז מיין ברודער אברהם געבליבן אין קרעמעניץ און זיך נישט צוריקגעקערט קיין ראַדזיווילאָוו. די אוקראַינער האָבן אין קרעמעניץ אַרויסגעלאָזן אַ פּאַגלאַסקע, אַז די יידן האָבן אין דער קרעמעניצער תפיסה געהרגעט אַן אוקראַינער און גערופן זיך נוקם זיין אָן די יידן. צווישן די אַרעסטירטע יידן אין דער קרעמעניצער תפיסה האָט זיך אויך געפונען מיין ברודער, וועלכן די דייטשן האָבן אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַנדערע קרעמע־ניצער יידן. אַ המון פון אַ פּאָר הונדערט צעווילדעוועטע, צעיושעטע אוקראַינער, באַוואָפנטע מיט העק, מעסערס און שטעקנס האָבן באַלאַגערט די קרעמעניצער תפיסה און האָבן געמאַכט אַ בלוט־באָד. מ'האָט געהרגעט צום טויט פיל צענדליקער יידן. מיין ברודער איז געלונגען אַנטלויפן פון דער תפיסה אין מאָמענט פון פּאָגראָם און איז געקומען אַ היים קיין ראַדזיווילאָוו.

ביי אונדז אין שטוב זענען איינגעשטאַנען צוויי דייטשע אָפיצירן און מיר האָבן געמיינט, אַז אַ דאַנק זיי וועלן מיר זיין מער געזיכערט מיטן לעבן. אָבער ווען די אוקראַינישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן זוכן און אַרעסטירן די געוועזענע קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס האָבן זיי, נאַטירלעך, געהאַט אויף דער רשימה מיין ברודער אברהם און שפּעט אין אָוונט זענען זיי געקומען אים צונעמען.

איך בין געשלאָפן צוזאַמען מיטן ברודער אברהם, ווען די אוקראַינישע פּאָליציי האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער מען זאָל עפענען. איך מיטן ברודער האָבן זיך אָנגעטאָן און געווען גרייט צו אנטלויפן דורך דער הינטערשטער טיר. מיין פאָטער איז געגאַנגען עפענען. דער ברודער האָט אין דעם מאָמענט דער

ערשטער געגומען אנטלויפן, אָבער די שטוב איז געווען אַרומגערינגלט פון דער פּאָליציי. אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געפּרווט זיך אַדורכרייסן דורכן טיר, האָבן די פּאָליציאַנטן געעפנט אויף אים א פייער. ער איז געפאלן גלייך טויט אויפן אָרט. איך האָב געוואָלט לויפן גלייך נאָך אים, נאָר זעענדיק, אַז דער ברודער איז שוין טויט, בין איך געבליבן אויפן אָרט.

דער טויט פון ברודער האָט אונדז טיף דערשיטערט. בליץ שנעל האָט זיך די ידיעה פארשפּרייט איבערן שטעטל. ער איז געווען איינער פון די ערשטע נאַצישע קרבנות אין ראדזיווילאָוו. דער טויטער קערפּער פון ברודער איז געבליבן ליגן ביי די טרעפּ פון שטוב.

די דייטשע אָפיצירן, וועלכע זענען ביי אונדז איינגעשטאנען האָבן נישט דערלויבט אַריינצונעמען דעם טויטן ברודער אין שטוב, מאָטיווירנדיק מיט דעם, אַז זיי וועלן אָנהויבן אַן אויספאָרשונג קעגן דער פּאָליציי, וועלכע האָט נישט געהאט קיין רעכט צו שיסן, לויט זייער מיינונג, אַ מענטשן, וועלכער איז נישט אריבערגעטראָטן דעם שוועל פון שטוב. אָבער אויף מאָרגן ביינאַכט איז געקומען די פּאָליציי און מען האָט דעם טויטן קערפּער פון מיין ברודער צוגענומען, אוועקגעפירט הינטערן שטאָט אין די זאמדן און דאָרט באגראָבן.

אויף מאָרגן פרי האָבן מיר געפונען דעם קבר פון ברודער. מיין פאָטער איז אַוועק אין דער פּאָליציי און געבעטן אַ דערלויבניש, מיר זאָלן דעם ברודער איבערפירן אויפן יידישן בית־הקברות, אָבער דער קאָמענדאנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי זאלעווסקי (Zalewski), כאָטש דעם פאָטערס פריער אַ גוטער באַקאַנטער, האָט אָפּגעזאָגט געבן די דערלויבניש. דאַן האָבן מיר ריזיקירט און מיר האָבן אויף דער אייגענער אחריות אויסגעגראָבן דעם ברודער און איבערגעפירט אויפן יידישן בית־הקברות און מקבר געווען אויפן יידישן אופן. ביים מקבר זיין איז אויך צווישן אַנדערע געווען אָנוועזנד דב גרינשטיין (וווינט איצט אין רמת־גן).

ווען מיר האָבן געהאלטן שוין ביים פארשיטן דעם קבר איז אָנגעקומען פּאָליציי און מען האָט אונדז אלעמען אַרעסטירט. שפּעטער האָט מען אַלעמען, אַ חוץ מיך, אָפּגעלאָזן אַ היים. עטלעכע טעג האָט מען מיך געפּייניקט, געשלאָגן, אַז איך זאָל זיך מודה זיין, אַז איך בין געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ, אָבער איך האָב זיך נישט מודה געווען. זעענדיק, אַז זיי קענען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, האָט מען מיר אָפּגעלאָזט אַ היים. ביים קבר פון מיין טויטן ברודער האָב איך געשווירן

נקמה נעמען אָן די פֿאַשיסטן: אוקראַינער און דייטשן און שפּעטער טאַקע האָב איך מיין נדר מקיים געווען.

איך וויל באַטאָנען, אַז אין דער נאַכט, ווען די אוקראַינישע פּאָליציי האָט געשאָסן מיין ברודער, האָט די פּאָליציי אויך דערשאָסן אַ 30—40 יידן פון ראַדזיווילאָוו, אַמערסטן פון געוו. סאָוויעטישן אַקטיוו. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען יאַקירא, ער איז פאַר די פּוילישע צייטן געווען אַ קאַזיאָנער ראַבינער.

די דייטשן ווייזן זייער פּרצוף

די ערשטע וואָכן פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז אַדורך אונטער דעם ווילדן טעראָר פון דער אוקראַינישער פּאָליציי. שפּעטער האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אַן אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמענדאַטור און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פרישע רויבערייען, באַליידיקונגען און מאָרדן.

צוערשט האָט די קאָמענדאַטור אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן מוזן אָנטאָן אויף די אָרעמס ווייסע בענדער מיט אַ בלויען מגן־דוד. די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן גיין אויף טראָטואַרן, קאָנטאַקטירן זיך מיט דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג.

בערך אַ 2—3 וואָכן נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, האָבן זיי באַפוילן, די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, קליין און גרויס, זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. ס'האָט געדאַרפט עפּעס פּאַרקומען. די דייטשן האָבן סאָרטירט מאַנסבילשע באַזונדער, נישט פאַכמענער באַזונדער. דער מאַרק איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דייטשן און פּאָליציי. אין דער צייט זענען געגאַנגען באַנדעס און האָבן געשלעפּט פון די יידישע הייזער, וואָס זיי איז נאָר געפעלן געוואָרן. עפּעס האָט פּאַסירט, מען האָט אַלעמען אָפּגעלאָזן און מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. די יידן אומקערנדיק זיך אַ היים האָבן געטראָפן צעראַבירטע הייזער. די סיבה פאַרוואָס מען האָט פריי געלאָזן איז נישט געווען באַוווּסט.*

פון יידישן קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן האָבן די דייטשן סיסטעמאַטיש געפאָדערט קאָנטריבוציע: געלט, גאָלד און ווערטפולע זאַכן. אַ חוץ דעם האָבן די דייטשן געפאָדערט יידן אויף פאַרשיידענע שווערע אַרבעטן. די דייטשן האָבן

---

* וועגן דעם זעלבן פאַקט דערציילט יצחק וויינשטיין, אַז דאָס איז געווען דעם 28-סטן אויגוסט און נישט אַ פאַר וואָכן נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, ווי פּאַראַכאָווניק גיט אָן — י. א.

אָפּגעקליבן אַ פּאָר צענדליק פּאַך־לייט און זיי אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין וויניצע. דאָרט האָבן זיי געאַרבעט אין אַ לאַגער. צווישן די אַוועקגעשיקטע אין לאַגער האָט זיך געפֿונען מיין פֿעטער נחמיה פּאָראָכאָווניק (געשטאָרבן 27.2.61 אין ישראל), ביידע ברידער סטאָליאַרעס באַראַש, צוויי ברידער בערגאָווסקי, קאַפּלאַן וואָלף (געפֿינט זיך איצט אין טשעליאַבינסק, רוסלאַנד), און נאָך אייניקע, וועלכע איך געדענק שוין נישט. אַ חוץ אייניקע האָט זיך פֿון לאַגער קיינער נישט צוריקגעקערט. אַלע זענען דאָרט, אין וויניצע אומגעקומען.

2 געטאָס : פֿאַר „נוצלעכע" און „נישט נוצלעכע"

די דייטשן האָבן פֿאַראָרדנט אַז אין ראַדזיווילאָוו ווערט איינגעפֿירט פֿאַר די יידן אַ געטאָ. דערביי האָבן זיי אָפּגעטיילט פֿאַרן געטאָ אַ ספּעציעלן ראַיאָן, וווּ ס'האָט פֿריער געלעבט די יידישע אָרעמקייט. דער געטאָ איז ארומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט און איז באַוואַכט געוואָרן דורך דער אוקראַינישער און יידישער פּאָליציי.

נאָך דעם ווי ס'איז געשאַפֿן געוואָרן דער געטאָ האָבן די דייטשן פֿאַראַנדער־געטיילט דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אויף „נוצלעכע" און „נישט נוצלעכע". די נוצלעכע אַרבעטער, פֿאַכמענער, האָבן באַקומען ספּעציעלע שיינען און זיי איז דערלויבט געוואָרן צו נעמען זייערע משפּחות און באַוווינען דעם ראַיאָן, וואָס מען האָט ביי אונדז גערופֿן „קאַרעע"; די נישט נוצלעכע — אַלטע לייט, פֿרויען, קינדער און קראַנקע מענטשן האָבן קיין שיינען נישט באַקומען און זיי האָבן געלעבט אין אַ באַזונדערן ראַיאָן „צום טייך". וויפֿיל יידן ס'האָבן געלעבט אין געטאָ קען איך נישט זאָגן.

די ערשטע צייט האָב איך געאַרבעט אין טאַרטאַק, שפּעטער בין איך אַוועק אַרבעטן מיט מיין ברודער גרשון אין אַ מיל. מיט מעל און גרויפּנס איז אונדזער משפּחה געווען באַזאָרגט. איך מיטן ברודער גרשון האָבן באַקומען שיינען אַלס נוציקע אַרבעטער און מיר האָבן גענומען אונדזער משפּחה און אַוועק וווינען אין דעם געטאָ פֿאַר די נוצלעכע. איך האָב אפֿילו געהאַט אַ דערלויבעניש צו גיין מחוץ דעם געטאָ, ווייל איך פֿלעג אַרבעטן אין מיל, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער „אַרישער" זייט.

דאָס לעבן איז געווען נישט אַזוי לייכט, אָבער מען האָט זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן.

די ליקווידאַציע פון „נישט נוצלעכן" געטאָ

סך הכל אַ פּאָר חדשים האָט עקזיסטירט דער „נישט נוצלעכער" געטאָ. סוף יוני 1942, פּאַרטאָג, ווען אַלע זענען געשלאָפן, איז פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דער געטאָ דורך דייטשן און פּאָליציי. די אַלע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ארבעט־שיינען האָט מען געהייסן מיטנעמען אייניקע ווערט־זאַכן, אַלעמען האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען. די קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקענט גיין האָט מען אַוועקגעזעצט אויף פורן און מאַשינען. איין פאַמיליע קאזיולטשיק לייבוש און זיין זון חיים האָבן זיך קעגנגעשטעלט נישט געוואָלט גיין, די דייטשן האָבן זיי גלייך דערשאָסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן אויך דערשאָסן נאָך אייניקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. די טויטע קערפּערס האָבן זיי גענומען מיט זיך.

אלע יידן פון דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ האָט מען אונטער אַ שטרענגער וואַך אַוועקגעפירט אין אַ וועלדל, נישט ווייט פון דאָרף לעוויאַטין, נישט ווייט פון אַלטן סטאַדיאָן. דאָרט זענען שוין געווען אויסגעגראָבענע גריבער און מען האָט אַלעמען דערשאָסן.

יענעם טאָג, ד.ה. אין דעם טאָג פון דער אַקציע האָב איך געאַרבעט אין מיל ביי פערד. די שקצים האָבן מיר דערציילט גענוי, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען די „אַקציע". פאַרנאַכט בין איך מיט אַ שקץ פּיעטראָ קאָסטיוק (Pietro Kostiuk) רייטנדיק אויף פערד אַוועקגעפאָרן צו די גריבער. די מענטשן אין די גריבער האָבן זיך נאָך געוואָרפן, די ערד האָט זיך געהויבן, בלוט האָט געשפּראָצט פון דער ערד. ס'איז מיר שווער צו זאָגן צי עמעצן איז געלונגען צו אנטלויפן פון דער עקזעקוציע, נאָר מיר דוכט, אַז אַ יינגל ראובן זייגער (געפינט זיך איצט אין ראַטנפאַרבאַנד) איז יאָ געלונגען צו אנטלויפן פון די גריבער. מען דערציילט, אַז מ'האָט די יידן געצוווּנגען זיך אויסטאָן נאַקעט, געלייגט איין שיכט אויפן צווייטן, דורכגעשאָסן מיט מאַשין־געווער איין פאַרטיע נאָך דער אנדערער, ביז אַלע זענען געווען טויט. אַזוי איז אומגעקומען דער גרעסטער טייל ראדזיווילאָווער יידן.

דער פּרווו פון דער יוגנט צו אָרגאַניזירן זיך

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן ליקווידירט דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ האָבן די יידן פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט נישט לאַנג דויערן און די דייטשן וועלן אויך ליקווידירן די נוצלעכע יידן. ס'זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות אַז דאָ

און דאָרט אין וואַלין הרגענען די דייטשן אויס דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אָן אונטערשיד.

ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע יוגנטלעכע פון ראַדזיוויללאָווער געטאָ: די ברידער פייפל — שלום און פנחס (פּיפּאַ) (שלום איז געהרג׳עט געוואָרן נאָך דער צווייטער אַקציע און פנחס לעבט אין ווין); רויזן חיים (איצט אין אמעריקע); יאַקירא שמחה (סיוניע) און נאָך אַנדערע. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען טשערקאָווסקי אשר. איך האָב זיך געפונען צווישן דער גרופּע.

מיר פלעגן זיך צונויפקלייבן און דיסקוטירן אויף וואָס פאַראַ אופן צו באַקומען געווער, פאָרמען פון קאַמף א. א. וו. יעדער פון אונדז איז געווען ביי דער מיינונג אַז אין פאַל, ווען די דייטשן וועלן ליקווידירן דעם געטאָ זאָלן מיר שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מיר האָבן אויך געדאַרפט אָרגאַניזירן די איבעריקע יוגנט און אנטלויפן אין וואַלד קעמפן מיט די דייטשן אלס פאַרטיזאַנער.

די ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ

עס זענען נישט דורכגעגאַנגען קיין 5 חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ, ווי פלוצלינג איז דערגאַנגען צו אונדז די ידיעה, אַז די דייטשן ווילן ענטגילטיק ליקווידירן די ראַדזיווילאָווער יידן.

מיר האָבן שוין געהערט, אַז די יידן אין בראָדי לעבן פאַרהעלטניסמעסיק לייכטער, ווי אין אַנדערע שטעט. דעריבער ווען ס׳איז געוואָרן אומרואיק און מ׳האָט געפילט, אַז די טעג פון לעבן אין געטאָ זענען געציילטע, זענען אַ סך יידן אנטלאָפן קיין בראָדי. אין גרעסטן טייל איז געלאָפן די יוגנט, איבערהויפּט די, וועלכע איז נישט געווען פאַרבונדן מיט משפחות.

אין עטלעכע טעג אַרום, דוכט זיך סוף אָקטאָבער 1942, ד.ה. נאָך דעם ווי אַ טייל יידן איז געלונגען אנטלויפן קיין בראָדי, האָבן פלוצלינג די פּאָליציי און די דייטשן אַרומגערינגלט דעם געטאָ און פּונקט ווי אין דער ערשטער אַקציע, האָט מען אלע יידן אַוועקגעטריבן אויף דעם פּלאַץ אנטקעגן די פריערדיקע מאַסן־קברים. דאָרט זענען שוין געווען פאַרטיקע, אויסגעגראָבענע גריבער און מען האָט די איבעריקע ראַדזיווילאָווער יידן דערשאָסן. די דייטשן האָבן אויס־געגראָבן 2 גריבער, אָבער פאַרפולט האָט מען בלויז איין גרוב, די צווייטע גרוב איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ פּוסטע.

מען דערציילט, אַז די דייטשן האָבן געוואָלט לאָזן לעבן ביי דער צווייטער

אַקציע דעם דאָלמעטשער ווידערהאָרן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און האָט געוואָלט אומקומען צוזאַמען מיט זיין משפּחה.

ביי דער ליקווידאַציע פון צווייטן געטאָ זענען אומגעקומען מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

איך אנטלויף קיין בראָדי

אַ נאַכט פאַר דער צווייטער אַקציע בין איך מיט מיין חבר געניע רייזמאַן אנטלאָפן דורך דער גרענעץ קיין בראָדי. די דייטשן האָבן צווישן בראָדי און ראדזיווילאָוו געשאַפן אַ גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט וואָלין און גאליציע, אַזוי ווי ס'איז געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פיל יידן, וואָס זענען געלאָפן פון ראדזיווילאָווער געטאָ קיין בראָדי, זענען געכאַפּט געוואָרן און מען האָט זיי גלייך דערשאָסן.

איך מיטן חבר רייזמאַן זענען בשלום אָנגעקומען קיין בראָדי. איך וויל באמערקן, אַז דער בראָדער יודנראַט האָט גאָרנישט פריינטלעך אויפגענומען די אנטלאָפענע ראדזיווילאָווער יידן.

יעדעס מאָל, ווען די געסטאַפּאָ האָט געפאָדערט פון בראָדער יודנראַט אַרבעטער, פלעגט דער יודנראַט נאָר צושטעלן ראדזיווילאָווער יידן. באַזונדערס האָבן געווילדעוועט אין בראָדער געטאָ און האָט שיקאַנירט די ראדזיווילאָווער יידן דער פאַרטרעטער פון פרעזעס פון יודנראַט צווערלינג און אַ יידישער פּאָליציאַנט רובין.

איין מאָל, ווען די דייטשן האָבן געפאָדערט אַ טייל יידן פון בראָדער יודנראַט אויף אַרויסצושיקן (מען האָט נישט געוווּסט צי אויף אַרבעט, אָדער אויף טויט), האָט דער בראָדער יודנראַט אין דער רשימה פון די אַרויסגעשיקטע אַריינגעשטעלט מיין חבר חיים פעלדמאַן. אין דעם וואַגאָן איז אויך געווען מענדל צווערלינג. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז אין גאַנג פון צוג וועלן זיי אויסשניידן אַ לאָך אין וואַגאָן און וועלן אַנטלויפן. אַזוי איז געווען: מיט אַ ראזיר־מעסער האָט מען אויסגעשניטן אַ לאָך לעבן דער טיר, מען האָט געעפנט די טיר און א סך איז געלונגען צו ארויסשפרינגען פון וואַגאָן און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט קיין בראָדי.

ווען איך מיט מיין חבר זענען אָנגעקומען קיין בראָדי האָבן מיר נישט געוואָלט גיין אין געטאָ. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט מיט אונדזערן אַ חבר

טישקער הענעך און ביי אים, אין זיין געווען הויז, האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ בונקער. אין דעם בונקער האָבן זיך געפונען 30 מאַן, מערסטן טייל יוגנטלעכע; צווישן זיי 5 ראַדזיווילאָווער: איך, חיים פעלדמאַן, לייב קריפיצער (אומגעקומען), פאַריצקי יעקב (לעבט איצט אין ענגלאַנד) און זאַץ שמחה (לעבט אין אַמעריקע).

דער בונקער אין בראָדי

דער בונקער איז געווען גוט געמאַכט, באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט. ס'זענען געווען 2 אַרויסגענג,ביידע פאַרמאַסקירטע. פונעם בונקער האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט חברים פון געטאָ און אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען געווען אין שטאָט.

ווי איך האָב שוין געזאָגט האָט זיך דער בונקער געפונען אין דער געוועזענער דירה פון הענעך טישקער. דאָרט האָט געלעבט אַ קריסטין, וואָס פלעגט אונז באַזאָרגן מיט שפּייז. אין דעם בונקער האָבן מיר זיך געפונען בערך אַ האַלב יאָר צייט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיצן לאַנג אין בונקער וועלן מיר נישט קענען, האָבן מיר געפּלאַנט צו פאַרלאָזן דעם בונקער און אַוועקגיין אין וואַלד. מיר האָבן שוין געוווסט, אַז בערך אַ 30 קמ. פון בראָדי, אין די לעשניאָווער וועלדער באַזירן זיך פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל אַרויס פון בונקער, גיין אָפּזוכן די פּאַרטיזאַנער אין די לעשניאָווער וועלדער.

איך שטעל איין אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער

איך בין אַרויס פון בונקער און אין עטלעכע טעג אַרום בין איך בשלום אָנגעקומען אין די לעשניאָווער וועלדער. מיר איז געלונגען אָפּגעפינען אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, אממערסטן געוועזענע רוסישע קריגס־געפאַנגענע, פּאָליאַקן און עטלעכע יידן. צוערשט האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי צו מיר. מען האָט מיר אויסגעפאָרשט און אָפּזייענדיק מיט זיי אַ פּאָר וואָכן, האָב איך באַקומען אַ רעוואָלווער און זיי האָבן מיר געגעבן אַן אויפגאַבע: אַוועקגיין אין בראָדער געטאָ און פון דאָרט ברענגען אַ טייל יוגנט צו די פּאַרטיזאַנער. די גרופּע פּאַרטיזאַנער האָט געציילט עטלעכע און צוואַנציק מאַן און ס'האָט זיך געפאָדערט אַ גוטער מענטשן־מאַטעריאַל, כדי צו אַנטוויקלען די פּאַרטיזאַנער באַוועגונג, וועלכע האָט געקעמפט מיט 2 שונאים — מיט די דייטשן און אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן.

איך פיר אַרויס פון בראָדי אַ גרופּע יידן אין וואַלד

צום ערשטן מאָל בין איך און אַ לעמבערגער חבר (די פאַמיליע געדענק איך נישט) באַוואָפנטע אַוועק קיין בראָדי בכדי אַרויסצופירן אַ גרופּע יידן אין וואלד. דער לעמבערגער חבר איז אַוועק אין בראָדער געטאָ, כדי אַרויסצופירן פון דאָרט אַ גרופּע יידן און איך בין אַוועק אין בונקער, כדי פון דאָרט אַרויספירן אלע יידן אין וואַלד.ביידע גרופּן האָבן זיך געדאַרפט טרעפן אין איין פּלאַץ. ווען איך בין שוין געזעסן אין דעם בונקער, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי פון די דייטשן: „יודן ראוס!!" ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט איז אין בונקער געווען אַ זאַפּאַסנער אַרויסגאַנג. די יידן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו דעם אַרויסגאַנג און געוואָלט אנטלויפן; די דייטשן האָבן אין דער צייט אָנגעהויבן אויסהאַקן אַ פאַר־מויערטע פענצטערל פון בונקער. איך האָב באַלד אַ געשריי געטאָן: „האַלט, נישט אַרויסגיין!" איך האָב גלייך געגעבן 3 שאָסן אין דער ריכטונג, ווו די דייטשן האָבן געהאַקט דאָס פאַרמויערטע פענצטערל.

די דייטשן האָבן זיך אויף די שאָסן נישט געריכט, ס׳איז ביי זיי פאָרגעקומען אַ צעמישונג. זיי האָבן געמיינט, אַז אין בונקער געפינט זיך אַ גוט באַוואָפנטע גרופּע פּאַרטיזאַנער. זיי זענען זיך גלייך צעלאָפן. איך בין אַרויסגעלאָפן דער ערשטער, געגעבן נאָך עטלעכע שאָסן נאָך די אנטלאָפענע דייטשן און פּאָליציי. כ׳האָב באַפוילן אַלעמען לויפן נאָך מיר.

אויסנוצנדיק די צעמישונג פון די דייטשן, וואָס זענען זיך צעלאָפן, איז מיר געלונגען די גאַנצע גרופּע 28 יידן אַדורכפירן דורך דער שטאָט. איך האָב זיי געפירט דורך זייטיקע געסלעך, פאַרביי דעם קלויסטער, אין דער ריכטונג צום וואַלד. אַזוי זענען מיר בשלום אַדורך די שטאָט בראָדי און אָנגעקומען אין וואַלד.

דער לעמבערגער חבר, וואָס איז אַוועק אין בראָדער געטאָ אַרויספירן אַ גרופּע יוגנטלעכע איז געכאַפּט געוואָרן אין דער נאַכט דורך פּאָליציי, וואָס האָט דורכגעפירט אַ פּלוצלינגדיקע אַבלאַווע און איז אומגעקומען.

דער העלדן-טאָט פון אַ ראַדזיוויילאָווער בחור

איך וויל דערמאָנען, אַז אין דער צייט, ווען איך בין נאָך געזעסן אין בונקער אין בראָדי, האָבן מיר געהאַט אַ פאַל, ווען איינער אַ ראַדזיווילאָווער בחור הערש מאַרדער, וואָס איז זיינער צייט אנטלאָפן פון ראַדזיווילאָווער געטאָ און געקעמפט שוין אַלס פּאַרטיזאַן מיט געווער אין האַנט, איז געכאַפּט געוואָרן פון די דייטשן.

זיי האָבן אים געבראכט קיין בראָדי אין תפיסה. דער בראָדער תפיסה האָבן באַוואַכט פייערלעשער.

זיצנדיק אין תפיסה איז אים געלונגען אויסבאַהאַלטן זיין רעוואָלווער. איין מאָל, ווען מען האָט אים געפירט אויף אַן אויספאָרשונג צום אויספאָרשונגס ריכטער, האָט ער אויפן וועג דערשאָסן דעם וועכטער און איז אנטלאָפן אין בראָדער געטאָ.

ווען די דייטשן האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט, זענען זיי געקומען אין בראָדער געטאָ אים זוכן. די דייטשן האָבן דערלויבט דער אוקראַינישער פּאָליציי און די פייערלעשער זיך נוקם זיין אין די יידן פאר דעם דערשאָסענעם וועכטער. אַ האַלבע שעה האָבן די באַנדיטן געבושעוועט אין בראָדער געטאָ און ס׳זענען דאַן אומגעקומען אַ סך יידן. דאָס איז געווען אָנהויב 1943

דער טויט פון אַ פּוילישן פּראָוואָקאַטאָר

ווען מיר זענען געזעסן אין בונקער, אין דעם מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן שרייען „יודן ראוס!”, האָט צווישן די דייטשע געשרייען דערקענט טישקער דעם קול פון זיין שכן, דעם פּאָליאַק יאַנטשין. נאָך דעם ווי מיר זענען דאַן אַרויס בשלום פון בונקער, האָבן מיר באַשלאָסן צו אָפּרוימען דעם פּראָוואָקאַטאָר יאַנטשין איידער מיר זענען אַוועק אין וואַלד.

איך, טישקער, חיים פעלדמאַן, שמחה זאַץ און לייב קריפּיצר האָבן זיך צוריקגעקערט קיין בראָדי, אַוועק צו יאַנטשינס דירה. טישקער, וואָס איז געווען יאַנטשינס אַ שכן, האָט אים אַרויסגערופן פון שטוב. ווען יאַנטשין איז אַרויס פון שטוב און האָט דערזען, אַז אַ חוץ טישקערן געפינען זיך נאָך 4 פּערזאָן, האָט ער זיך דערשראָקן. טישקער האָט אים געזאָגט: „היות, ווי די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער און די מענטשן געפינען זיך אין וואַלד, נויטיקן מיר זיך אין שפּייז. איך לייג דיר פאָר, אַז דו זאָלסט אַרויסטראָגן עסן פאר די מענטשן, וועלכע זענען געווען אין בונקער”.

יאַנטשין האָט געענטפערט: „ביי מיר אין שטוב האָב איך בלויז חזיר און אַנדערע עסנוואַרג, אָבער מיין שכן האָט איצט אָפּגעבאַקן ברויט, איז לייג איך אייך פאָר אַריינגיין צום שכן און נעמען ביי אים ברויט און איך וועל דערווייל ברענגען חזיר. (מיר האָבן געוווּסט, אַז ביי דעם שכן, ווו יאַנטשין האָט אונדז געשיקט, זיצן סך דייטשן און טרינקען בראָנפן). מיר האָבן יאַנטשינען געזאָגט: „גיי דו אַליין אַריין צום שכן און בעט ברויט”. (מיר האָבן פארשטאַנען,

אַז ער וועט גערן אַריין צום שכן און דערציילן וועגן אונדז די דייטשן). ווען יאנטשין האָט זיך פארקערעוועט שוין צום טירל, ביים אַרויסגאַנג, האָב איך אין אים אויסגעשאָסן, געגעבן עטלעכע קוילן (בלויז איך אַליין האָב געהאט אַ רעוואָלווער). איך האָב דעם מנובל אַוועקגעלייגט גלייך אויפן אָרט. מיר האָבן גלייך געמאַכט פליטה.

ווען די דייטשן האָבן דערהערט אַ שיסעריי אויף דער גאַס, זענען זיי אַרויסגעלאָפן פון שטוב, געעפנט אַ שיסעריי, אָבער מיר זענען זיך שוין צעלאָפן. יאנשין איז געלעגן אַ טויטער. מיר האָבן אונדזערס אָפּגעטאָן.

צעפרידענע פון דער אָפּגעטוענער מלאָכה, וואָס מיר האָבן ליקווידירט אַ פּראָוואָקאַטאָר, זענען מיר אַוועק צו אונדזער גרופּע, וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט אין וואַלד, און איך האָב זיי אַוועקגעפירט צו די פּאַרטיזאַנער.

דער יידן־פריינד סאָקאָוויטש

איך וויל דאָ ביי דער געלעגנהייט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם יידן־פריינד סאָקאָוויטש.

זיצנדיק אין בונקער אין בראָדי האָט טישקער אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ באַקאַנטן ליטווינער סאָקאָוויטש. ער איז געווען אַ קאָמוניסט און אַ גרויסער פריינד פון יידן. ער איז טאַקע געווען דער הויפּט באַשפּייזער פון די 28 יידן, וואָס זענען געזעסן אין בונקער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ נעץ פון יידן־פריינדלעכע פויערים, וועלכע פלעגן אים סיסטעמאַטיש צופירן עסנוואַרג פאַר די יידן. סאָקאָוויטש פלעגט דאָס איבערגעבן טישקערס שכנטע און זי פלעגט אונדז איבערגעבן דאָס עסנוואַרג. שפּעטער וועל איך דערציילן ברייטער וועגן סאָקאָוויטשן.

מיר פירן אַרויס פון בראָדער געטאָ 20 יידן

זייענדיק אין וואַלד, פרילינג 1943, זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז די דייטשן קלייבן זיך צו ליקווידירן דעם בראָדער געטאָ. אין גאַנץ וואָלין האָט שוין צו יענער צייט קיין געטאָ נישט עקזיסטירט און אַלע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין, אַ חוץ בראָדי, זענען שוין געווען „יודן־ריין״.

איך בין אַוועק מיט אַ חבר אין בראָדער געטאָ און אונדז איז געלונגען אַרויספירן פאַר דער ליקווידאַציע אַ 20 יידן פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער.

אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע פון בראָדער געטאָ איז אַ טייל יידן געלונגען צו אַנטלויפן און זיי זענען שפּעטער צוגעשטאַנען צו אונדז. אונדזער

אָטריאַד איז זיך צעוואקסן קרוב צו 100 מאַן אין גרעסטן טייל יידן. אין דעם אָטריאַד האָבן מיר זיך געפונען 5 ראדזיווילאָווער: איך, פעלדמאַן, לייב קריפיצער, יעקב פאריצקי און שמחה זאק.

מיין פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט

אונדזער פּאַרטיזאַנער אָטריאַד איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אָפּערירט אין דער געגנט אַרום בראָדי. מיר האָבן געקעמפט מיט דייטשן און אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן. מיר האָבן קיין פארבינדונג מיט אַ צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב נישט געהאַט און געהאַנדלט לויטן אייגענעם איינזען און אויף די אייגענע אחריות. בראש פון אונדזער אָטריאַד איז געשטאַנען אַ געוועזענער רוסישער קאַפּיטאַן, וואָס איז אנטלאָפן פון דער בריסקער פעסטונג (זיין פאַמיליע ווייס איך נישט, זיין פסעוודנים איז געווען „טאָוואַרישטש ד״).

אונדזער אָטריאַד איז געווען צעטיילט אויף 4 גרופּן, צו 25 מאַן אין יעדער גרופּע. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר קאָמאַנדיר. איך בין געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַזאַ גרופּע. אין מיין גרופּע זענען געווען אלע פריער אויסגערעכנטע 5 ראדזיווילאָווער יידן.

היות דער לעשניאָווער וואַלד האָט זיך געצויגן אַ 15—20 קמ. און דורכן וואלד פלעגן אַדורכפאָרן דייטשע אַבאָזן, זשאנדאַרן, פלעגן מיר אָנפאַלן אויף קליינע דייטשע גארניזאָנען און פּאָליציי (אויף גרויסע גארניזאָנען פלעגן מיר נישט אָנפאַלן). מיר פלעגן אַדורכפירן לאָקאַלע אָפּעראַציעס, שאַפן זיך שפּייז, געווער. די הויפּט פּאַרטיזאַנישע כוחות זענען געווען באַזירט אַ 100 קמ. פון אונדז, ד. ה. אין דער געגנט פון פּאָלעסיע. מיר האָבן, ווי איך האָב פריער געזאָגט, קיין פארבינדונג מיט זיי נישט געהאַט.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע דיוויזיע

אין אונדזער געגנט איז געווען טעטיק די דורך די דייטשן אָרגאַניזירטע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע דיוויזיע וועלכע האָט זיך נאָמינירט „אוקראַינס־קאַיאַ דאָבראָוואָלטשעסקאַיאַ דיוויזיאַ״. די דיוויזיע האָט געקעמפט קעגן דער רויטער אַרמיי און געפירט קאַמפן מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער. די דיוויזיע איז געווען אַ מיליטערישע פאָרמאַציע אונטער דער אָנפירונג פון דער ס. ד.

די דייטשן האָבן זיי אויסגעשולט, כדי צו שיקן אויפן פראָנט, אָבער אויפן פראָנט האָבן זיי נישט געוואָלט גיין און געוואָלט פּראָקלאַמירן אַ זעלבסטשטענדיקע

אוקראַינע. זיי זענען זיך צעלאָפן אין די וועלדער און שפּעטער אויך געקעמפט קעגן די דייטשן.

מיר האָבן געהאט אויך אונדזערע מענטשן אין דער דיוויזיע. אין דעם שטאַב פון דער דיוויזיע האָט זיך געפונען אַן אוקראַינער זאַלוזשני (Załuźny). פּאַקטיש איז ער געווען אַ פריינד פון דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. פון אים פלעגן מיר זיך דערוויסן וועגן זייערע אָפּעראַטיווע פּלענער קעגן די פּאַרטיזאַנער.

דער שטאַב פון דער אוקראַינישער דיוויזיע האָט נישט געוווסט אונדזער פּאַקטישן כוח און זיי האָבן אפילו געוואָלט איינשטעלן מיט אונדז אַ פאַרבינדונג, וויסנדיק, אַז מיר קעמפן קעגן די דייטשן — דעם אַלגעמיינעם שונא.

אונדזער קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע פון 3 מאַן מיט אַ שליחות צו דעם שטאַב פון דער דיוויזיע, מיר זאָלן נישט קעמפן איינע קעגן די צווייטע. צווישן די דריי מאַן פון דער דעלעגאַציע בין איך אויך געווען.

דער שטאַב פון דער אוקראַינישער דיוויזיע האָט זיך געפונען אַן ערך 10 קמ. פון דעם שטעטל לעשניוו, 30 קמ. פון בראָדי. אונדזערע פאַרהאַנדלונגען האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן: מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז מיר וועלן נישט קעמפן איינע קעגן די צווייטע. אונדזערע און זייערע גרופּן האָבן אָפּערירט פראַנק און פריי אין דער געגנט.

וועגן דער כוונה, פאַר וואָס די אָנפירונג פון דער אוקראַינישער דיוויזיע איז מסכים געווען זיך צונויפרעדן מיט אונדז וועגן אַ פאַרייניקונג האָט אונדז אַרויסגעגעבן זאַלוזשני. ער האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק. אין דעם באַריכט, וואָס מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער קאָמאַנדיר נאָך דער צווייטאָגיקער באַראַטונג מיט די אוקראַינער האָבן מיר אויך אינפאָרמירט אים, אַז זאַלוזשני האָט אונדז געוואָרנט, אַז דער אוקראַינישער שטאַב איז מסכים געווען אָפּצושטעלן די קריגס־אָפּעראַציעס איינע קעגן די צווייטע מיט דער כוונה, זיך צו דערוויסן וועגן אונדזער פאַקטישן כוח, צונעמען ביי אונדז דאָס געווער און שפּעטער אונדז פאַרניכטן.

אָט די וואָרנונג פון זאַלוזשני האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט. און אַ דאַנק אים האָבן מיר באַצייטנס זיך צוגעגרייט אויף עווענטועלע אומגעריכטע אָנפאַלן מצד די אוקראַינער.

די פראַגע פון באַשפּייזן אונדזער אָטריאַד איז געווען זייער אַ שווערע. אין דער געגנט, ווו מיר האָבן אָפּערירט, כדי נישט ארויסרופן אַ שנאה מצד די פּויערים, האָבן מיר מיט כוח נישט געוואָלט צונעמען זייערע פּראָדוקטן, וואָס

וואָלט גלייכצייטיק אַרויסגערופן אַ פּאַניק צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און מען וואָלט אונדז טראַקטירט נישט ווי פּאַרטיזאַנער, נאָר ווי פּשוטע באַנדעס. דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקייט די פּויערים העלפן די אוקראַינער, כדי אונדז צו פאַרניכטן. צוליב די אויבן אויסגערעכנטע טעמים זענען מיר געווען געצוווּנגען צוּאָפּערירן אויף ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס אויף ווייטע שטחים. דאָס האָט צעצויגן און צעברעקלט אונדזער אַזוי אויך נישט גרויסן כוח.

אונדזער אויסשפּיר־גרופּע האָט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט אייניקע אָרטיקע פּאָליאַקן, וואָס זענען געוואָרן שפּעטער אונדזערע פאַרבינדלער און זיי פלעגן אונדז אינפאָרמירן וועגן דער שטימונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

נאָך פאַרשיידענע געלונגענע און נישט געלונגענע אָפּעראַציעס האָט אונדזער אָטריאַד געליטן גרויסע פאַרלוסטן. אין סעפּטעמבער 1943 האָבן 2500 דייטשן אונדז פלוצלינג אַרומגערינגלט. זיי האָבן בלאָקירט אונדזער אָרט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסרייסן פון דער אַרומרינגלונג. וואַרשיינלעך האָט אונדז עמעצער פאַרראַטן. מיר האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך קעגנגעשטעלט דעם אָנגרייפנדיקן שונא. אין די שווערע שלאַכטן האָבן מיר געליטן גרויסע פאַרלוסטן. ס'איז אומגעקומען אונדזער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. פונעם גאַנצן אָטריאַד זענען מיר געבליבן בלויז 11 פּאַרטיזאַנער — 8 יידן און 3 רוסן.

איך בין געווען דער קאָמאַנדיר פון דער קליינער גרופּע.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, דערוויסנדיק זיך וועגן אונדזערע פאַרלוסטן האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן אונדזער גרופּע, עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן פון אונדז. זיי פלעגן מאַכן אומגעריכטע אָנפאַלן און מיר זענען געווען געצוווּנגען גיין פון פּלאַץ צו פּלאַץ, כדי צו פאַרווישן די שפּורן.

איך ווער פאַרוווּנדעט

אין איינע פון די שלאַכטן מיט די אוקראַינער בין איך שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס. איך האָב באַקומען 4 קוילן און איך האָב געמוזט אָפּליגן 6 וואָכן ביז איך בין געקומען צו זיך. געלעגן בין איך ביי באַקאַנטע פּאָליאַקן אונטער דער אויפזיכט פון מיין טייערן חבר חיים פעלדמאַן, וועלכער איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר אויף קיין איין מינוט.

אין דער צייט, ווען איך בין געלעגן פאַרוווּנדעט איז אונדזער גרופּע אַוועק אויספירן פאַרשיידענע אויפגאַבן אין דער געגנט פּאַניעקאָוויצע (Poniekowice).

אין דער געגנט פאניעקאָוויצע האָט זיך געפונען די שוועסטער פון דעם שוין באַקאַנטן זאלוזשני, אויך אַ יידן־פריינד און אַן איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן די פאַרטיזאַנער. זי האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז אין דער געגנט געפינען זיך 2 אוקראַינישע פירער און האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן זיך געפונען.

דער טויט פונעם ראַדזיווילאָווער בחור לייב קריפּיצער

מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו ליקווידירן די 2 אוקראַינישע פירער. וויסנדיק שוין דעם אָרט, וווּ זיי געפינען זיך, האָב איך אַרויס־געשיקט אונדזער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון מיקאָלאַי מאַרטשענקאָ (Mikolay Murczenko), אַ פויער פון זשיטאָמיר (איך בין נאָך געלעגן א פאַר־ווונדעטער), צו הרגענען די אוקראַינישע פירער.

נאָך דעם ווי אונדזער גרופּע איז געלונגען צוקומען צו דעם אָרט, וווּ די אוקראַינער האָבן זיך געפונען, האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס הויז און אַריינרײַ־סנדיק זיך איר שטוב האָבן זיי דערשאָסן די 2 אוקראַינישע פירער. נאָך דער שטיקל אַרבעט זענען זיי אַוועק צו דער פרוי זאלוזשני איבערנעכטיקן.

די אוקראַינער פון דער געגנט, וועלכע האָבן געזען ווי אונדזער גרופּע האָט געהרגעט די אוקראַינישע פירער, האָבן נאָכגעשפּיאָנירט און געזען ווי די גאַנצע גרופּע איז אַריין אין הויז פון דער פרוי זאלוזשני. דאָס איז געווען אַ פעלער. זיי האָבן גלייך געגעבן צו וויסן די דייטשן פון בראָדער גאַרניזאָן, וועלכע זענען תיכף געקומען און אַרומגערינגלט דאָס הויז פון דער פרוי זאלוזשני.

אין אַ שווערן קאַמף זענען פון אונדזער גרופּע אומגעקומען 4 מענטשן — 2 רוסן און 2 יידן. ס'איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר מאַרטשענקאָ, לייב קריפּיצער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און אונטער א שטאַרקן דייטשן פייער האָבן אים די חברים אַרויסגעטראָגן פון שטוב און געבראַכט צו אונדז, וווּ איך מיט חיים פעלדמאַנען האָבן זיך געפונען. אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען צו אונדז האָט שוין לייב קריפּיצער נישט געלעבט. ער איז געשטאָרבן אויפן וועג. מיר האָבן אים באַהאַלטן אין וואַלד. אַזוי איז אומגעקומען איינער פון די בעסטע פון ראַדזיווילאָוו, לייב קריפּיצער.

מיר זענען געבליבן אַ גרופּקע פון 6 מענטשן. דריי פון אונדז זענען שפּעטער אין פאַרשיידענע שלאַכטן אומגעקומען. מיר זענען געבליבן זאַלבעדריט — דריי יידישע בחורים: איך, חיים פעלדמאַן און אליהו וואַלאַך פון בראָדי.

מיר קערן זיך אום קיין בראָדי

ווען מיר זענען שוין געבליבן זאלבעדריט האָט נישט געהאט קיין זין צו בלייבן אין וואלד. מיר זענען אויף יעדן טריט און שריט פארפאָלגט געוואָרן און מיר האָבן נישט געהאט קיין עקזיסטענץ מעגלעכקייטן.

אליהו וואָלאך האָט געהאט אַ שוועסטער אין בראָדי, וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער צוזאמען מיט נאָך 40 יידן. מיר האָבן באשלאָסן אַוועקגיין קיין בראָדי און אָפזוכן דעם בונקער. אליהו וואָלאך האָט געוווסט דעם אָרט פון בונקער, אָבער דער אַריינגאַנג איז געווען גוט פאַרמאַסקירט.

דער בונקער אין בראָדי

דער בונקער האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער בראָדי, אין אַ גרויסן הויז פון 4 שטאָק. דאָרט האָבן געלעבט פיל פּאָליאַקן און אוקראַינער. די דייטשן האָבן זיך שפּעטער משער געווען, אַז הינטער דעם הויז געפינט זיך אַ בונקער און ס׳באַהאַלטן זיך אויס יידן, אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט אָפּגעפינען דעם אַריינגאַנג אין בונקער און אויפרייסן דאָס גאַנצע הויז האָבן זיי נישט געוואָלט.

דער בונקער איז געווען פריער פּלאַנירט פון אַ יידישן אינזשיניער. אין בונקער האָבן זיך געפונען וווינונגען פון 2 שטאָק, באלויכטן מיט עלעקטרישן שטראָם, ס׳איז געווען וואַסער, קאַנאַליזאַציע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דעם אָרט פון דעם בונקער, האָבן מיר לויט אונדזער פּאַרטיזאַנישער דערפארונג אנטדעקט דעם אַריינגאַנג אין בונקער: ס׳זענען אַרויס עטלעכע יידן, כדי צו אַריינברענגען שפּייז. מיר האָבן פארהאלטן די מענטשן, זיי האָבן זיך דערשראָקן און געוואָלט אַריינגיין צוריק אין בונקער, מיר זענען שוין אַריין אַלע צוזאַמען. אַ שרעקלעך בילד האָט זיך פאר אונדז אנטדעקט: עטלעכע און פערציק יידן זענען געלעגן האַלב געשוואָלענע פון הונגער און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

אליהו וואָלאכס שוועסטער האָט אונדז גלייך דערקענט און האָט זיך זייער דערפרייט מיט אונדזער קומען. אין דעם בונקער האָט זיך אויך געפונען דער ראדזיווילאָווער ייד איטשע לערנער.

מיר זענען אַריין אין בונקער מיט געווער. אָפּזיצנדיק אין בונקער עטלעכע טעג, האָבן מיר גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן וואָס ווייטער צו טאָן, ווי אַזוי צו דערמעגלעכן אונדזער עקזיסטענץ.

איך האָב גלייך געמאַכט אָנשטרענגונגען צו קאָנטאַקטירן זיך מיט אונדזער פריינד און סימפּאַטיקער סאקאָוויטש (Sakowicz), אַ פויער מיט וועלכן מיר זענען געשטאַנען פריער אין פאַרבינדונג, אין דעם בונקער פון טישקער און מיט יאנעק סטאכאָווסקי (Janek Stachowski), טישקערס אַ שול־חבר.

מיר איז געלונגען צו געפינען מיט זיי אַ פאַרבינדונג און זיי האָבן געגעבן זייער הסכמה צו העלפן אונדז מיט שפּייז אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן.

די שפּייז, וואָס זיי האָבן אונדז צוגעשטעלט האָט לחלוטין נישט געקענט באַשפּייזן עטלעכע און פערציק פּערזאָן. נאָך אַ שטורמישער באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַ גרופּע פון יונגע חברה, 12 פּערזאָן, זאָלן דורכפירן אַ פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציע.

די בראָדער יידן, וועלכע זענען געזעסן אין בונקער האָבן אונדז דערציילט, אַז אויף דער באַן־גאַס אין בראָדי לעבט אַ רייכער אוקראַינער וואָס האָט 2 געוועלבער פון שפּייז־פּראָדוקטן.

אַ געלונגענע אָפּעראַציע

אין דער סילוועסטער־נאַכט פון 1943/44 בין איך בראש פון דער גרופּע אַוועק צו דעם אוקראַינער. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר און זענען אַריין אין שטוב. איך האָב זיך געווענדעט אויף אַ ריין אוקראַאינישן לשון (אין וואַלד האָב איך זיך גוט אויסגעלערנט ריידן אוקראַיניש) מיט די ווערטער: „מיר זענען געקומען פון דער אוקראַינישער אונטערגרונט־באַוועגונג. איר זענט אויפגעפאָדערט צו־שטעלן אונדז אַזוי פיל און אַזוי פיל מעדיקאַמענטן, שפּייז, מלבושים. איך גיב אייך צייט אין וועלכער איר דאַרפט דאָס אַלץ צושטעלן. דערווייל וועלן מיר נעמען אַלץ, וואָס מיר באַדאַרפן. אין דעם אָנגעוויזענעם טערמין וועלן מיר קומען נאָך די מעדיקאַמענטן. אין פאַל, ווען איר וועט וועגן דעם עמעצן דערציילן — באַצאָלט איר אַלע מיטן לעבן און אייער הויז וועט אַוועק מיטן רויך".

דער אוקראַינער מיט זיין משפחה האָט זיך דערשראָקן. מיר האָבן גענומען אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט. דער אוקראַינער האָט, פאַרשטענדלעך, נישט געשטערט, נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. מיר האָבן אויך צוגענומען ביי אים דעם ראַדיאָ. אָנגעלאָדענע מיט פיל גוטע עסנווארג האָבן מיר זיך צוריקגעקערט פון דער געלונגענער אָפּעראַציע אין בונקער. ווען די יידן האָבן דערזען, אַז מיר האָבן געבראַכט אַזוי פיל עסנווארג, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונדז

קושן. די מענטשן זענען געווען גליקלעך, וואָס זיי האָבן געקענט שטילן דעם הונגער.

מיר האָבן אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ און מיר האָבן געהערט, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך צו סארנע (Sarny). די שמחה איז געווען גרויס, אָבער נישט אויף לאַנג.

די דייטשן אַנטדעקן דעם בונקער

מיין חבר חיים פעלדמאַן איז צוזאַמען מיט דער שוועסטער פון אליהו וואָלאך אַרויס פון בונקער, געוואָלט עפּעס דערליידיקן. אין דעם מאָמענט האָבן זיי באַמערקט אַ גרופּע באַוואָפנטע דייטשן. די דייטשן האָבן זיך אַ יאָג געטאָן, כדי זיי צו פארהאלטן. זיי האָבן זיך פארלוירן און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן: אריינלויפן אין בונקער און ארויסגעבן אלעמען, אָדער ראטעווען אלעמען און זיך איבערגעבן לעבעדיקע די דייטשן? זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס ערשטע: אַריינגעשפּרונגען אין בונקער. די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער און חיים פעלדמאַן איז פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס. ער איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיר קורץ איבערגעגעבן, וואָס ס'האָט פּאַסירט: דער אריינגאַנג פון בונקער איז אנטדעקט געוואָרן פון די דייטשן. לאַנג טראכטן איז נישט געווען וואָס. איך האָב א געשריי געטאָן: „אַלע פארלאָזן דעם בונקער דורך דעם זאפּאסנעם ארויסגאנג!" היות חיים פעלדמאַן איז געווען פארוווּנדעט אין פוס, האָב איך אים, פארשטייט זיך, דאָרט נישט איבערגעלאָזן. איך האָב אים אַרויסגעשלעפּט אויף די הענט פון בונקער. אלע זענען ארויס דורכן זאפּאסנעם ארויסגאנג. צום גליק האָבן מיר באַמערקט, אַז 2 פויערים פירן אַן אייזערנעם שליטל. אַזוי ווי איך האָב געהאַט געווער, האָב איך צוגענומען ביי זיי דאָס שליטל, אַוועקגעלייגט פעלדמאַנען און אַוועקגעפירט אים צו סאקאָוויטשן, ווו מיר האָבן אים געגעבן די ערשטע הילף.

איך וויל באַמערקן, אַז ווען די יידן זענען אנטלאָפן פון בונקער, האָבן זיי זיך פאנאנדער געשאָטן אין פארשיידענע זייטן. אַ גרופּע פון 15 יידן זענען נאָכגעלאָפן נאָך מיר צו סאקאָוויטש.

ווען די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין בונקער, האָבן זיי דאָרט שוין קיינעם נישט געטראָפן און האָבן מיט גראַנאַטן אויפגעריסן דעם בונקער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו סאקאָוויטשן און ער האָט דערזען אַזוי פיל יידן, האָט ער געזאָגט, אַז ער קען נישט אויסבאהאלטן אַזוי פיל יידן, אַ חוץ דעם האָט ער מורא פאר אַ מסירה פון די שכנים, וועלכע קענען לייכט זיך

דערוויסן, אַז ער באַהאַלט אויס יידן און ער מיט זיין משפחה קענען באַצאָלן מיטן לעבן. ער איז געווען גערעכט. איך האָב באשלאָסן ארויספירן דעם פארוווּנדעטן חיים פעלדמאַן צוזאַמען מיט דער גרופּע יידן פון בראָדי.

דער טויט פון מיין חבר חיים פעלדמאַן

איך האָב געפירט די גרופּע בייננאַכט דורך דער טעריטאָריע פון געוועזענעם בראָדער געטאָ. אין דער צייט האָט זיך דער פראָנט שוין דערנענטערט צו בראָדי און די דייטשע פּאָזיציעס האָבן זיך געפונען אַרום דער שטאָט. נישט ווייט פון דער טעריטאָריע פון בראָדער געטאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַוואָפנטע גרופּע דייטשן, וועלכע האָבן אונדז באַמערקט און געעפנט אויף אונדז אַ שטאַרקן פייער. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן צו די חורבות פון געטאָ. אָבער גאַנץ אומדער־וואַרט האָבן מיר אויך אויף דער טעריטאָריע פון געטאָ זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשן. איך האָב געפירט פעלדמאַנען אויף אַ שליטל, די דייטשן האָבן געעפנט אויף אונדז אַ פייער. איך האָב זיך אָפּגעשאָסן. אין דעם מאָמענט איז פעלדמאַן אַראָפּגעשפּרונגען אויף איין פוס פון שליטל און איז ערגעץ פארשוווּנדן געוואָרן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די חורבות פון געטאָ. שפּעטער האָבן מיר לאַנג געזוכט פעלדמאַנען, אָבער מיר האָבן אים נישט געפונען. די דייטשן זענען געלאָפן און געשאָסן אָן אויפהער. וואַרשיינלעך האָבן זיי פעלדמאַנען געכאַפּט, ווייל אויף איין פוס האָט ער נישט געקענט לויפן. מער האָב איך פון פעלדמאַנען נישט געהערט. ער איז דאַמאָלסט זיכער אומגעקומען.

דאָס פארלירן מיין בעסטן חבר חיים פעלדמאַן איז פאר מיר געווען דער גרעסטער פארלוסט אין מיין לעבן. מיר זענען געווען טרייע חברים פון קינדהייט אָן, און ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, ווען איך בין דאַמאָלט פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס, איז פעלדמאַן 6 וואָכן פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיט פעלדמאַנען, אָבער אין דער פארשאָלטענער מינוט האָב איך אים דאָן פארלוירן אויף אייביק.

דער טויט פון ליזע קאָבער

ווען די דייטשן האָבן אויף דער טעריטאָריע פון בראָדער געטאָ געעפנט אויף אונדז אַ פייער, האָט זיך אונדזער גרופּע פראַנאַנדער געשאָטן. מיר זענען געבליבן בלויז: אליהו וואָלאַך מיט זיין שוועסטער און אויך אַ בראָדער מיידל ליזע קאָבער.

די זעלבע נאַכט האָבן מיר זיך אַריינבאַקומען אין אַ קעלער און מיר האָבן באַשלאָסן איבערזיצן דעם טאָג אין קעלער, אויף צו מאָרגנס פאַרלאָזן בראָדי און אַוועק צוריק אין די לעשניאָווער וועלדער. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז וואָלאַכ׳ס שוועסטער זאָל אַוועקגיין צו באַקאַנטע פויערים און ברענגען עפּעס עסן. מיר וועלן אויף איר וואַרטן אין קעלער.

אונדז האָבן באַמערקט שקצים און זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן אונדז די דייטשן. זיצנדיק אין קעלער האָבן מיר געהערט, אַז אין דרויסן האָט מען אויף אוקראַיניש אָנגעוויזן דאָס אָרט פון קעלער, וווּ מיר זענען געלעגן באַהאַלטן. מיר האָבן געזען, אַז לאַנג וואַרטן איז נישטאָ וואָס. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון קעלער. איך מיט ליזע קאָבער זענען געלאָפן אין איין ריכטונג און אליהו וואָלאַך אין דער צווייטער. לויפנדיק האָבן די דייטשן געעפנט אויף אונדז אַ פייער. אין דעם מאָמענט איז ליזע קאָבער אַנידערגעפאַלן. איר האָט געטראָפן אַ קויל און זי האָט שטאַרק געבלוטיקט. זי האָט מיר געזאָגט: „לויף, ראַטעווע זיך, איך בין שוין סיי ווי אַ פאַרלוירענע״. זי איז געבליבן ליגן אויפן פּלאַץ און איז אומגעקומען. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1944.

די דייטשן יאָגן זיך נאָך מיר

איך בין געלאָפן איינער אַליין, איבערלאָזנדיק אַ פאַרווונדעטע ליזע קאָבער. די דייטשן האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר, שיסנדיק אויף אַלע זייטן. אָפּלויפנדיק עטלעכע צענדליקע מעטער בין איך אַריינגעלאָפן אין אַ צעשטערט הויז, די דייטשן נאָך מיר. איך בין געבליבן שטיין הינטער אַן עמוד פון הויז. ווען דער ערשטער דייטש איז אַריינגעלאָפן, האָב איך אין אים אויסגעשאָסן און אים אַוועקגעלייגט באַלד אויפן אָרט. איך בין ארויסגעשפּרונגען אויפן צווייטן שטאָק פון הויז און זיך אָפּגעשאָסן. די דייטשן נאָך מיר. איך האָב אַראָפּגעפויזעט פון צווייטן שטאָק, אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער גאַס און זיך אויסגעמישט צוזאַמען מיטן המון.

איך האָב געקלערט וואָס טוט מען? איך האָב באַשלאָסן אַוועקגיין צו סאקאָוויטשן. איך האָב אָנגעקלאפּט צו אים. ער איז אַרויס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין איינער אַליין. סאקאָוויטש האָט מיר דערציילט, אַז אין שטאָט שמועסט מען, אַז עפּעס אַ פּאַרטיזאַנער האָט דערשאָסן אַ דייטש. איך האָב אים דערציילט די גאנצע געשיכטע. סאקאָוויטש האָט מיר געראַטן, כל־זמן

ס׳איז נישט שפעט, פארלאָזן זיין הויז, ווייל זיין הויז ווערט סיסטעמאטיש נאָכגעשפּיאָנירט פון אוקראַינער און דייטשן.

דער טויט פון יידן־פריינד זאלוזשני

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה בין איך אַוועק צוריק אין די לעשניאָווער וועלדער. דאָרט נישט ווייט האָט דאָך געוווינט זאלוזשני. איך בין אַוועק צו אים, אָבער צו מיין גרויסער דערשטוינונג האָב איך געטראָפן אַן אָפן הויז. אינעווייניק איז געווען אַלץ צעשטערט, צעבראָכן. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. איך בין אַוועק צו באַקאַנטע פּאָליאַקן און איך האָב אויך זיי נישט געטראָפן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן די פּאָליאַקן מורא געהאט צו נעכטיקן אין זייערע הייזער, ווייל די אוקראַינישע באַנדעס פלעגן אויך אָנפאלן אויף פּאָליאַקן און זיי דערמאָרדן. אַ פּאָליאַק האָט מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן דערמאָרדעט זאלוזשני און זיין גאַנצע משפחה פאר זיינע קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאנער.

איינער אַליין אין וואַלד

איך בין געוואָרן אַ וואַלד־מענטש. איינער אַליין, אָן אַ משפחה אָן חברים און פריינד. ס׳איז מיר געוואָרן זייער שלעכט. אויף יעדן שריט און טריט האָט געלויערט אויף מיר דער טויט. אַ פּאָר חדשים האָב איך געבראָדיעט פון אָרט צו אָרט. ביינאַכט פלעג איך אָנקלאַפּן צו א פויער בעטן עפּעס עסן. סוף כל סוף זענען די אוקראַינער געפאלן אויף מיינע שפּורן אָבער איך בין געווען זייער פאָרזיכטיק און ס׳איז מיר געלונגען זיך ארויסדרייען פון זייערע לאַפּעס.

די באפרייונג

דאָס איז געווען דעם 15־טן אָדער 20־סטן מערץ 1944. איך האָב געבראָדיעט אַליין אין וואַלד. פּלוצלינג האָב איך דערהערט רוסיש ריידן. איך האָב געמיינט אַז דאָס זענען אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן. איך האָב זיך גענומען אויסבאַהאַלטן, אָבער זיי האָבן מיר באַמערקט. איך האָב באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין, גיין אנטקעגן אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער. די רוסן האָבן אויף מיר אָנגעשטעלט זייערע ביקסן, גרייט צו שיסן. איך האָב זיך געווענדעט צו זיי אויף רוסיש. לכתחילה האָבן זיי מיך אָנגענומען פאר א דייטשן שפּיאָן. זיי האָבן מיך אויפן

וועג שטאַרק צעשלאָגן און אַוועקגעפירט צו זייער שטאַב. דאָס איז שוין געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

נאָך אַ דעטאַלער אויספאָרשונג האָב איך זיי דערקלערט ווער איך בין און איך האָב געבעטן זיי זאָלן מיך אַנשליסן אין זייער טייל, ווייל איך וויל קעמפן קעגן די דייטשן, נקמה נעמען פאַר די פאַרגאָסענע בלוט פון מיין אומגעקומענער משפחה. זיי האָבן מיך געוואָלט שיקן אין הינטערלאַנד, אָבער איך האָב זיי איבערצייגט אַז איך בין דעצידירט צו בלייבן אויפן פראָנט. סוף כל סוף האָבן זיי מיך אָנגעשלאָסן אין זייער טייל, די 192 טאַשקענטסקאַיאַ דיוויזיאַ, 194 סטרעלקאָווי פאָלק.

אלס קעמפער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי

די סאָוויעטישע אַרמיי האָט געטריבן די דייטשן אויף מערב, באַפרייענדיק יעדן טאָג שטעט און שטעטלעך. די דייטשן האָבן אָפּטרעטנדיק געשטעלט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד.

אין פרילינג 1944 האָט זיך אויף אונדזער אָפּשניט באַנייט די אָפּענסיווע און אונדזער טייל האָט זיך דערנעענטערט צו בראָדי, באַפרייענדיק אויפן וועג גאָראָכוו (Gorochów) און ראַדזיעכוו (Radziechów).

אין די שלאַכטן פאַר באַפרייען בראָדי זענען געפאַלן טויזנטער קרבנות פון ביידע זייטן. די שטאָט בראָדי האָט פאַרטיידיקט אַ שטאַרקע געפּאַנצערטע דייטשע אַרמיי. אַ גאַנצן חודש האָט אונדזער אַרמיי געפירט שווערע קעמפן פאַר באַפרייען בראָדי. שפּעטער איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון גענעראַל־שטאַב אָפּשטעלן די אָפּענסיווע.

איך ווער אויסגעצייכנט צום ערשטן מאָל

אַ 6 קמ. פון בראָדי האָט זיך געפונען אַ דאָרף קאָניושקוו (Koniuszków). דער דאָרף איז געלעגן אויסגעשטרייט אויף אַ באַרג און פון דאָרט האָבן די דייטשן באַשאָסן אונדזערע טיילן.

אונדזער פּאָלק האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצוקלאַפּן דעם דאָרף ביי די דייטשן. 5 מאָל איז דער פּונקט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. צום זעקסטן מאָל, ווען אונדזער פּאָלק איז אַוועק אין שלאַכט איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר ראָטע (קאמפאניע). פון דער גאנצער ראָטע זענען מיר איבערגעבליבן 4 זעלנער מיט 2 קוילנוואַרפער. מיר האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז נישט

פארלאָזן דעם פּלאַץ און איינהאַלטן דעם פונקט. די דייטשן האָבן עטלעכע מאָל געפּרוווט אונדז אַטאַקירן, אָבער אָן דערפאָלג. מיר האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט אין משך פון 24 שעה ביז ס׳זענען אָנגעקומען פרישע כוחות. אַ דאַנק אונדזער העלדישער האַלטונג איז דער פונקט פאַרבליבן אין אונדזערע הענט.

פאַר דער אָפּעראַציע זענען מיר אַלע 4 אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן אורדער „סלאַווא" פּערוווי סטעפּעני (ערשטער גראַדע). מיר האָבן נאָך געפירט פיל קאַמפן ביז ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט די ווינטער־אָפענסיווע.

ביז דער באַנייאונג פון דער זומער־אָפענסיווע, ד. ה. יולי 1944, האָבן מיר געפירט קאַמפן אין דער געגנט פון בראָדי. אין דער צייט האָב איך זיך פיל מאָל אויסגעצייכנט און די סאָוויעטישע קאָמאַנדשאַפט האָט מיך געוואָלט אַוועקשיקן אין אַן אָפיצירן־שול. דאָס איז געווען דעם 13־טן יולי 1944. אָבער אין דעם זעלבן טאָג איז אונדז באַוווּסט געוואָרן, אַז מאָרגן, ד. ה. דעם 14־טן יולי 1944, הויבט זיך אָן די זומער־אָפענסיווע. איך האָב נישט געגעבן מיין הסכמה אויף שיקן מיר אין הינטערלאַנד אין אַן אָפיצירן־שול און איך האָב געבעטן מען זאָל מיך איבערלאָזן אויפן פראָנט. איך האָב געוואָלט מקיים זיין מיין נדר: נקמה נעמען פאַר מיין אומגעקומענער משפּחה. איך האָב נישט געוואָלט פאַרלאָזן די פּאָזיציעס כל־זמן איך האָב נאָך אַ מעגלעכקייט.

איך ווער אויסגעצייכנט צום צווייטן מאָל

דעם 14־טן יולי 1944 האָט זיך באַנייט די זומער־אָפענסיווע אויף אונדזער פראָנט־אָפּשניט. פאַרטאָג, ווען אַלע האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם לאַנג דערוואַרטעטן צייכן, זענען מיר אַרויס אין שלאַכט. אונדזער אַרטילעריע, טאַנקן, אַוויאַציע, און פאַרשיידענע אַנדערע טיילן האָבן אין משך פון אַ האַלבער שעה געשפּיגן מיט פייער, באָמבאַרדירט די דייטשע פּאָזיציעס. נאָך דער „באָמביאַזשקע" זענען אַלע טיילן אַוועק אין אַטאַק. די דייטשן האָבן שטאַרק באַשאָסן אונדזער פּיעכאָטע פון קוילנוואַרפער און מינענוואַרפער.

אונדזער באַטאַליאָן האָט זיך נישט געקענט רוקן פאָרויס. דאַן האָב איך באַמערקט דעם פונקט פון וואַנען די דייטשן האָבן געהאַגלט מיט פייער. איך האָב זיך געווענדעט צום באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר באַיעוו, ער זאָל מיר ערלויבן איך זאָל שטום מאַכן דעם דייטשן קוילנוואַרפער. דער קאָמאַנדיר האָט געגעבן זיין הסכמה. איך האָב צוגעפּויזעט צו דעם פייער־פונקט און צוזאַמען מיט מיין געהילף אָרלאָוו האָבן מיר פון דער הינטערשטער זייט געעפנט אַ שטאַרקן

פייער. פאַר די דייטשן איז דאָס געקומען אינגאַנצן אומדערוואַרט. מיר האָבן פאַרניכטעט דעם דייטשן קוילנוואַרפער. דאַן האָט זיך אונדזער באַטאַליאָן אָן שווערקייטן גערוקט פאָרויס. פאַר דער אָפּעראַציע בין איך צום צווייטן מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אָרדער „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ״. אונדזער 192 טאַנק־קענטסקע דיוויזיע האָט באַפרייט בראָדי און אַנדערע שטעט, שטעטלעך און דערפער. מיר זענען אַוועק צו דער ריכטונג פון לעמבערג.

איך פאַרליר מיין רעכטע פוס

פון 14—17 יולי האָבן מיר זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין ערנסטן ווידערשטאַנד. לעבן לעמבערג האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף שטאַרקע דייטשע כוחות, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די שטאָט.

וועלנדיק וויסן וואָס פאַראַ כוחות ס׳געפינען זיך ביים שונא האָט דער קאָמאַנדיר פון אונדזער טייל גרעטשקאָ, פאַרגעלייגט ס׳זאָלן זיך אָנגעבן פריי־וויליקע, וועלכע זאָלן גיין אין אויסשפּירונג. פרייוויליקע האָבן זיך אַסך נישט געמאָלדן, אָבער איך האָב זיך געמאָלדן אַלס פרייוויליקער.

דער קאָמאַנדיר האָט מיר אָנפאַרטרויט אַ זוואָד (פּלוטאָן) זעלנער, און איך בין בראש מיטן זוואָד אַוועק אין דער אויסשפּירונג. די דייטשן האָבן געשאָסן פון אַלע זייטן. איך האָב באַקומען אַ באַפעל: אַריינדרינגען אין דעם שונא׳ס פּאָזיציעס און פאַרפיקסירן זייערע פייער־פּונקטן. ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט פנים אל פנים מיט די דייטשן, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ פאַרביטערטע שלאַכט. פון אונדזער זייט זענען געפאַלן פיל קרבנות, טויטע און פאַרוווּנדעטע.

פּלוצלינג האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער רעכטער פוס. ס׳האָט מיך אָנגעהויבן צו ברענען און איך בין פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. דריי שעה בין איך געלעגן אויפן שלאַכטפעלד, אָפּגייענדיק אין בלוט. די סאַניטאַרן האָבן נישט געקענט צוגיין צו מיר. די דייטשן האָבן שטאַרק בעשאָסן דעם פלאַץ, אַ חוץ דעם איז דער פלאַץ געווען זייער נאָענט פון די דייטשע פּאָזיציעס. ענדלעך איז אונדזער טייל געלונגען אָפּצושטויסן די דייטשן. די סאַניטאַרן האָבן מיך אָפּגעפונען און אין אַ שווערן צושטאַנד אַוועקגעפירט אין דעם נאָענטן מעדסאַנבאַט* מיין רעכטע פוס איז געווען דורכגעשאָסן פון

* מעדיצינישן סאַניטאַרישן באַטאַליאָן.

קוילן, אויך די לינקע פוס איז געווען לייכט פאַרוווּנדעט. אין מעדסאַנבאַט האָט מיר אַ כירורג גלייך אַמפּוטירט די רעכטע פוס, העכער איבערן קני. דאָס איז געווען דעם 17־טן יולי 1944.

מען עוואַקוּאירט מיך אין הינטערלאַנד

נאָך דעם ווי מען האָט מיך אַמפּוטירט די פוס, האָט מען מיך געפירט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין ראָוונע. דאָרט בין איך אָפּגעלעגן 2 וואָכן. די דייטשע אַוויאַציע האָט שטאַרק באָמבאַרדירט ראָוונע און אַלע שווער פאַרוווּנדעטע האָט מען עוואַקוּאירט מיט אַ סאַניטאַרן־צוג קיין קאָווקז. איך האָב זיך די גאַנצע צייט געפונען אין זייער שווערן צושטאַנד. איך האָב געהאַט שטאַרקע ווייטאָקן און אַ הויכע טעמפּעראַטור.

נישט דערפאָרנדיק צו קאָווקאַז, זייענדיק אין אַ זייער שווערן מצב, האָט מיך דער כירורג פון סאַניטאַרן־צוג איבערגעגעבן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין ראָסטאָוו. דער נומער פון שפּיטאָל 4656. מען האָט מיר גלייך אַוועקגעלייגט אין אַן איזאָליאַטאָר, און קיינער פון מעדיצינישן פּערסאָנאַל האָט נישט געגלויבט, אַז איך וועל דורכלעבן דעם שווערן קריזיס.

אין דעם שפּיטאָל בין איך געלעגן אַ קאַרגן יאָר. פאַר דער צייט איז מיר געלונגען צו קומען צו די כוחות. אין דעם שפּיטאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט אַזעלנער פון אונדזער באַטאַליאָן, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן ביים טייך ווּיסלאַ. ער האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דעם ווי איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד, האָט מען אין אונדזער טייל פיל גערעדט וועגן מיר, דערציילט שבחים, און ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט מיר צוגעשטעלט צו דער הויכער אויסצייכענונג אָרדער „קראַסנאַיאַ זנאַמיאַ״.

גרויסן פון ראַדזיוויִלאָוו

אין דעם שפּיטאָל האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט אונדזער אַ ראַדזיוויִ־לאָווער בחור מענדל וויינשטיין (געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד). ער האָט זיך פריער פאַר מיר אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און איז אַוועקגעפאָרן קיין ראַדזי־ווילאָוו. ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעקערט אין שפּיטאָל און ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אייניקע לעבן געבליבענע פון דעם חורבן ראַדזיוויִלאָווער יידן האָבן זיך צוריק געקערט קיין ראַדזיוויִלאָוו. צווישן זיי אויך מיין פעטער נחמיה פּאַראַכאָווניק (מיין פאָטערס ברודער, געשטאָרבן אין חיפה דעם 27־סטן נאָוועמבער

1961). מענדל וויינשטיין האָט מיר אויך דערציילט, אַז אלע ראדזיווילאָווער יידן ווילן פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך רעפאטריאירן קיין פוילן. דאַן האָב איך באַשלאָסן זיך אויסשרייבן פון שפיטאָל און אַוועקפאָרן קיין ראדזיווילאָוו. די וווּנד איז נאָך געווען פריש און איז נישט געווען אינגאנצן פארהיילט. דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט מיך אויסשרייבן פון שפיטאָל. איך האָב זיך געווענדעט צום נאטשאלניק פון שפיטאָל, אַ ייד, מאיאָר קעלמאַן יעקב. איך האָב אים דערציילט פארוואָס איך וויל זיך אויסשרייבן פון שפיטאָל. ער האָט מיך גוט פארשטאנען און ער האָט געגעבן אַ באַפעל מיך אויסצושרייבן פון שפיטאָל.

אין דער צייט וואָס איך בין געלעגן אין שפיטאָל האָב איך חתונה געהאט מיט גערטרודא קאלאשניקאָווא.

צוריק אין ראדזיווילאָוו

דעם 28־סטן אַפּריל 1945 בין איך אָנגעקומען קיין ראדזיווילאָוו און איך האָב דאָרט געטראָפן מיין פעטער נחמיה און אלע איבעריקע יידן, וועלכע האָבן זיך געראטעוועט פון טויט. אלע האָבן זיך געקליבן אַוועקפאָרן קיין פוילן. איך מיטן פעטער האָבן באַשלאָסן נישט צו פאָרן קיין פוילן. איך האָב נאָך געוואָלט נעמען נקמה אָן די אוקראינישע באַנדיטן, וועלכע האָבן אויסגעמאָרדעט אונדזערע משפחות און אָנגעטאָן פיל צרות די יידן.

איך האָב באַשלאָסן אויף דער אייגענער האַנט אָפּגעפינען אַ טייל אוקראינער מערדער און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד.

איך האָב נאָך פיל אָנגעשטרענגטער מי און זוכעניש אָפּגעפונען אַ טייל מערדער, צווישן זיי:

Zuleski Michał קאָמענדאַנט פון דער שטאָט פּאָליציי אין ראדזיווילאָוו; Jefimczuk זיין פארטרעטער; Tuszakowski מיטארבעטער פון דער ס. ד.; Zudanowski קאָמענדאנט פון ראיאָן פּאָליציי. די אלע האָבן אָנטייל גענומען אין אויסמאָרדן די ראדזיווילאָווער יידן און זענען דורכן סאָוויעטישן מיליטערישן טריבונאַל פארמשפט געוואָרן יעדערער אויף 25 יאָר קאטאָרגע.

אַ חוץ די „קעפּ" זענען אויך פארמשפט געוואָרן „קלענערע" פּאָליציאנטן, ווי דעמקאָ (Demko) און אנדערע.

נאָך דעם ווי זיי אלע זענען פארמשפט געוואָרן האָב איך געפילט, אַז איך האָב מקיים געווען מיין נדר — איך האָב אויסגעפילט מיין מענטשלעכן חוב.

נאָך דער מלחמה

נאָך דער מלחמה האָב איך עטלעכע יאָר געאַרבעט אין דובנע, ראָוונער געגנט, ביז 1949. אין יאָר 1946 איז מיר געבוירן געוואָרן די טאָכטער אירית. אין 1949 איז געבוירן געוואָרן מיין צווייטע טאָכטער טובה.

אין 1949 האָט מען מיר פאַרגעלייגט ארבעט אלס דירעקטאָר פון זאגאָט־שיב־סיריאַ* אין ראדזיווילאָוו. אויף דעם פּאָסטן האָב איך אין ראדזיווילאָוו געאַרבעט אנדערהאַלבן יאָר, אָבער איך האָב אין דער שטאָט נישט געקענט לעבן. דאָ איז דאָך אומגעקומען מיין טייערע משפחה און אלע ראדזיווילאָווער יידן. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר איבערפירן אויף אַ צווייטן פּלאַץ. מען האָט מיך געשיקט ארבעטן קיין זדאָלבונאָוו. אין זדאָלבונאָוו האָב איך געאַרבעט אין די יאָרן 1951—1954. אין 1954 האָב איך מיט מיין פרוי באַשלאָסן אָוועקפאָרן קיין אוראל. מיר האָבן זיך באזעצט אין דער שטאָט טשעליאַבינסק. אין דער שטאָט האָב איך געלעבט ביזן יאָר 1956. אין דער צייט האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז עס האָט זיך באַנייט די רעפּאטריאַציע קיין פּוילן. איך האָב באשלאָסן צוזאמען מיט מיין משפחה אָוועקפאָרן קיין פּוילן.

אין פעברואר 1957 האָבן מיר פארלאָזן רוסלאַנד און געקומען קיין פּוילן מיטן צוועק צו פאָרן קיין ישראל, ווו ס'האָט זיך געפונען מיין פעטער נחמיה פאַראַכאָוניק, וועלכער איז נאָך געקומען אין לאַנד אין 1948.

אין פּוילן האָבן מיר זיך באַזעצט אין ווראָצלאוו. אין דער שטאָט האָבן מיר געלעבט 7 וואָכן און סוף אַפּריל 1957 האָבן מיר פארלאָזן פּוילן און זענען אָנגעקומען אין לאַנד.

קומענדיק אין ישראל האָב איך זיך געפונען מיט מיין משפחה 10 חדשים אין שער העליה, שפּעטער האָט אונדז די סוכנות איבערגעפירט קיין חולון.

איצט בין איך אַן אינוואליד און איך ארבעט אין דער פאבריק „גלובוס", אין תל־אביב.

לשם אינפאָרמאַציע וויל איך צום סוף צוגעבן, אַז דער אָנפירער פון דער הויפּט־זשאַנדאַרמעריע אין ראדזיווילאָוו איז געווען קראַוזער (Krauser).

אויפגענומען: י. אלפעראָוויטש

---

* פעראַרבייטונג פון רוי־מאַטעריאַלן.

דאָס געזאַנג פון אונזער טרויער

ס'קומט דער פרילינג נישט ווייט פון זומער,
די זון באַלייכט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן,
די פויגעלעך אויף די ביימער זינגען זייער שירה צו גאָט,
איך זע די וועלדער, פעלדער, און לאַנקעס
באַדעקט מיט גראָזן, בלומען, פון פאַרשידענע פאַרבן,
דאָס דערמאָנט מיך איצט מיין שטעטל
פון יידיש לעבן ביז שטאַרבן.

יעדער געסל, שטיבל, אין מויער
איז ביי אונז אין האַרצן איינגעהילט אין אייביקן טרויער.
מען זעט נישט מער די אַלע אייגענע
וואָס זענען פון אונז אָוועקגעריסן אויף אייביק...
די ביימער אין מיין שטעטל בליען ווייטער,
געבן אַרויס זייערע פרוכטן בשפע
נישט וואַרטנדיק מער אויף דער יידישער ברכה.

די צייט פאַרגעסט זיך שנעל, ערשט נעכטן איז דאָס געווען,
און דאָך איז דער זכרון ביי אונז אַזוי קליין...

לייב אייזן

סקירה *

איטע גון איז אלט געווען 55 יאָר ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד. אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און באַזונדערס אין דעם לעצטן פּעריאָד פאַר דער באַפרייאונג האָט זי זיך געפונען פיל מאָל אויפן ראַנד פון אומקום און על פי נס איז זי געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

איטע גון שטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן. איר פאָטער איז געווען אַ ייד אַ סוחר, געפירט גרויסע געשעפטן. אין דער יוגנט האָט זי זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע. נאָך דער חתונה אין 1905 האָט זי מיטן מאַן אויך געפירט געשעפטן. געהאַט אַ גרויסע מצה־פאַבריק און אַ געשעפט פון שטוב־מכשירים.

נאָכן טויט פון איר מאַן (1920) האָט זי די געשעפטן אַליין געפירט ביז 1939, ווען קיין ראַדזיווילאָוו זענען אַריין די סאָוויעטן.

זי האָט געלעבט זייער רייך, געגעבן אירע 2 טעכטער אַ גוטע דערציאונג און בילדונג. זי האָט געפירט אַ שיין באַלעבאַטיש הויז. די געשעפטן זענען געגאַנגען גוט. די ראַדזיווילאָווער יידן געדענקען איר אלס א גרויסע נגידיתטע און איז געווען געשעצט ביי דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג.

אַ פרוי, אַ קלוגע, אַן ענערגישע, מיט אַ ניכטערן צוגאַנג צו יעדער געשעעניש, האָט זי אַ דאַנק אירע אויבן־אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן געקענט אדורכלעבן די היטלעריסטישע אָקופּציע.

פאַקטיש איז די דייטשע אָקופּאַציע ביי איר געווען אַ פאַרזעצונג פון די ליידן און פּיין, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט אין דעם סאָוויעטישן פּעריאָד.

גלייך ווי די סאָוויעטן זענען אַריין אין ראַדזיווילאָוו האָבן זיי ביי איר צוגענומען דאָס געשעפט און פון דער מצה־פאַבריק האָבן זיי געמאַכט אַ בעקעריי. זי — די געוועזענע באַלעבאָסטע איז אַוועק אַרבעטן אלס שווארצע ארבעטערין אין דער בעקעריי.

די סאָוויעטן האָבן דער געוועזענער „בורזשויקע" שיקאַנירט אויף יעדן שריט און טריט. זי האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט מיט אַ פּאַראַגראַף, וואָס האָט באַדייט,

* פון דאָקומענטן פון „יד ושם" — ג — 1908/147.

אַז זי איז אַ בירגער פון דער צווייטער קאטעגאָריע און זי איז געווען קאַנדידאַט אויף אַרויסגעשיקט ווערן צו די „ווייסע בערן" מיט איר משפּחה.

פיל שלאָפלאָזע נעכט האָט די פרוי אַדורכגעמאַכט. יעדן קלאַפּ אין טיר אין דער שפּעטער נאַכט האָט איר דערמאָנט, אַז אָט קומט די נ.ק.וו.ד. אַרעסטירן איר. און שרעקן זיך איז געווען אַ גרונט: פון ראדזיווילאָוו האָבן די סאָוויעטן ארויסגעפירט אַ פּאָר צענדליק געוו. „בורזשויען" און איטע האָט נישט געהאט קיין גרונט צו מיינען, אַז זי איז אַן אויסנאַם. זי איז שוין אפילו געווען געמשפּט פאר „פּראָגול", ד. ה. אַוועק פון דער אַרבעט אויף אַ האַלבע שעה אָן אַ דערלויבעניש.

צו דער צייט, ווען די דייטשן זענען אַריין אין ראדזיווילאָוו, איז זי שוין געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן.

ווי אַ געוו. רייכע פרוי, האָבן די אוקראַינער אָן איר נישט פארגעסן: גאַנץ אָפט פלעגן זיי קומען צו איר אין שטוב און צונעמען אַלץ, וואָס פלעגט זיי געפעלן ווערן. אויך פאר די דייטשן איז איר הויז געווען אַ גוטער אַדרעס אויף צו ראבירן. גאנצע נעכט פלעגט זי נישט שלאָפן און ווי פאר די סאָוויעטישע צייטן ווארטן אויף יעדן קלאַפּ אין טיר.

דער ראדזיווילאָווער יודנראַט און פּאָליציי האָבן איר פארביטערט דאָס לעבן, באַזונדערס דער פּרעזעס יאנקל פורמאן. שטענדיק האָט מען פון איר געפּאָדערט געלט, גאָלד און ווערטפולע זאַכן, פאר זיך און פאר די דייטשן.

2 מאָל איז זי אנטלאָפן פון טויט: איין מאָל ערב דער ליקווידאַציע פון בראָדער געטאָ. אין ביידע פאַלן האָט איר און איר משפּחה געראטעוועט דער פויער פּיעטראָ מאָראז.

דער פּעריאָד נאָכן אַנטלויפן פון בראָדער געטאָ ביז דער באַפרייאונג איז געווען פאר איר דער סאמע שווערסטער און געפערלעכסטער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

17 חדשים האָט זי זיך געפונען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. חדשים לאַנג האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן מיט איר אייניקל אין אַ לאָך פון אַן אַלטן בוים. ווו געטאָגט — דאָרט נישט גענעכטיקט. געשלאָפן אויפן שניי אין וואַלד און אין פעלד אונטערן פרייען הימל. זי איז געווען גליקלעך, ווען זי האָט געהאט אַ מעגלעכקייט צו איבערנעכטיקן אַ נאַכט אין אַ חזירים־שטעלכל, געשלאָפן אין אַ קאָריטע, פון וואַנען די חזירים פלעגן עסן.

זי האָט זיך געפונען אין אַ סביבה, ווו אויף יעדן טריט און שריט האָבן

געלויערט אויף יידישע לעבנס אוקראַינישע באַנדיטן, פּאָליציי, דייטשן, בלוט־דורשטיקע פּויערים.

מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אין זיך פיל מוט, ענערגיע, ניכטערע אָריענ־טאַציע, כדי נישט אַריינפאַלן אין זייערע נעגל. און זי איז דאָך געווען נישט אַליין. זי האָט געהאַט לעבן זיך אַ 9־יאָריקן אייניקל — דעם איינציקן, וואָס איז איר איבערגעבליבן פון איר משפּחה, וועלכן זי האָט געדאַרפט באַזאָרגן מיט עסן און זאָרגן פאַר זיין גורל.

צייטנווייז איז זי שוין געווען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. פיזיש און גייסטיק אַ צעבראָכענע, פאַרלוירנדיק די לעצטע ביסל כוחות, איז זי שוין אַריינגעפאַלן אין אַן אַפּאַטיע, געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס קען געשען. אָבער יעדעס מאָל, ווען זי האָט געזען, אַז מיט איר גלייכגילטיקייט שטעלט זי אין קאָן דאָס לעבן פון איר אייניקל, האָט זי מאָביליזירט די לעצטע ביסל כוחות און גובר געווען די אַלע שוועריקייטן.

אַ יידישע פרוי, וועלכע האָט איר גאַנצן לעבן געלעבט אין גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, ווייט געווען פון פיזישער אַרבעט און אוודאי געווען ווייט פון דער נאַטור: וואַלד, פעלד, טייכן, האָט די גאַנצע 17 חדשים געמוזט אַרומ־בלאָנקען אַן איינזאַמע איבער פעלדער, וועלדער, טייכן, אין שניי און פראָסט, אין בלאָטעס, זייענדיק דערצו הונגעריק און אָפּגעריסן.

איצט איז זי אַ פרוי פון 76 יאָר, וווינט ביי איר טאָכטער אין תל־אביב, וועלכע איז געקומען אין לאַנד נאָך אין יאָר 1925.

דאָס דערציילן וועגן די איבערגעלעבטע טעג און נעכט רופט ביי איר אַרויס גרויס צער און ווייטיק. ס'איז איר שווער זיך צו באַהערשן און ביים אָפּגעבן די עדות האָט זי געמאַכט זייער אַ גרויסע אָנשטרענגונגען.

דער זכרון דינט איר נאָך נישט שלעכט און איך האָב אויסגענוצט אַלע מעגלעכע פאָרמען, צו העלפן איר זיך קאָנצענטרירן, כדי צו באַקומען תשובות אויף די געשטעלטע פראַגן.

פאַר אַ יאָרן האָט זי באַקומען אַ פאָטאָגראַפיע און אַ בריוו פון איר אייניקל, וואָס זי האָט געראַטעוועט. ער לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט אַ פרוי און אַ קינד. ער לערנט זיך אין ראָוונער קאָנסערוואַטאָריום.

די פאָטאָגראַפיע וויל זי נישט אַרויסלאָזן פון האַנט, זי האַלט עס ווי אַ הייליקע רעליקוויע.

כדי צו פאַראייביקן איר שטים וועלן מיר מיט איר מאַכן אַ הקלטה, וועלכע

וועט זיין אַ גוטע אנדענקונג פאר איר משפחה, ארגון יוצאי ראדזיווילאָוו און „יד ושם".

נעמען דערמאָנטע אין דער עדות:

יידן:

אהרן גון — מאן

שיינטשע נאָרבאן — טאָכטער

צפורה ינאי — טאָכטער

חיים נאָרבאן — איידעם

זלמן לעוויט — בוכהאַלטער

סורעצקי

שלעזינגער

יאקירא — ראבינער

סיוניע זילבערמאַן

יאנקל פורמאן — פרעזעס פון יודנראט

יעקב שרייער

איטשע טרייביטש

סאלקע פוטשניק

באראש — פרעזעס פון בראָדער יודנראט

שמואל שערער — פלימעניק

שלמה גון — פלימעניק

נישט יידן:

דינסט Ania Czajkowska

בירגערמייסטער פון ראדזיווילאָוו Matejko

פויער Moroz Pietro

אָרטשאַפטן דערמאָנטע אין דער עדות:

Dubno

Bytom

Brody

Radziwiłłów

Olewsk

עדות

דאטע און אָרט פון געבורט: 1886 ראדזיוויליאָוו.

אַדרעס: תל־אביב, שד. דוד המלך 6.

פון דער משפחה זענען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:

טאָכטער: שיינטשע נאָרבאַן (גון), געבוירן אין 1908, אומגעקומען אין ראדזי־ווילאָוו צוזאַמען מיט איר מאַן און 5־יאָריקע טעכטערל.

אַ חוץ זיי האָט זי פארלוירן פון איר משפחה פיל קרובים.

איטע גון דערציילט:

איך בין אַ געבוירענע פון ראדזיווילאָוו. מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ סוחר, האָט געהאט אַ געשעפט פון קאָנפעקציע. אין דער יוגנט האָב איך זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע אין בראָדי. אין 1905 האָב איך חתונה געהאט מיט אהרן גון (געשטאָרבן אין 1920). ביי אונדז זענען געבוירן געוואָרן 2 טעכטער.

מיין טאָכטער צפורה ינאי, וואָס לעבט איצט אין ישראל און ביי וועלכער איך געפין זיך איז עולה געווען נאָך אין 1925 יאָר.

די צווייטע טאָכטער שיינטשע נאָרבאַן האָט חתונה געהאט מיט חיים נאָרבאַן און האָט געלעבט צוזאמען מיט מיר, מיט איר מאַן און טאָכטער ביז זיי זענען אומגעקומען.

די גאנצע יאָרן פאַר די רוסישע און פוילישע צייטן האָב איך געהאט אַ געשעפט פון הויזווירטשאַפט־מכשירים. אַ חוץ דעם האָב איך געהאט אַ גרויסע מצה־פאַבריק און אויף יעדן סעזאָן פלעג איך פארקויפן מצה אין גאנץ וואָלין. די געשעפטן האָב איך געפירט ביז ס'זענען אַריין צו אונדז די באָלשעוויקעס.

אין 1920 איז געשטאָרבן מיין מאַן און איך האָב פאָרגעזעצט אַליין פירן די געשעפטן. נאָך דעם ווי מיין טאָכטער שיינטשע האָט חתונה געהאט, האָבן מיר צוזאמען געפירט די געשעפטן.

איך בין געווען אַ פארמעגלעכע פרוי און געפירט אַ שיינעם באלעבאטישן לעבן. איך האָב געהאט אַ שיינע הויז, פיין מעבלירט, געגעבן די קינדער בילדונג. אלץ איז געגאנגען כשורה ביז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד אין 1939, און אין אַ פּאָר וואָכן ארום זענען אַריין צו אונדז די באָלשעוויקעס.

דאָס לעבן פאַר די סאָוויעטן

ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ראַדזיווילאָוו, האָבן מיר, דעם אמת געזאָגט, רייכע מענטשן געלעבט אין שרעק. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי אַרויסגעפירט קיין סיביר אַ טייל רייכע יידן און איך האָב זיך אויך געריכט יעדן טאָג, אַז מען וועט מיר אַרויספירן צוזאַמען מיט מיין טאָכטער, איידעם און אייניקל.

ווען די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּאַספּאָרטן, האָבן זיי אַלע געוועזענע סוחרים אַרויסגעגעבן פּאַספּאָרטן מיט אַ פּאַראַגראַף. און פאַרשטענדלעך, אַז איך מיט מיין טאָכטער און איידעם האָבן אויך בקומען פּספּאָרטן מיט אַ פּאַראַגראַף.

די ערשטע צייט האָב איך געזען, אַז אַמבעסטן וועט זיין, אַז איך וועל פרייוויליק אָפּגעבן מיינע געשעפטן. אַזוי ווי איך האָב געהאט אַ מצה־פאַבריק, האָב איך דאָך געהאט אַ לאָקאַל מיט אַ גרויסן אויוון. חוץ דעם האָב איך אין סקלאַד געהאט אַ גרויסן זאַפּאַס פון מעל.

אָפּגעבנדיק די מצה־פאַבריק האָב איך בלויז געבעטן, זיי זאָלן מיר דערלויבן איך זאָל ביי זיי אַרבעטן אַלס עוזרת. זיי זענען מסכים געווען. דאָס גאַנצע מעל האָבן זיי קאָנפיסקירט, און אין דער מצה־פאַבריק האָבן זיי געמאַכט אַ בעקעריי. זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינפירן מעל אויף צו באַקן ברויט פאַר דער באַפעלקערונג. און אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט ביי זיי אַלס עוזרת און דער סקלאַד פון מעל האָט זיך געפונען ביי מיר אין הויז, האָבן די סאָוויעטן מיך געמאַכט פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן מעל. איך האָב אונטערגעשריבן וועקסלען, אַז איך האָב איבערגענומען כך וכך מעל, אויף אַ סומע פון 4.000 רובל. דאָס מעל האָט מען אָנגעהויבן איזראַסכאָ־דעווען, דאָס הייסט, מען האָט געבאַקן ברויט, איז דאָך געוואָרן ווייניקער מעל. איך האָב נישט געהאַט קיינע דאָקומענטן אויף דעם סכום מעל, וואָס פלעגט אַרויסגעפירט ווערן פון סקלאַד. איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז די סאָוויעטן וועלן שפּעטער פרעגן, ווו איז אַנטרונען געוואָרן דאָס מעל? בין איך איין מאָל אַוועק אין קאָנטאָר בעטן די וועקסלען צוריק, וואָס איך האָב אונטערגעשריבן. אויפן וועג האָט מיר באַגעגנט אַ ייד, אַ פּרעדסעדאַטעל, ד. ה. אַ פּאָרזיצענדער פון די סאָוויעטן. ער האָט מיר געפרעגט: „וווהין גייסטו אין דער צייט פון דער אַרבעט?” איך האָב אים דערציילט צוליב וואָס איך גיי אין קאָנטאָר. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „דו ביסט אַוועק אינמיטן פון דער אַרבעט, דו האָסט געמאַכט אַ „פּראָגול”. ער האָט אויף מיר אָנגעגעבן אין געריכט. ביים משפט האָט

ער געזאָגט, אַז איך בין אַ געוועזענע בורזשויקע און איך סאַבאָטיר די ארבעט, און ער לייגט פאַר פון מיין פענסיע (120 רובל אַ חודש) אַראָפּנעמען יעדן מאָנאט 25 פּראָצענט אין משך פון 6 חדשים. און אויב עס וועט זיך נאָך אַ מאָל איבערחזרן, ד. ה. איך וועל אַוועקגיין פון דער ארבעט אָן אַ דערלויבעניש, וועט מען מיר איינזעצן אין תפיסה.

די סאָוויעטן האָבן אויך געוואָלט צונעמען מיין הויז, אָבער ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן אָפּשרייען די גזירה. מיין איידעם האָט געארבעט אלס שווארצער ארבעטער.

איך וויל אייך דערציילן, אַז פאַר די סאָוויעטן האָבן אויסגעפּעלט פּראָדוקטן. ביי די קראָמען פלעגן שטיין הונדערטער מענטשן אין אָטשערעד נאָך אַ שטיקל ברויט און אנדערע פּראָדוקטן. נאָר אַזוי ווי איך האָב געארבעט ביי זיי אין פּיעקארניע, בין איך געווען מיט ברויט באַזאָרגט און איך פלעג נאָך העלפן אנדערע יידן.

איך מוז אויך דערציילן, אַז גלייך ווי ס׳זענען אַריין די סאָוויעטן, האָבן אונדזערע יידעלעך גלייך אָנגעהויבן מיטארבעטן מיט די סאָוויעטן און געוואָלט זיך נוקם זיין אָן די געוועזענע רייכע מענטשן. זיי האָבן אונדז, רייכע מענטשן, אָנגעטאָן פיל צרות. אָט די יידן האָבן אַרויסגערופן דעם צאָרן אויך פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג, און האָבן פארשטארקט דעם אנטיסעמיטיזם. שפּעטער ווען די דייטשן זענען אריין האָבן די קריסטן זיך טאַקע נוקם געווען אין אלע יידן.

ווי איך האָב שוין געזאָגט האָבן מיר געלעבט אין שרעק. יעדן טאָג האָב איך זיך געריכט, אַז מען וועט מיר ארויספירן קיין סיביר. די סאָוויעטן זענען דערווייל געווען פארנומען מיט ארויספירן די געוועזענע פּוילישע טשינאָווניקעס — באַאַמטע, און די אלע, וועלכע האָבן געהאט פּאַספּאָרטן מיט „פּאַראַגראַפן” האָבן זיי געלאָזן דערווייל צורו.

אין דער צייט פאַר די סאָוויעטן האָב איך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב 2 בחורים פון סטאַניסלאַוואָוו, וועלכע זענען אנטלאָפן פון א דייטשן לאַגער. איך האָב זיי אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן צימער, געגעבן עסן און טרינקען. די יינגלעך זענען געווען געבילדעטע — איינער אַ לערער פון דייטש ; דער צווייטער האָט געלערנט מאטעמאַטיק. איינער האָט געהייסן סוכעצקי, דעם צווייטנס פאַמיליע איז געווען שלעזינגער. די בחורים האָבן מיר שפּעטער פאַר די דייטשן גוט געהאָלפן, אָבער וועגן דעם וועל איך אייך שפּעטער דערציילן. אַזוי האָב איך געלעבט אין

פחד און שרעק פאר די סאָוויעטן ביז ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די דייטשן.

דאָס לעבן פאר די דייטשן

סוף יוני 1941 זענען אַריין צו אונדז די דייטשן. די ערשטע צייט האָבן געווילדעוועט די אוקראַינער. קודם כל האָבן זיי אָנגעהויבן זיך איזדיעקעווען איבער די יידן, וועלכע זענען געווען קאָמוניסטן, קאָמסאָמאָלצעס און אַקטיוויסטן ביי די סאָוויעטן.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די דייטשן האָבן די אלע, וועלכע זענען געווען „שישקעס" ביי די באָלשעוויקעס געפּרוווט אנטלויפן, אָבער לויפן איז נישט געווען מעגלעך. די דייטשן זענען פארלאָפן פאָרויס און זיי האָבן זיך געמוזט צוריקקערן קיין ראַדזיוויליאָוו.

די אוקראַינער האָבן געווילדעוועט. זיי זענען געגאַנגען איבער די הייזער און געראַבעוועט, צוגענומען אַלץ, וואָס ס׳איז זיי געקומען אונטער דער האַנט.

די דייטשן האָבן באַפוילן אַלע יידן אָנטאָן אויף די אָרעמס מגן־דוד׳ס, שפּעטער אויף די פּלייצעס געלע לאַטעס פון פאָרנט און פון הינטן.

די ערשטע יידישע קרבנות אין ראַדזיוויליאָוו

די דייטשן האָבן צוגענומען אַ 30 יידן. געהייסן זיי אויסגראָבן אין וואַלד גריבער און דערנאָך זיי דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע געדענק איך זענען געווען: זלמן לעוויטן, געאַרבעט אין מיל אלס בוכהאַלטער; דער ראַבינער יאקירא, און אַ יינגל פון אונדזער גאַס סיוניע זילבערמאַן.

די דייטשן איזדיעקעווען זיך איבער די יידן

איין מאָל זענען אַריין צו מיר געסטאַפּאָווצעס. זיי האָבן אויפגעריסן די שאפעס, צוגענומען די בעסטע מלבושים און אריין אין מיין סקלאַד, ווו ס׳האָט זיך געפונען מעל, וואָס די סאָוויעטן האָבן אַריינגעפירט.

די דייטשן האָבן באַפוילן מיין איידעם, ער זאָל נעמען אַ זאַק מיט מעל און אַרויפלייגן אויף זייער מאַשין. איך מיט דער טאָכטער האָבן געהאָלפן דעם איידעם אַרויפלייגן דעם זאַק מעל אויף דער מאַשין. שפּעטער האָבן די דייטשן געזאָגט צו מיין איידעם: „גיי, וואַש זיך איין און וואַש אָפּ דעם אָרט פון דיין האַרץ, ווייל באַלד וועלן מיר דיך שיסן". מיר זענען דאָס מאָל אָפּגעקומען מיט

שרעק. איר קענט אייך פאָרשטעלן, וואָס מיר האָבן דאמאָלסט איבערגעלעבט ביז וואנען די דייטשן זענען אַוועק פון שטוב.

איין מאָל איז אַריין צו מיר אַ דייטש, ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין שטוב, געוויזן אויפן אויג, אַז ער וויל אַרויף אויפן בוידעם. דאָרט איז געשטאַנען אַ פארשלאָסענער שרייב־טיש. ער האָט צעהאַקט דעם טיש, שפּעטער האָט ער פון שטוב צוגענומען זאַכן און איז אַוועק.

ס׳איז געווען שרעקלעך. גאַנצע נעכט פלעג איך מיט אַן אויג נישט צומאַכן. יעדן שאָרך, וואָס מען פלעגט געבן אויפן גאַס, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די באנדיטן גייען שוין צו אונדז.

איין מאָל איז געווען אַ פאַל, ווען מיין איידעם איז געשטאנען לעבן שטוב אָן אַ מגן־דוד אויפן האַנט. ס׳זענען אַדורך 2 אוקראַינער און זיי האָבן אים באַמערקט. זיי האָבן אים אַוועקגעשלעפּט אין דער קאָמענדאטור, שטאַרק צעשלאָגן און שפּעטער אַריינגעוואָרפן אין קעלער. איך בין נאָכגעגאנגען נאָך אים. אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן פויער, וואָס איז געוואָרן אַ פּאָליציאַנט און איך האָב אים דערציילט די געשיכטע. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל מיר העלפן. ער האָט טאַקע מיר צוגעזאָגט צו העלפן באַפרייען מיין איידעם. ער האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט: „גיי, איטע אַהיים, דיין איידעם וועט באַלד אויך קומען.״ אַזוי איז טאַקע געווען, אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען דעם איידעם באַפרייט און מיר זענען אָפּגעקומען מיט שרעק.

אין געטאָ

דאָס איז געווען, דוכט זיך, אַרום פסח 1942. די דייטשן האָבן באַפוילן אַלע יידן פון ראדזיוויליאָוו פארלאָזן זייערע הייזער און זיי האָבן געגעבן אַ טערמין פון איין טאָג, כדי זיך אַריבערצוציען אין געטאָ. מיר זענען שוין געווען צופרידן, וואָס אלע יידן וועלן זיין צוזאמען און די שרעק וועט אפשר זיין נישט אַזוי גרויס. יעדער האָט מיטגענומען מיט זיך, וואָס מען האָט נאָר געקענט. איך האָב מיטגע־נומען מיט זיך, וואָס מען האָט נאָר געקענט. איך האָב מיטגענומען אַ סך פּראָ־דוקטן, האָלץ — ס׳וואָלט געקלעקט אויף עטלעכע יאָר.

די דייטשן פלעגן אין געטאָ ווייניק וואָס קומען. מיין איידעם האָט געאַרבעט מחוץ דעם געטאָ. ער פלעגט פארנאנדערטראָגן קוויטלעך פון די דייטשן און ער האָט געהאט אַ דערלויבעניש פראנק און פריי זיך באַוועגן אין שטאָט. אַ גאנצן טאָג פלעגט ער זיין אין שטאָט און ביינאַכט פלעגט ער קומען איבערנעכטיקן.

פאַר דער מלחמה האָט ביי מיר געאַרבעט 13 יאָר אַ דינסט אין שטוב אַניאַ זאַיקאָווסקאַיאַ, אַ פויערטע, דייער אַן איבערגעגעבענע. ווען דער געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָטן פלעגט זי יעדן טאָג קומען צו די דראָטן און ברענגען עפּעס עסן. יעדן דאָנערשטיק פלעגט זי מיר ברענגען אפילו א הינדל אויף שבת. איין מאָל האָט איר געכאַפּט אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט ביי די דראָטן פון געטאָ, ווען זי האָט מיר איבערגעגעבן עפּעס צו עסן. ער האָט איר צעשלאָגן און געוואָלט אַוועקפירן אין קאָמענדאטור. זי האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל איר אָפּלאָזן. ער האָט איר געוואָרנט, אַז אויב ער וועט איר נאָך אַ מאָל באַמערקן ביי די דראָטן פון געטאָ, וועט זי באַצאָלן פאַר דעם מיטן לעבן. דער פויער האָט פריער ביי מיר געאַרבעט 10 יאָר. איך האָב אים געגעבן 50 מאַרק און ער האָט איר אָפּגעלאָזט און זי האָט מורא געהאט צו קומען.

אין געטאָ האָב איך געווינט אין א צימער, ווו ס'האָבן געלעבט 11 מענטשן. די ענגשאַפט איז געווען גרויס, אָבער מיט עסן איז געווען צו דערליידן. איך פלעג נאָך העלפן די איבעריקע, ווייל ווי איך האָב שוין געזאָגט האָב איך געהאט אַ זאַפּאַס פּראָדוקטן, אַ חוץ דעם פלעגט דער אײדעם יעדן טאָג ברענגען פון שטאָט עפּעס עסן.

דער יודנראַט און פּאָליציי

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז פון די יודנראַטלער און פון דער יידישער פּאָליציי האָבן מיר געליטן מער, ווי פון די דייטשן. דער פּרעזעס יאַנקל פורמאַן — אַ פּראָסטער ייד, אַ מנובל און זייער אַ שלעכטער. די יידישע פּאָליציי צוזאַמען מיטן יודנראַט האָבן געריסן פון אונדז שטיקער. באַזונדערס פון די געוועזענע פאַרמעגלעכע יידן. מען פלעגט פאָדערן געלט, גאָלד און אַנדערע זאַכן פאַר זיך און פאַר די דייטשן.

יאַנקל פורמאַן האָט געוואָלט, אַז מיין אײדעם זאָל אריין אַרבעטן אין יודנראַט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך נישט געקענט פריער פאָרשטעלן, אַז יידן זאָלן זיין אַזוי שלעכט צו יידן, אַזעלכע ברוטאַלע, אָן קיין שום געוויסן. זיי האָבן געקענט אַרויסרייסן דאָס לעצטע ביסן פון מויל.

די דייטשן האָבן טאַקע יעדן טאָג געפאָדערט פון יודנראַט געלט, גאָלד, זילבער, זילבערנע בעכער און די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן דאָס אַלץ צונויפ־געקליבן. איך האָב אַלץ אַוועקגעגעבן, וואָס איך האָב נאָר געהאַט. עס זענען געווען עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ, וועלכע האָבן געבושעוועט.

שפעטער האָט מען צעטיילט דעם געטאָ אויף „נוציקע" און „נישט נוציקע". די אַרבעטער האָבן באַקומען ספּעציעלע שיינען. די נישט אַרבעטנדיקע, אַלטע און קראַנקע האָט מען נישט געגעבן קיין שיינען.

מיין איידעם האָט געהאַט אַ שיין און צו אים זענען געווען צוגעשריבן מיין טאָכטער און 2 קינדער. איך האָב נישט געאַרבעט און נישט געהאַט קיין שיין.

שפּעטער, ווען מען האָט די אַלע וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שיינען אָפּגעטיילט באַזונדער, בין איך אַהין נישט געגאַנגען און איך בין געבליבן ביי מיין טאָכטער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט אַלע „נישט נוציקע" דערשיסן.

ווען ס'זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז מען הרגעט אויס די „נישט נוציקע" יידן פון דובנע, ראָוונע און דער אַרומיקער געגנט, האָבן מיר זיך שוין אויך געריכט.

פאַר דער אַקציע איז צוגעגאַנגען צו מיר יאַנקל פורמאַן, דער פּרעזעס, און געזאָגט: „איטע, דו האָסט נישט קיין שיין און דו האָסט נישט קיין רעכט צו וווינען דאָ, אין דעם געטאָ. דו מוזט גלייך אַריבערגיין אין 'יענעם' געטאָ". יאַנקל פורמאַן האָט שוין געוווסט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען ליקווידירן יענעם געטאָ און דעריבער האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל אויך דאָרט געהרגעט ווערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַריבערגיין אין יענעם געטאָ האָט באַדייט — טויט.

די ליקווידאַציע פון דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ

ס'זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז די דייטשן קלייבן זיך שוין ליק־ווידירן יענעם געטאָ. די יידן האָבן דאָרט געלעבט אין שרעק. אויך די יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שיין און געלעבט באַהאַלטענערהייט אין דעם „נוצלעכן" געטאָ האָבן געציטערט. איך האָב דאָך אויך נישט געהאַט קיין שיין. וואָס טוט מען?

איך האָב שוין אייך דערציילט, אַז פאַר די סאָוויעטן האָב איך אַריינגענומען 2 יידישע בחורים צו מיר אין שטוב. די בחורים האָבן ביי די דייטשן זיך גוט איינגעאָרדנט. איינער האָט ביי די דייטשן געאַרבעט אַלס דאָלמעטשער; דער צווייטער — אין אַ דייטשן ביוראָ. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו העלפן. זיי האָבן געוואָלט קריגן פאַר מיר אַ פּוסטן בלאַנק פון אַ שיין און אַליין אויספילן, אָבער

קיין בלאַנק האָט זיך נישט געפונען. סוכעצקי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גרייט אפילו איבערמאַכן זיין שיין פאר מיר.

ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם „נישט נוצלעכן" געטאָ און גענומען אַרויספירן פון דאָרט די יידן צו דערשיסן, האָט סוכעצקי געזאָגט: „האָט נישט קיין מורא. איך וועל קומען צו אייך נעכטיקן, איר וועט זיך באַהאַלטן אונטער דער שאַפע. ווען די דייטשן וועלן אריינגיין אין שטוב און זיי וועלן מיר טרעפן דאָ, וועלן זיי שוין נישט זוכן".

אין דעם טאָג פון דער ליקווידאַציע בין איך געווען באַהאַלטן אונטערן שאנק. זיי האָבן אלע יידן פון יענעם געטאָ אַוועקגעפירט ווייט הינטער דער שטאָט און דערשאָסן. איך בין אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

איך בלייב אין געטאָ

אין דעם טאָג, ווען ס'איז פאָרגעקומען די ליקווידאציע פון יענעם געטאָ, זענען עטלעכע יידן אנטלאָפן אין דער צייט פון דער אַקציע און זיך אויסבאַהאַלטן ביי אונדז אין געטאָ. זיי האָבן דערציילט ווי אַזוי די דייטשן און אוקראַינער האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אַלטע און קראַנקע לייט און געגרוזעט אויף פורן און מאַשינען און אַוועקגעפירט. די וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט האָבן זיי אויפן אָרט דערשאָסן.

די דייטשן האָבן צוגעזאָגט, אַז די נוציקע יידן־ארבעטער וועלן זיי נישט טשעפּען. די רביים זענען אויך געווען פון די, וועלכע האָבן געזייט פאַלשע אילוזיעס, אַז מען וועט די ארבעטער מיט זייערע פאַמיליעס נישט ליקווידירן. אָבער ניכטערע מענטשן האָבן געפילט, אַז אויף די דייטשע הבטחות איז זיך נישטאָ וואָס צו פארלאָזן. יעדער האָט געזוכט וועגן, ווי אזוי זיך צו ראטעווען. מען האָט אָנגעהויבן פארהאנדלען מיט באַקאַנטע, גוטע פויערים, אַז פאר א גוטן געצאָלט זאָלן זיי אויסבאהאלטן. גליקלעך איז געווען דער, וואָס האָט געהאט אַזאַ באַקאַנטן גוי.

מיין באלעבאָסטע פון דער שטוב אין געטאָ, ווו איך האָב געוווינט, האָט אַמאָל געפרעגט דעם בורמיסטש פון שטאָט, וועלכער איז געווען אירער אַ באַקאַנטער, מאטייקא, ווי לאנג וועלן מיר נאָך לעבן אין געטאָ. דער בורמיסטש האָט געענטפערט: „די זומערדיקע פרוכטן וועט איר נאָך עסן, אָבער די ווינ־טערדיקע נישט". מיר האָבן גוט פארשטאנען דעם טייטש פון די ווערטער.

מיר אנטלויפן פון געטאָ

עס האָט זיך דערנעענטערט די צייט פון דער ליקווידאַציע פון ראַדזיווי־לאָווער געטאָ. ס׳זענען געקומען פויערים אין געטאָ און האָבן דערציילט, אַז מען גראָבט שוין ווידער גריבער. יידן האָבן נישט געגלויבט. מען האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז די גויים מאַכן אָן אַ פּאַניק, אַז מען זאָל ביי זיי אויסבאהאלטן דאָס געלט און גאָלד. די יידן האָבן זיך איינגערעדט, אַז די גריבער גראָבט מען צו פארבאהאלטן קאַרטאָפל אויף ווינטער. די יידן האָבן געגלויבט אין די אילוזיעס, ווייל אין בראָדי איז נאָך צו יענער צייט קיין געטאָ אפילו נישט געווען און די יידן האָבן נאָך דאָרט נישט שלעכט געלעבט. און וואָס איז עפּעס ראַדזיווילאָוו ערגער פאַר בראָדי? — האָבן די יידן געפרעגט.

איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן פויער פּיעטראָ מאָראָז. מיר זענען געווען מיט אים גוט באַפריינדעט. ער האָט מיר געזאָגט: „האָב נישט קיין מורא, ווען ס׳וועט נויטיק זיין, וועל איך דיר און דיין משפחה אויסבאַהאַלטן ביי מיר.״ מיין איידעם האָט אָבער געזאָגט: „ווי לאַנג קען מען זיך אויסבאהאלטן ביי אַ גוי, און אויב די מלחמה וועט זיך לאַנג פארציען? דער גוי וועט נישט קענען אויסהאַלטן אזוי לאנג און מיר וועלן אומקומען״. אָבער קיין בעסערער אויסוועג איז נישט געווען.

ס׳איז געקומען די צייט, אין שטאָט זענען אָנגעקומען אַ סך פּאָליציי און דייטשן. מיר האָבן פארשטאנען: מען גייט ליקווידירן די רעשט ראַדזיווילאָווער יידן. מיר האָבן באַשלאָסן צו אנטלויפן פון געטאָ כל זמן ס׳איז נאָך נישט שפּעט. איך האָב אָפּגערעדט מיטן איידעם און מיט דער טאָכטער, אַז מיר וועלן לויפן באזונדער, כדי מען זאָל אונדז נישט באַמערקן און ס׳זאָל נישט פאלן קיין חשד פון דער זייט.

מיין איידעם און טאָכטער מיט די קינדער זענען אַרויס די ערשטע. שפּעטער בין איך אַרויס פון געטאָ. איך בין אַוועק צו אַ באַקאַנטן פויער און דאָרט זיך באַהאַלטן. דעם פויער מאָראָז האָב איך בצייטנס געגעבן צו וויסן, ווו מיר וועלן זיך אויסבאהאלטן, ער זאָל שפּעטער קומען אונדז צונעמען. אונדזער משפחה האָט זיך געטראָפן ביי דעם פויער. ביינאַכט איז געקומען מאָראָז און האָט אונדז אַוועקגעפירט צו אים.

איך מוז אייך זאָגן ווען מיר זענען אַרויס פון געטאָ איז נאָך אונדז נאָכגעגאנגען די משפחה פון איטשע טרייביטש, זיין פרוי און 2 קינדער. זיי האָבן געזאָגט: „ווו איר וועט גיין — וועלן מיר אויך גיין. טוט, וואָס איר ווילט, מיר וועלן פון אייך נישט אָפּשטיין״.

ווען דער פויער מאַראַז האָט דערזען, אַז נאָך אונדז שלעפּט זיך נאָך אַ משפּחה, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיר מיט מיין משפּחה איז ער גרייט אויס־באַהאַלטן, אָבער מער קיינעם נישט. וואָס טוט מען אָבער מיט דער משפּחה טרייביטש? מאַראַז האָט צוליב זיי אויך אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב און ער האָט אונדז איבערגעלאָזן אין וואַלד. ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו אויסבאַהאַלטן אַזוי פיל יידן.

אין וואַלד

אין דער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין וואַלד האָט מען אויסגעהרגעט די יידן פון ראַדזיוויל־אָוּוער געטאָ. אין דער סביבה צווישן די פויערים האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין וואַלד, 3 קמ. פון בראָדי, באַהאַלטן זיך אויס יידן, וואָס האָבן אַ סך געלט.

מיט אַ מאָל איז צוגעקומען צו אונדז אַ פויער מיט אַ האַק און געפרעגט: „וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?" איך האָב זיך נישט פאַרלוירן און געענטפערט: „מיר רוען זיך דאָ פּשוט אָפּ. מיר גייען קיין בראָדי". איך האָב דאָס געזאָגט, כדי דער גוי זאָל מיינען, אַז מיר בלייבן נישט דאָ אין וואַלד. איך האָב אים געגעבן 100 מאַרק און ער איז אַוועק. שפּעטער איז צוגעקומען אַ צווייטער גוי — און ווידער דאָס זעלבע.

ס'איז אָנגעקומען מאַראַז און מיר האָבן אים דערציילט די געשיכטע מיט די גויים. ער איז מסכים געווען אונדז אַריבערצופירן אויף אַ צווייטן פּלאַץ. די משפּחה טרייביטש איז געווען צוזאַמען מיט אונדז. דער נייער פּלאַץ איז געווען נישט ווייט פון בראָדי. דאָ, האָט אונדז פאַרזיכערט מאַראַז, וועט אייך קיינער נישט טשעפּען. ער האָט צוגעזאָגט אונדז ברענגען עסן.

דער נייער פּלאַץ — דאָס איז געווען אַ סענאַקאָס * פון אַ רייכן גוט־באַזיצער. אין דער צייט זענען געשטאַנען אויף די פעלדער סטאָגעס מיט אָנגעקאָסיעטן היי. אויף צומאָרגנס זענען אָנגעקומען פויערים און האָבן געוואָלט פאַרנאַנדערשיטן די סטאָגעס היי. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די פויערים וועלן אונדז דערזען און איבערגעבן די דייטשן. ווען מאַראַז איז געקומען האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָ איז נישט קיין פּלאַץ צו זיצן און איך זע נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי אַוועקגיין קיין בראָדי, וווּ ס'האָבן נאָך צו יענער צייט געלעבט יידן. מאַראַז האָט

---

* פעלדער מיט געשניטענע היי.

אונדז געבראַכט עסן און אַ פויער האָט זיך אונטערגענומען פאר געלט אונדז צופירן צום גרענעץ. (לעבן ראדזיווילאָוו איז געווען דער גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און גענעראל גווערנאמענט).

אין בראָדי

מיר זענען בשלום אונגעקומען קיין בראָדי. די לאַגע פון די יידן אין בראָדי איז שוין געווען זייער אַ שלעכטע. ס׳איז נישט געווען וואָס צו עסן. די דייטשן האָבן פון די בראָדער יידן סיסטעמאַטיש אַרויסגעפרעסט דאָס געלט, זאַכן, פּראָדוקטן אונטער דער דראָונג פון טויט. קיין געטאָ איז נאָך דאָרט נישט געווען.

אַ טייל יידן האָבן זיך געמאַכט סכראנעס. איך האָב דאָרט געטראָפן אַ באַקאַנטן ייד און ער האָט מיר דערציילט די לאַגע.

אין בראָד האָט זיך געפונען אַ שווגערין פון מיין ברודער, סאלקע פוטשניק האָט זי געהייסן. זי האָט אונדז אַריינגענומען צו זיך, געגעבן עסן, געלט. שפּעטער האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אויף אַ צווייטער דירה. אין 5 וואָכן שפּעטער האָט זיך געשאַפן דער בראָדער געטאָ. איר פרעגט מיר, ווען דאָס איז געווען? דוכט מיר, אַז דאָס איז געווען פסח 1943, גענוי געדענק איך שוין נישט. אַקוראַט איז אונדזער דירה אַריין אין באשטאַנד פון דער טעריטאָריע פון געטאָ.

אין בראָדער געטאָ

ס׳איז געווען זייער שלעכט. ס׳איז נישט געווען וואָס צו עסן און ס׳איז נישט געווען מעגלעך זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ קריגן עפּעס עסן. קיין באַקאַנטע גוטע מענטשן האָבן מיר אין בראָדער געטאָ אויך נישט געהאַט. עמעצער האָט אויף מיר געמסרט אין יודנראַט, אַז איך בין געווען אַ רייכע פרוי, און דער יודנראַט האָט פון מיר געפּאָדערט, איך זאָל אָפּגעבן דאָס געלט און גאָלד. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז איך האָב שוין נישט קיין געלט. אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט געהאט וואָס צו אָפּגעבן, האָט דער יודנראַט געוואָלט ארעסטירן מיין איידעם. מיר האָבן אים אויסבאַהאַלטן.

ווען די יידישע פּאָליציאנטן זענען געקומען צונעמען מיין איידעם, האָבן זיי אים נישט געטראָפן. פון כעס האָבן זיי אַרעסטירט מיין טאָכטער. זיי האָבן איר אָפּגעהאלטן 8 טעג און זיי האָבן אונדז געסטראשעט, אַז כל זמן איך וועל נישט אָפּגעבן דאָס געלט און גאָלד, וועלן זיי מיין טאָכטער נישט באפרייען.

דער פּרעזעס פון יודנראט אין בראָדער געטאָ איז געווען באראש, מיינער אַ באַקאַנטער. איך האָב זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל באַפרייען מיין טאָכטער. ער האָט געענטפערט: „זאָל קומען דער אײדעם, וועל איך באַפרייען די טאָכטער״. ס'איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה און מיין אײדעם האָט זיך געמאָלדן אין יודנראט. זיי האָבן מיין טאָכטער גלייך באַפרייט, שפּעטער האָבן זיי אויך באַפרייט מיין אײדעם.

ס'איז אַדורך אַ שטיקל צייט און אונדז איז געווען זייער שלעכט. קיין געלט האָבן מיר נישט געהאט און ס'איז נישט געווען פאַרוואָס צו קויפן עפּעס עסן.

אין דער צייט האָבן די דייטשן געפאָדערט פון יודנראט מען זאָל זיי צושטעלן יונגע מענער צו מושטרע. אַלע יונגע מענער האָבן זיך געמאָלדן, צווישן זיי אויך מיין אײדעם. די דייטשן האָבן צוזאַמענגעקליבן איבער 300 מענער, אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער קיין אַלעווסק, און דאָרט זיי אַלעמען דערשאָסן. דאַן איז אומגעקומען מיין אײדעם. דאָס איז געווען אָנפאַנג 1943.

די ליקווידאַציע פון בראָדער געטאָ

נאָכן טויט פון מיין אײדעם בין איך געבליבן מיט מיין טאָכטער און 2 אייניקלעך אין בראָדער געטאָ. ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער ליקווי־דאַציע פון בראָדער געטאָ.

פלוצלינג, אינגאַנצן אומדערוואַרט האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם געטאָ. איך, מיין טאָכטער און אייניקלעך, האָבן זיך אין דער צייט פון דער אַקציע אויסבאַהאַלטן אין אַ פּלאַץ צווישן 2 פּלויטן. דאָרט האָבן זיך געפונען 19 יידן. מיר האָבן געזען ווי די דייטשן גייען און צינדן די הייזער, שלעפּן אַרויס פון די סכראַנעס יידן און וואַרפן זיי לעבעדיקע אין פייער. אַ סך האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט.

אַ פּאָר טעג זענען מיר אַזוי געלעגן באַהאַלטן. מיר האָבן יעדע מינוט געוואַרט אויף אונדזער טויט. מיט אונדז איז געלעגן בהאַלטן מיינער אַ פּלימעניק, שמואל שערער. ער האָט געזאָגט: „לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען״. ביינאַכט האָבן מיר ווי עס איז זיך אַרויסבאַקומען פון ברענענדיקן געטאָ און אַוועק צוריק צום פויער מאַראַז.

ווען מאַראַז האָט דערזען, אַז איך האָב ווידער געבראַכט אַ גרופּע יידן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אונדז צו אַריינלאָזן אין שטוב, זענען מיר געבליבן אין וואַלד. מיר זענען געווען 8 מענטשן.

דער טויט פון מיין טאָכטער און אייניקל

אין דער צייט האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד, ווו מיר האָבן זיך געפונען, דייטשן און פּאָליציי. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אונדז. דער פלימעניק, מיין טאָכטער אוןביידע אייניקלעך דערזעענדיק די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אנטלויפן, אָבער איך האָב זיך פארטשעפּעט און געפאלן. די דייטשן האָבן אויף מיר קיין אַכט נישט געלייגט און זיך נאָכגעיאָגט נאָכן פלימעניק מיט מיין טאָכטער און אייניקלעך. די דייטשן האָבן געכאַפּט מיין פלימעניק, זיין פרוי און זיינע 2 קינדער און מען האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן. שפּעטער האָבן זיי געכאַפּט מיין טאָכטער מיט אַן אייניקל און אויך דערשאָסן. מיין אייניקל סיוניע, אַ יינגעלע פון 9 יאָר איז געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן און די דייטשן האָבן אים נישט באַמערקט.

איך בין געלעגן ביז נאַכט. דער טויט פון מיין טאָכטער און אייניקל און פון מיין פלימעניק מיט זיין משפחה האָט מיך אינגאנצן צעבראָכן. איך בין געלעגן און געוואַרט אויפן טויט. מיר איז שוין געווען אַלץ איינס. אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען מאַראַז. ער האָט מיר געפונען אין וואַלד. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין דער צייט אָפּגעפונען מיין אייניקל סיוניע. איך האָב זיך זייער דערפרייט, וואָס כאָטש איין אייניקל האָט זיך געראַטעוועט.

מיר באַהאַלטן זיך אויס אין אַ לאָך פון אַ בוים

מאַראַז האָט אונדז צו זיך אין שטוב נישט געקענט אַריינגעמען, זיין פרוי האָט נישט געלאָזן. קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען ווי אויסבאַהאַלטן אונדז אין אַ לאָך פון אַן אַלטן בוים. מיר זענען דאָרט געזעסן. ביינאַכט פלעגט אונדז מאַראַז ברענגען עסן.

איך מוז דערציילן, אַז צוגיין צו אונדז צום בוים איז נישט געווען אַזוי פּשוט. אַרום דעם בוים איז געווען אַ טייכל. מאַראַז פלעגט ביז צום טייכל צופאָרן מיטן פערד, ער פלעגט אַריבערשווימען דאָס טייכל און אונדז ברענגען עסן.

מיר איז זייער שווער אייך אַלץ צו דערציילן, וואָס איך האָב אַדורכגעלעבט און איך בין שוין מיד. וועל איך דאָס דערציילן בקיצור.

ס'האָט פּאַסירט אַ פאַל, אַז פויערים האָבן דערהרגעט 6 דייטשן. די דייטשן האָבן געווילדעוועט, זיי פלעגן אַריינגיין אין די פויערישע כאַטעס ראַבעווען און שלאָגן. די דייטשן זענען אויך אַריין צו מאַראַזן אין שטוב. מען האָט געמסרט, אַז מאַראַז האַלט אויס אַ פּאָר יידן. זיי האָבן גלייך דערשאָסן זיין

פרוי און מאַראַז אַליין איז קוים אנטלאָפן מיטן לעבן. זיי האָבן פארברענט זיין הויז און ער אַליין איז אַוועק צו זיינעם אַ פּלימעניק.

איך האָב פארלוירן אַזאַ גוטן פּויער ווי מאַראַז. ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אונדז ברענגען עפּעס עסן.

אין אַ דאַך איבערן קאָפּ

ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי גיין פון שטוב צו שטוב בעטן עפּעס עסן. די פויערים זענען געווען זייער אנטיסעמיטיש געשטימט. אָבער עפּעס האָב איך געהאט מזל, וואָס זיי האָבן מיר נישט אַרויסגעגעבן צו די דייטשן, אָדער אַליין דערהרגעט. איך מיטן אייניקל פלעגן נעכטיקן אויפן שניי. הונגעריקע, אָפּגעריסענע פלעגן מיר בראָדיען פון שטוב צו שטוב בעטן אַ שטיקל ברויט. ס׳פלעגן דורכגיין טעג, ווען מיר האָבן נישט געהאט קיין ביסן ברויט אין מויל. איך האָב געפילט, אַז די כוחות פארלאָזן מיך שוין. אָפט פלעג איך נעכטיקן מיטן אייניקל אין אַ קאַריטע, וואָס מען גיט די חזירים עסן אין אַ שטאַל. איך האָב געזאָגט צו מיין אייניקל: „קינד מיינס, איך וועל שוין נישט אַדורכלעבן די צרות, דו ביסט נאָך יונג, גיי און ראטעווע זיך". ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון מיר און האָט געוואָלט טיילן דעם גורל צוזאַמען מיט מיר, נישט קוקנדיק אויף זיינע 10 יאָר.

איך האָב שוין אינגאנצן פארלאָרן מיינע כוחות. מיר האָבן אָבער יעדעס מאָל געמוזט בייטן דעם פּלאַץ. איך האָב 4 קמ. געפּויזעט אויף די קני ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צו אַ דאָרף. איך בין געבליבן ליגן און געבעטן דעם טויט אויף זיך.

אזוי האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט 17 חדשים אין די וועלדער ביז דער באַפרייונג. אַמשווערסטן זענען געווען די לעצטע 3—4 חדשים.

די באַפרייאונג

דער פראָנט האָט זיך שוין דערנענטערט צו ראדזיווילאָוו. דאָס איז געווען פרילינג 1944. איך בין אַריין צו אַ פויערטע בעטן עפּעס עסן. די פויערטע האָט פריער מיר נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב, אָבער, ווען זי האָט דערפילט, אַז די סאָוויעטן זענען שוין נאָענט, איז זי געוואָרן אינגאנצן אַן אנדערע. זי האָט אונדז געגעבן צו עסן, געלאָזט איבערנעכטיקן. ווען אויף צומאָרגנס האָב איך געוואָלט אַוועקגיין, האָט זי אונדז נישט אָפּגעלאָזט און פאַרגעלייגט ווייטער

צו בלייבן. ס׳איז אַריין אַ פויערטע און געזאָגט, אַז די רוסן זענען שוין דאָ אין דאָרף.

די דייטשן אָפּטרעטנדיק האָבן אונטערגעצונדן דעם דאָרף. איך מיטן אייניקל זענען ארויס פון דאָרף און אַוועק אין וואלד. ס׳איז אָנגעפאָרן א פויער מיט אַ פולן וואָגן מיט היי. ער האָט מיין אייניקל ארויפגעזעצט אויף די היי און איך בין ווייטער געגאנגען. דאָס אייניקל האָט אויפן וועג שוין דערזען די רוסישע סאָלדאַטן. זיי האָבן אים געגעבן אָפּצועסן און ער האָט זיך געלאָזט מיר אנטקעגן. ער האָט מיר דערציילט, אַז די רוסישע סאָלדאַטן ווילן אים מיטנעמען מיט זיך. ער איז אַוועק צוזאמען מיט זיי. זיי האָבן אים אָנגעטאָן אין מיליטערישע זאַכן. עטלעכע מאָל איז ער געקומען צו מיר און האָט געזאָגט: „באָבעשי, דו קענסט מיר נישט דערציען, קענסט מיר נישט געבן צו עסן און אָנטאָן, איך וועל גיין זיך לערנען אין סוואָראָווסקאַיע אוטשילישטשע (אַ מיליטערישע שול פאַר יינגלעך). איך בין געווען צופרידן. ער איז געוואָרן „דער זון פון פאָלק״ און די סאָלדאַטן האָבן אים זייער ליב געקראָגן.

נאָך דער באַפרייאונג

איך בין געקומען קיין ראדזיווילאָוו. מיין הויז איז געווען פארברענט. איך האָב געטראָפן עטלעכע ראדזיווילאָווער יידן. איך בין געבליבן דאָרט עטלעכע טעג און איך בין אַוועק קיין דובנע. אין דובנע האָב איך געטראָפן מיין פלימעניק שלמה גון, מיין מאַנס ברודער׳ס א זון (לעבט איצט אין תל־אביב). ביי אים בין איך געבליבן ביזן יאָר 1946. אין דעם זעלבן יאָר זענען מיר מיט דער רעפּאַטריאציע געקומען קיין פוילן. געלעבט אין ביטאָם איין יאָר. פון פוילן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין עסטרייך. געווען אין די לאגערן ביז 1948.

אין יאָר 1948 בין איך אָנגעקומען אין לאנד און וווין איצט ביי מיין איינציקער טאָכטער צפורה ינאי.

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין אייניקל סיוניע לעבט. אויף פסח האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו מיט אַ פאָטאָגראפיע, פאָטאָגראַפירט מיט זיין פרוי און זון. ער לעבט אין ווילנע און הייסט וואָלאָדימיר וואַלינסקי. זיין פרוי איז אַ לערערין און ער לערנט אין ראָוונע אין קאָנסערוואטאָריום. זיין פאָטאָגראַפיע האַלט איך ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אויפגעגומען: י. אלפעראָוויטש.

שיינדל אוקס

מיינע איבערלעבונגען

די מלחמה פוילן - דייטשלאַנד

אין יאָר 1939 האָט אויסגעבראָכן די מלחמה וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פייער אויף דער גאַנצער וועלט. די היטלער אַרמיי גייט פאָרויס מיט אַ שנעלן טעמפּאָ באַזעצנדיק די פאַרכאַפּטע פוילישע געביטן. די סאָוויעטישע אַרמיי געט גלייכ־צייטיק „צו הילף פוילן" און באַפרייט אוקראַינע לויט די אָפּגערעדטע גרענעצן. מיין מאַן לייב זאַץ ווערט דאַן מאָביליזירט מיט נאָך פיל אנדערע, דורך די רוסן. איך קריג פון אים בריוו נישט וויסנדיק ווי ער געפינט זיך. אין אַ צייט אַרום קריג איך א ידיעה, אַז מיין מאַן געפינט זיך נעבן דער שטאָט לוצק־קיבערצע — מיט נאָך אַנדערע ראדזיווילאָווער. איך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פרויען באַשליסן צו באַזוכן אונזערע מענער. אונזער פלוצלימיקער באַזוך ביי זיי איז געווען אַן איבערראַשונג — פון דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין טיפן רוסלאַנד.

אונזער קליין שטעטל ראדזיווילאָוו איז פול מיט פליטים צונויפגעלאָפענע פון פארשיידענע שטעט ווו היטלער האָט שוין געשטעלט זיין פוס. זיי דערציילן די גרויזאמקייטן פון די ערשטע טעג פון דער היטלער־מאַכט, אָבער קיינער גלויבט נישט, אַז אויך אַהער קאָן דערגרייכן די מערדערישע האנט. אין דער טאָג איז געקומען.

אין יאָר 1941, דעם 22־טן יוני, ברעכט אויס די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. זעער שנעל ווערן פארנומען שטעט און שטעטלעך און ס'ווערן מקויים די ווארנונגען פון די פליטים. אָבער קיינער וויל נישט צולאָזן דעם שלעכטן געדאנק. מען האָט זיך געטרייסט מיט פוסטע אילוזיעס: אַמעריקע מיט ענגלאַנד וועט נישט לאָזן פארניכטן אַ פאָלק. די יידן האָבן וויכטיקערע פּראָבלעמען צו פארזאָרגן דאָס פארהאָרעוועטע גוטס וואָס די גוטע גויים האָבן דערנאָך געירשנט.

אונזער שטעטל איז פארנומען דורכן דייטש. די גויים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. זיי געען האַנט־ביי־האַנט מיט היטלערן. די פּאַניק איז גרויס. יעדן טאָג גיט מען אַרויס נייע באַפעלן. יידן הייבן אָן צו טראכטן ווי זיך צו ראַטעווען. מען הייבט אָן צו זוכן בקאַנטע גוטע גויים וואָס ס'איז זעלטן צו געפינען. מיין שוועסטער, סימה אוקס, האָט מזל: זי האָט געטראָפן דעם בעסטן פּלאַץ; זי טראָגט אַוועק אלע זאכן צום באַוווסטן גלח לאנגין טאראנאָווסקי, וועלכער איז זייערס

אַ גוטער באַקאַנטער. די גויים פון שטעטל און פון די אַרומיקע דערפער לאָזן זיך ווילגען, מען קומט יעדן טאָג מיט זעק אָנצופילן זיי מיט יידיש פארמעגן, וואָס ווערט צעראבירט אומגעשטערט. און עס הייבט זיך אָן דאָס שרעקלעכע איבער־לעבעניש און דער שטורמישער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, יידיש לעבן ווערט הפקר. די מאַכט פון דער שטאָט נעמען איבער די אָנהענגער פון די דייטשן: אוקראַינער נאַציאָנאַליסטן, אונטער דער אויפזיכט פון דייטשישע ס.ס.־לייט. דער גלח טאראנאָווסקי ווערט דער קאָפּ פון שטאָט. דער פאָלקסדויטשע מאַטייקה — הויפּט־פירער, און אַנדערע אוקראַינישע באנדיטן.

דער ערשטער באַפעל

אַלע איינוווינער פון שטעטל מוזן פארהענגען די פענסטער געדיכט נישט צו זען די מינדעסטע שיין. פאר נישט אויספאָלגן דעם באַפעל קומט טויט־שטראָף. דער ערשטער קרבן איז געווען אברהם־יצחק חאַמוט, וועלכער האָט נישט וויסנדיק פאריקט אַ שטיקל פאָרהאנג. אַ דייטש האָט דאָס באַמערקט און אים אויפן אָרט דערשאָסן. נישט לאַנג וואַרטנדיק האָבן זיי צונויפגענומען אַ גרופּע אומשולדיקע מענטשן און זיי אויסגעהרגעט אין בראָדער וואַלד. אַ טרויער האָט ארומגענומען דאָס שטעטל. דאָס געפּאַר דראָט יעדן איינעם. די דייטשישע קאָמענדאטור צוזאמען מיט די אוקראַינער האָבן זיך אָנגעהויבן נוקם זיין אין די יידן.

נאָך אַ שטרענגער באַפעל: יידן מוזן טראָגן אויף דער האַנד ווייסע בענדער מיט אַ אויסגענייטן מגן־דוד. נאָך דעם האָבן זיי דאָס פארביטן אויף געלע לאַטעס. מען זאָל גוט דערקענען אַ יידן פון דער ווייטנס.

אַלע יידן, אָן אונטערשייד מענער פרויען, מוזן אָפּגעבן זייערע קדושין־רינגלאך, פּיטערס און די בעסטע מלבושים, אלס לויטן באפעל!

ווען מען האָט אונז באַפרייט פון די פארמעגנס, האָט מען זיך גענומען צו אונזערע נשמות. געשאַפן פאר אונז צוויי זייטן געטאָס, אַרומגערינגלט מיט שטעכעדיקע דראָטן, און יעדן טאָג געטריבן צו פארשיידענע אַרבעטן אונטער דער וואַך פון פּאָליציי. ס'איז פאריבער אַ קורצע צייט, האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען צו אונז, אז דעם ראָוונער געטאָ האָט מען ליקווידירט און קיין איין ייד איז נישט געבליבן לעבן. נישט יעדער האָט געוואָלט גלייבן וועגן דער טרויעריקער בשורה. אַסאָך זענען געקומען זיך דערוויסן עפּעס נייעס ביי סימה אוקס (רושניבקער), ווייל זי איז גוט היימיש מיטן גלח טאראנאָווסקי, וועלכער איז יעצט געווען אונזער „פארזאָרגער״.

זיין אַמאָליקע גוטע באַקאַנטע פרוי, די טאָכטער פון גלח באַרעצקי, פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן אין געטאָ זיך דורכשמועסן מיט מיין שוועסטער. אַלע יידן האָבן געגלויבט, אַז זי וועט בלייבן לעבן, ווייל דער גלח מיט דער פרוי און מיט זיין שוואָגער, דאָקטאָר בארעצקי האָבן זי פארזיכערט צו ראטעווען. מיין שוועסטער פלעגט זיך אויך אָפט אַרויסכאַפּן פון געטאָ צום גלח אַהיים, כדי צו הערן עפּעס נייעס, ווייל קיין צייטונג האָט אַ ייד נישט געליינט, ראדיאָ נישט געהערט, איז זי געווען די איינציקע קוועלע פון די נייעסן. די יידן פון געטאָ פלעגן אָפט בייטן זיך צו דערוויסן עפּעס נייעס און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף איר צוריקקומען. אָבער צום גרויס באַדויערן, איז זי אין איין טאָג צוריקגעקומען פון גלח מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז מיר אומשולדיקע יידן זענען פאראורטיילט צום טויט.

דאָס איז געווען פונקט פאַר שבועות. אונזער יום־טוב איז אויסגעפאלן צוזאַמען מיט די גויישע. מיר זענען געליגן איינגעלעגט, פארצאָרנט, טראכטנדיק מאין יבוא עזרי? מיר קוקן אַרויס אין גאַס, אונזערע הערצער ווערן צעריסן פון ווייטיק זעענדיק ווי אלעס לעבט און בליט. די גויים גען אַרום אויסגעפּיצט אין די יידישע צוגעראַבעוועטע מלבושים און לאַכן פון דער וועלט. אויף דעם שאָסיי, וואָס טיילט אָפּביידע געטאָס, שפּאַצירן אַרום קליינע שקוצים, ווארפן שטיינער, שטעקנס, שפּייען, שטעלן אַרויס די צונגען און שרייען: „גיט אייך אזוי יידן, גענוג געלעבט!" מען קוקט אַרויף צום הימל און מען האָפט צו גאָט, אפשר וועט פאָרט געשען אַ נס ווי אין אלע צייטן ווען ביי יידן איז געווען אַן עת צרה, און מען מורמלט אין דער שטיל אַ תפילה: „גאָט איינציקער, גיב אונז כוח אויסצוהאַלטן די צרות, וואָס דאַרפן נאָך קומען". די זון פארגעט, ס'קומט אָן די נאַכט. אין די שטיבער איז פינסטער, ס'איז פארבאָטן צו באלייכטן, און די פענסטער מוזן זיין געדיכט פארהאָנגען כדי די לבנה מיט די שטערן זאָלן אונז נישט באלייכטן דאָס טרויעריקע געמיט...

מיר דרימלען אַביסל איין אין דער פינסטערניש און מיר פארגעסן נישט צו זיין וואַך, ווייל מען איז נישט זיכער וואָס ס'קאָן געשען. מיר באַמערקן פּראָזשעקטאָרן וואָס באלייכטן יענע זייט געטאָ. באַלד זענען מיר ארום גערינגלט פון די בעסטיאַלישע מערדער מיט גומענע שטעקנס אין די הענד, שרייען, שלאָגן, און יאָגן אַרויס די יידן פון געטאָ. קראַנקע, אַלטע, צעבראָכענע, וואָס האָבן נישט געקאָנט שנעל גען האָבן זיי געשאָסן אויפן אָרט. די קליינע קינדערלאַך האָבן זיי געוואָרפן ווי באַלאָנען, געמאַכט ספּאָרט מיט זיי, ביז זיי זענען געפאלן

טויטע. די מיטעלע און יונגע מענטשן האָבן זיי אויסגעשטעלט צו 6 אין אַ רייע, אַ גרויסע סטאַדע שאָף מיט עטלעכע באוואָפנטע דייטשן און אוקראַינישע מערדער. אונטער דער שטאָט, אויף סוכאָדאָלע, איז שוין געווען פאָרבערייטעט גריבער. דאָרט האָט מען זיי אַלע אויסגעמאָרדעט און געוואָרפן אין די גריבער, לעבעדי־קערהייט, נישט קיין דערשאָסענע.

אזוי זענען אונזערע טייערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, קינדער געגאַנגען נישט ווייסנדיק, אומשולדיק, צו דער שחיטה. און מיר, צייטווייליקע לעבנגעבליבענע יידן, האָבן גוט געוווּסט, אַז ס׳וועט קומען דער פינסטערער טאָג און מיט אונז וועט געשען דאָס זעלבע. קיין שום האָפענונג, פאַר יידן איז קיין רעטונג נישטאָ.

נאָך דער ליקווידאַציע פון ערשטן געטאָ, איז דער פּלאַץ געווען פאַרשפּרייט מיט פאַרשידענע צעוואָרפענע זאַכן פון די קרבנות: קליידער, שיך, קליידעלאַך פון די טייערע אומשולדיקע קינדער. פאַרשידענע צעוואָרפענע ספרים, וואָס יידן האָבן געדאווונט און געגלויבט, אַז ס׳וועט געשען אַ נס מן השמים. דער נס איז אָבער נישט געשען... די קליינע צאָל לעבנגעבליבענע יידן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן פאַרשידענע באַקאַנטע גויים, וואָס זאָלן זיין גרייט צו מאַכן פאַר זיי בונקערס.

צווישן די לעבנגעבליבענע פון ערשטן געטאָ זענען געווען די צוויי שוועסטער לאה׳קע און זעלדה חאראש מיט זייער מוטער דאָבע. זיי זענען געווען פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם. ס׳קומט ווידער אַ באַפעל, אַז דער פּלאַץ פון געוועזענעם געטאָ מוז ווערן זויבער ריין. אונטער פּאָליציייאישע וואַך ווערן געשיקט מענטשן פון צווייטן געטאָ צו דער וויסטיקער אַרבעט. האָבן די צוויי שוועסטער מיט דער מוטער איינגעשלאָסן זיך מיט די אַרבייטנדע און געשטעלט צו דער אַרבעט. מיט שטילע געוויינען און צעבלוטיקטע הערצער לעגט מען צונויף די אַלע זאַכן, סאָרטירט לויט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט פון די ערשט נישט לאַנג אומגעבראַכטע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער. די ערד רייסט זיך, דער הימל שרייט, אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזערע קעפּ. ווער ווייסט וואָס ס׳שטעט נאָך פאַר אונז דורכצומאַכן, אפשר וועלן די לעבעדיקע מקנא זיין די טויטע?

אַלע טאָג טרייבט מען די יידן צו פאַרשידענע אַרבעט, מען בעט גאָט זיי זאָלן צוריק קומען לעבעדיקע.

אין אַ שיינעם טאָג קומט אַריין אין געטאָ דער פעטער פון דייטשישן ריכטער

וואָלאָדקע קוביט (איך באַמערק, אַז סאַשע קוביט איז געווען אַ דייטשישער ריכטער ביי אונז אין שטאָט). ער באַזוכט אונז און לעגט פאַר זיין הילף אונז צו ראַטעווען. איך קענענדיק סאַשע קוביט אַלס לערער וואָס פלעגט אָפט באַזוכן אונזער הויז, בין מיט גרויס פרייד מיטשטימיק צו גען מיט אים. מיין ברודער האָט נישט קיין צוטרוי, ער וואָרנט מיך, אַז סאַשע קוביט איז איצט נישט קיין לערער, נאָר אַ דייטשישער ריכטער, און וואָלאָדקע קוביט, ווייסטו דאָך, איז דער ערשטער גנב אין שטעטל. ער וועט דיך דער ערשטער אויסגעבן. דו ביסט נאַאיוו און מיינסט, אַז יעדן קען מען גלויבן. מיר וועלן בעסער גען מיט יאַשקע גופמאַן, ער האָט אַסאַך באַקנטע גויים, וואָס האָבן פאַר אים מיט זיין גאַנצער משפחה צוגעגרייט אַ גרויסן בונקער. זיי האָבן אים זער ליב, אַלע יאָרן האָט ער געאַרבעט מיט דעם לעסניטשע וולאדעק, און נאָך אַ גוי וואַסיל אין חאָטינער וואַלד. גופמאַן זאָגט, אַז דאָס איז אַן אייזערנער בריק, דער איינציקער פּלאַץ ווו מיר וועלן דערלעבן די ישועה און נעמען נקמה פאַר אונזערע אומגעבראַכטע ברידער און שוועסטער.

די נאַכט פאַלט צו, מיר לאָזן זיך אין וועג. איך גיי מיט מיין ברודער יעקב אוקס מיט זיין פרוי און טעכטערל זרה. אויך יעקב גופמאַן מיט זיין משפחה. ער איז אונזער וועג־וויייזער. פאַר אים איז באַקאַנט דער גאַנצער געגנט. נאָך עטלעכע שעה אַרום זענען מיר געקומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ. מיר זענען געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן די געדיכטע צווייגן. גופמאַן האָט פאַרבעטן די בעלי־הבתים צו מאַכן אַ שנאַפּס, וואָס מיר זענען בשלום דורכגעגאַנגען דעם וועג. מיר זענען צייטווייליק גליקלעך. דער בונקער איז אַ באַקוועמער, מען קען רעדן, זיך אַרומדרייען פריי אין וואַלד. דער בונקער איז גוט פאַרמאַסקירט. דער גוטער גוי וואַסיל איז פאַר אונז זער גוט. קיין עסן פעלט נישט. יעדן טאָג ברענגט ער גוטע נייעס, אַז די דייטשן וועלן פאַרשפּילן דעם קריג. דער רוס גייט פאָרויס און אין גיכן וועלן מיר באַפרייט ווערן. אָבער היינט זאָל קיינער פון אונז נישט אַרויס גען פון בונקער, ווייל קליינע שקוצים פאַשען די בהמות, קאָנען זיי אונז באַמערקן און אויסגעבן. אַליין איז ער אַוועק. די יידן פון בונקער זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין גוי, נאָר אַ מלאך. איך האָב נישט געגלויבט און געפּרוווט אַרויסגען פון בונקער. גופמאַן איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און מיך געהייסן צוריקרופן. אַרויסגעענדיק פון בונקער, איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן: איך זע פון דער וויטנס, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט ס.ס.־מענער און אוקראַינער, מיט געווער אין די הענד. איך האָב נאָך באַוויזן אַ

געשריי צוטון: „יידן ראטעוועט זיך!” מיין ברודער, וועלכער איז געלאָפן מיך צוריקרופן, האָט נאָך געקאָנט באַווייזן צו אנטלויפן, אָבער ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין פרוי און קינד. מען שרייט מיר נאָך „האַלט!” אָבער איך לויף אָן אָטעם. איך הער פון דער ווייטנס מיין ברודערס רוף־געשריי: „זארוניע מיין קינד אַנטלויף!” איינזאַם, עלענד, לויף איך אַליין אין דער נאַכט פינסטערניש אין געדיכטן וואלד. ס׳איז נישטאָ מער קיינער מיט מיר. ווי בין איך? ווער בין איך? פאַר ווענמען דאַרף איך לעבן? פאר וועמען קען איך ברענגען נוצן? אליין ווי אַ שטיין, ווו זאָל איך איצט גיין? ווער דארף מיך? אַלעס פאַרלוירן, קיין זכר נישט געבליבן...

ניין, איך מוז גיין אויף דעם פּלאַץ און זעען מיט מיינע אייגענע אויגן מיינע טייערסטע אומגעקומענע. יאָ שיינדעלע! — רעד איך צו זיך אַליין האַלב פון זינען — דו גייסט דאָך אַליין זיך נעמען דעם טויט... דאָרט איז דאָך גאָפּמאנס „מלאך” וואַסיל, דער מערדער וואָס האָט אונז אַלעמען איבערגעגעבן אין די הענד פון ס.ס.־מענער. איך ווייס אַלעס, אָבער ס׳שטויסט מיך אַן אומנאטירלעכער כוח, איך מוז גיין, איך גיי נישט־וויסנדיק קיין וועג, אַ טריט פאָרויס, אַ טריט צוריק און כמעט אויפן זעלבן אָרט. אַ פארצאָרנטע, פארשמאַכטע, פאַרמאַטערטע, בין אַנידער געפאלן אין וואַלד און איינגעשלאָפן.

די שוידערלעכע טראגעדיע

דאָס שטאַרקע בילן פון הינט האָבן מיך אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף. איך טראַכט עפּעס האָט געמוזט געשעען, עס מוזן זיך אַרום־דרעען מערדער מיט הינט, וואָס לאוערן אויף אונזערע נשמות און זוכן שוין פרישע קרבנות. אָבער איך שרעק זיך נישט מער פאַרן טויט, איך האָב נישט פאַר וועמען צו לעבן. איך גיי ווייטער און באַמערק ווי אַ סטאדע הינט רייסן שטיקער פון די טויטע מענטשן־קערפּערס... איך קום צו צו דעם מאָרד־פּלאַץ און זע מיין גרויסע צרה: אַלע פון בונקער ליגן טויטע. מיין ברודער מיט דער פרוי צווישן זיי. מיין האַרץ ווערט צוריסן פאַר ווייטיק. איך רייס מיר די האָר פון קאָפּ. אָבער אַלעס אומזיסט. אָבער ווו איז מיין ברודערס קינד? צווישן די טויטע זע איך זי נישט, איך גיי אין וואלד און שריי: שמע ישראל, איינציקער גאָט, איז דאָס מעגלעך? קאָן פּאַסירן אַז דאָס קינד לעבט? זייענדיק אין די מערדערישע הענט און בלייבן לעבן? זאָל זי אלס קינד האָבן אַזאַ שארפן געדאַנק אין שכל צו

ליגן לעבעדיק צווישן די טויטע און זיך אַזוי ארום ראַטעווען? ניין, ס׳קען נישט זיין.

די נאַכט פאַלט צו, איך אַליין צווישן אַלע אייגענע טויטע. איך שלאָף נישט, איך רעד צו זיי מיט ווייטיק פון א צעבראָכן האַרץ מיט אַ צעבלוטיקטע נשמה. קיין שום טרייסט איז נישטאָ פאַר מיר. ס׳הייבט שוין אָן צו טאָגן... איך שטיי אויף צום טאָג־טעגלעכן קאַמף פאר עקזיסטענץ. עלענד, איינזאַם, דריי איך זיך אַרום. מיין געדאנק ארבעט שנעל. איך קלער איצט פון גאָרנישט, נאָר פון מיין קינד. און אפשר איז זי נישט־וויסנדיק דאָס געפאר געלאָפן צוריק צום גוי, צום מערדער? איך מוז שוין לויפן, אז נישט וועט זיין צו שפּעט. איך בלאָנדזשע צווישן וועלדער, פעלדער, דער געדאנק מאַטערט מיך, אפשר וועל איך פאָרט געפונען דאָס קינד, מיין טרייסט. זייער שווער איז מיר געווען צו געפינען דאָס הויז פון אונזער גוישן מערדער. ענדלעך זע איך פון דער ווייטנס אַ הויז, אין דעם הויף דרעט זיך אַרום אַ געשטאַלט פון אַ קינד. איך פאַרליר מיין גלייכגעוויכט, עס שטויסט מיך נישט קיין מענטשלעכע קראַפט. דער הימל עפנט זיך פאַר מיר. עס געשעט אַ גרויסער נס מן השמים . . . איך הער דאָס קול פון מיין קינד: „שיינדוניו, דו לעבסט?" — „יאָ, מיין טייערע, איך לעב. איצט האָב איך פאר וועמען צו לעבן און צו קעמפן!"

אונזער פרייד איז נישט צום באַשרייבן. מיר וויינען און לאַכן און פארגעסן זיך אויף אַ פאָר מינוט ווי מיר געפינען זיך. איך דאַנק גאָט וואָס האָט מיר צוריקגעגעבן מיין פארלוירענעם אוצר. מיין קינד גלעט מיר מיין פנים מיט ציטערדיקע הענטלעך. איך האָב אַ טרייסט פאַר מיר. אין דער זייט שטעט דער מערדער מיט ווילדע אויגן און איראָנישן שמייכל און קוקט צו דאָס בילד פון דער טראגישער באגעגעניש. ער טראכט איצט באשטימט: „איר וועט זיך לאנג נישט פרייען" . . . איך בין געצווונגען צו פארפירן מיט אים אַ שמועס, אַז ער איז געווען גערעכט ווען ער האָט אונז געוואָרנט נישט אַרויסצוגען פון בונקער, וואָלטן מיר אים געפאָלגט וואָלטן אַלע געבליבן לעבן. דער מערדער איז צופרידן פון מיין פארשטיין . . . אָבער איצט זאָגט ער, וועט שוין קיינער נישט קומען צו מיר זוכן יידן. איר מעגט זיצן רואיק, ווייל די מלחמה גייט שוין צו ענדע, און די ישועה וועט קומען. ער גרייט פאר אונז עסן, טרינקען, און מאַכט אונז אַ פלאַץ אין צימער. איצט, זאָגט ער, פאָרט ער קיין ראדזיווילאָוו, ביינאַכט קומט ער צוריק און ער וועט אונז רופן אין שטוב זיך אַביסל ארומוואַשן. זיינע גוטע רייד האָבן מיך נישט איבערראַשט. איך האָב געזען דעם מלאך אין

געשטאַלט פון אַ מערדער. איך האָב באַלד פארשטאנען אַז ער פּאָרט אין שטאָט מעלדן וועגן אונז. נאָך זיין אַוועק פאָרן, האָבן מיר באַשלאָסן צו אנטלויפן. מיר זענען אַוועק אין פעלד, ווייט פון זיין הויז און געפינען אַ באהעלטעניש צווישן די צונויפגעלעגטע סטערטעס שטרוי. נישט שלאָפנדיק זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך. פּלוצלינג הערן מיר דאָס שטאַרקע בילן פון הינט. מיר הערן פונדערווייטנס אין דער נאַכט שטילקייט ווי דער מערדער וואַסיל רופט אויף רוסיש מיין נאָמען: סאָניאַ! סאָניאַ! מיר זיצןביידע פארגליווערט, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן אָן אַביסל אָטעם מיט שטאַרק האַרצקלאָפּעניש. מיר הערן די קולות מיט זידלערייען פון דער פּאָליציי, וועלכע לויפן אַרום ווי די וועלף. זיי שיסן אין אלע זייטן. מיר ליגן מיט גרויס שרעק און מורמלען אַ שטילע תפילה, נישט וויסנדיק צי דאָס קען העלפן. זיי האָבן זייער ציל דאָס מאָל נישט דערגרייכט. נאָך דעם גרויסן טומל און שיסעריי און בילן פון די הינט, זענען מיר נאָך אלס געזעסן מיט פחד און זיך נישט גערירט פון אָרט, נישט רעדנדיק איינער צום צווייטן. ווען ס׳איז שוין אריבער עטלעכע שעה און ס׳האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַ שטילקייט אין דער געגנט, די הענער האָבן אָנגעהויבן צו קרעען, האָבן מיר געוווסט אַז ס׳הייבט אָן טאָגן און מיר טאָרן מער דאָ נישט בלייבן. מיר מוזן ווייטער לויפן. אָבער ווו? די וועגן זענען אונז פארשטעלט. דער טויט דראָט אויף יעדן טריט און שריט, אָבער דאָך מוזן מיר ווייטער קעמפן און לויפן ווו די פיס וועלן טראָגן. מיר ווילן אַריין גיין צו אַ גוי בעטן ברויט. דאָס איז אַ גרויסע ריזיקע. מיר גיין לאַנגזאַם, אויסמיידנדיק די דערפער, נישט ווערנדיק באַמערקט פון די גוים, וואָס קאָנען אונז דערקענען. די נאַכט פאַלט צו. מיר בלייבן נעכטיקן אויף אַ גוישן בית הקברות. מיר ליגן אַ גאנצע נאַכט מורא האָבנדיק פאר די טויטע און גלייכצייטיק פאר די לעבעדיקע רוצחים. ס׳הייבט אָן צו טאָגן. מיר גיין ווייטער. מיר זען פונדערווייטנס אַ שטיבל. מיר לאָזן זיך אין דער ריכטונג. עס גייט אונז אַ קעגן אַ גוי מיט גלאנציקע מערדערישע אויגן. ער גיט מיר נישט דאָס וואָרט צו בעטן ברויט, רופט אונז גלייך אריין צו זיך אין סטאדאלע, און ווענדעט זיך צו אונז מיט די ווערטער: „איר לעבט נאָך?" ער הייבט די האַק איבער אונזערע קעפּ צו מאַכן מיט אונז אַ סוף. איך שריי אויס נישט מיט מיין קול: „איין מאָמענט! איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן, וועט דיר נישט געפאלן מיין פאָרשלאג, קאָנסטו מיט אונז מאַכן וואָס דו ווילסט. הער מיך אויס, טייערער גוי... מיר גיין אַרום איבער די דערפאר און זוכן אַ באַהאַלטעניש. מיר זענען אין באַראַניע, ביי אַ גוי, מיר

האָבן אַ סך גאָלד. אויב דו ביזט מסכים קאָנען מיר בלייבן ביי דיר ביזן סוף פון דער מלחמה. מיר וועלן דיר אַלעס אַוועקגעבן. פאָר מיט אונז אין דאָרף, מיר וועלן אלעס אָפּנעמען און מיר וועלן זיין ביי דיר״. דער מערדערישער גוי איז געוואָרן ווייכער, דער פּלאַן איז אים געפעלן. ער ברענגט אונז ברויט, וואסער, ער איז מסכים אויך אונז צופירן קיין באראניע. מיר קומען צו צו אַ טייך. ער טראָגט אַריבער דאָס קינד, דערנאָך מיך. ער ווייזט אונז ווי אַזוי צו גיין. מיר רעדן אָפּ ער וועט ווארטן ביים טייך אויף אונזער צוריקקומען. ער זאָגט אונז אָן מיר זאָלן לאנג דאָרט נישט זיין. גייענדיק מיט שרעק, קומען מיר אָן קיין באראניע. באַקאַנטע גוים, וואָס קאָנען מיך פארן קריג נעמען אונז אויף מיט טרערן אין די אויגן פאר פרייד. מען הייסט אונז באלד אַרויף גיין אויפן בוידעם, אַ שכן זאָל נישט באַמערקן. מען ברענגט אונז עסן, מען באַרואיקט אונז מיט טרייסט־ווערטער, אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן דאָס גוטע, אָבער האַלטן אונז האָבן זיי מורא. זיי דערציילן, אַז ראדזיווילאָוו איז ריין פון יידן. נאָר אין בראָד איז נאָך קיין געטאָ נישטאָ און ס׳געפינען זיך דאָרט אַסאַך ראדזי־ווילאָווער. לאַנג טראכטן טאָר מען נישט, מיר באַשליסן צו גיין קיין בראָדי, וואָס ס׳וועט זיין מיט אלע יידן וועט זיין מיט אונז אויך. מיר האָבן שוין נישט קיין כוח זיך צו ראנגלען און מוטשען. איך שמועס מיטן גוי און בעט אים ער זאָל זיין אונזער וועג־ווייזער. איך זע אַז דער גוי איז אַן איבערגעשראָקענער און גלייכצייטיק אַ בעל רחמנות, ער וויל אונז העלפן. ער דערציילט, אַז די גרענעץ איז שטאַרק באַוואַכט דורך דייטשישע פּאַטרולן. מיר פארשטיין אלעס, אָבער מיר מוזן גיין, מיר האָבן נישט קיין ברירה. דער גוטער גוי גייט אַריבער צו זיינעם אַ שכן, וועלכער ווייסט גוט די וועגן, ער בעט אים העלפן איבער־צופירן די „טרפנה סחורה״. איך מיטן קינד טוען זיך איבער מיט לאַנגע גוישע קליידער, טיכלן אויפן קאָפּ מיט קיישלעך אויף די הענט. די צוויי גוטע גוים, איינער פאָרויס דער צווייטער נאָך אונז מיט גרויסע קאנען צו קויפן נאפט אין בראָדי. נישט ווייט פון דער גרענעץ בלייבן מיר שטיין אונטער אַ בוים. זיי אַליין גיין קאָנטראָלירן דעם שטח. ווען די דייטשן זענען אַוועק ווייטער, זענען מיר אָן שום שטערונגען דורכגעגאנגען די גרענעץ און בשלום אָנגעקומען קיין בראָדי. קומענדיק אין שטאָט — דער טומל איז גרויס, יידן לויפן אַרום, באַהאַלטן זיך אין די וועלדער, פעלדער און בונקערס. יעדן טאָג מאַכט מען אַקציעס, מען הרגעט יידן. עס שטעלט זיך מיר פאָר דאָס זעלבע בילד וואָס כ׳האָב שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט. מיר טרעפן דאָרט אייגענע.

זיי נעמען אונז זעער האַרציק אויף און מיר דערפילן דעם טעם פון דער אַמאָליקער היים. ראַדזיווילאָווער קומען צו גיין און ברענגען מיר די בשורה, אַז מיין שוועסטערס זון איזי וויסר לעבט. איך ווער צעטומלט פאַר פרייד, אָבער אין הארצן טראַכט איך ווער ווייסט צו מיר וועלן נאָך לאַנג עקזיסטירן. אונזערע פריינט, בראָדער איינוווינער, האָבן שוין פון לאַנג צוגעגרייט אַ בונקער. זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי בלייבן לעבן.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך באַגעגנט ראַדזיווילאָווער גויים וואָס פלעגן קומען נאָך נעפט קיין בראָדי, צווישן די גויים האָב איך באַמערקט וואָלאָדקע קוביט. ער האָט נאָך פריער, זייענדיק אין ראַדזיווילאָווער געטאָ, פאַרגעלעגט אונז צו ראַטעווען. מיין ברודער האָט צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט. אַזוי ווי זיין פלימעניק סאשא קוביט איז געווען אַמאָל מיין גוטער פריינד און פלעגט אָפט באַזוכן אונזער הויז, האָב איך אויסגענוצט דאָס געלעגנהייט מיט־צוגעבן אַ בריוו דורך זיין פעטער מיט אַ ביטע, אַז נאָר ער קאָן מיר העלפן און מיך ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט. זעט אויס, אַז מיין קלוגעדיקער בריוו האָט געפינען אָן אָפּקלאַנג אין אַ פאַרשטיינערט האַרץ, ווייל באַלד צו מאָרגנס איז געקומען וואָלאָדקע קוביט אונז נעמען צו זיך מיט דער הסכמה פון סאַשאַ קוביט. מענטשן זענען אונז פשוט מקנא געווען. דאָס האָט געהייסן אין יענע גיהנום־טעג — אַ גליק.

די ערשטע איז געקומען ראַיע קעסטלער פון קרעמעניץ זיך בעטן צוגען מיט אונז. אויך מיין פלימעניק, איזי וויסר. וואָלאָדקע קוביט האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג; ווען ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער האָט ער געזאָגט מיר קלייבן זיך אין וועג. איך האָב פאַרגעלעגט אונזערע פריינד פון בראָדי צו געען מיט אונז צוזאַמען, אָבער לײַדער האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי, צו אונזער פירער. זיי האָבן אונז נאָר געווינטשן דורכצוגעען דעם וועג בשלום. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר דורכגעגאַנגען די גרענעץ אָן שום שטערונגען. וואָלאָדקע קוביט נעמט אונז גלייך צו זיך אַהיים. מיר זיצן אַלע פאַרשטעקט אויפן בוידעם, אָבער דאָ צו זיין איז אַ גרויס געפאַר, מיר מוזן זוכן אַ צווייטן פּלאַץ. ווייזט אויס אַז „גוטע גויים" האָבן דערטראָגן צו די דייטשן, אַז וואָלאָדקע קוביט באַהאַלט אויס יידן. אין אַ נאַכט איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן, גענישטערט אין אַלע ווינקלאַך, זיי האָבן וואָלאָדקן שטאַרק געמאַטערט און געשלאָגן, אָבער ער האָט זיך נישט מודה געווען. צו אונזער גליק האָבן מיר זיך געפינען אין אַ צייטווייליקן בונקער נישט ווייט פון הויז. אַזוי ווי וואָלאָדקע

איז שוין געווען פאַרדעכטיק, האָט ער אונז געמוזט אַריבערפירן אויף אַ צווייטן אָרט, ביז מען וועט געפינען אַ אַנדער בונקער. ס'איז נישט צום באַשרייבן וואָס וואָלאָדקע קוביט האָט געטאָן פאַר אונז, דאָס אַלעס איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־שטראָף פאַר אים. וואָלאָדקע האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט, זיין ציל איז אונז צו ראַטעווען, מיר זאָלן בלייבן לעבן, ער האָט אויך געהאָלפן אַסך ראַדזיווּועלער יידן אין פאַרשידענע בונקערס.

די סכנה ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער. די דייטשן גיבן ווידער אַרויס אַ שטרענגן באַפעל: אַז אַ גוי, וואָס העלפט אַ יידן, קומט טויט־שטראָף. נישט קוקנדיק אויף דעם, געט וואָלאָדקע קוביט צווישן די דערפער זוכן אַ פּלאַץ פאַר אונז, וויסנדיק פון אַלע בונקערס ווי ס'באַהאַלטן זיך אויס יידן. האָט ער אונז אַוועקגעפירט אין דאָרף „לעוויאַטינסקי־גאַיעס". דאָרטן האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט איזיק טרייביטש מיט זיין פאַמיליע, מיט וועלכע מיר זענען געווען ביז באַפרייאונג. וואָלאָדקע צוזאַמען מיט די גויים מאַכן פאַר אונז אַ נייעם בונקער. מיר זענען אָבער אויך דאָ נישט געזעסן רואיק, ווייל די אוקראַינישע פּאָליציי האָט פון צייט צו צייט געמאַכט רעוויזיעס און געזוכט יידן, אָבער מיר האָבן נישט פאַרלוירן די האָפענונג. יעדן טאָג פלעגט וואָלאָדקע קומען מיט גוטע נייעס און אונז טרייסטן, אַז מיר וועלן שוין לאַנג נישט דאַרפן ליידן. ווידער מיט די גויים פלעגט ער שטענדיק איינטענהן, אַז די גויים וואָס העלפן איצט די יידן, וועלן געבענטשט זיין און באַלוינט ווערן פאַר זער מענטשלעכן טאַט.

די צייט געט, וואָלאָדקע קוביט קומט און גיט איבער די לעצטע גוטע נייעס, אַז די רוסן געען פאָרויס און די דייטשן האָבן אַ מפּלה. אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט צו גען וואָלאָדקע און דערציילט, אַז אין ראַדזיווילאָוו דרען זיך אַרום צוויי יונגע מיידלעך, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אויף פאַרשידענע פּלעצער. זיי געפינען זיך אין אַ גרויס געפאַר סיי פון די דייטשן, סיי פון די בענדעראָווצעס. ער ווייסט נישט ווער זיי זיינען, נאָר ביי אַ צווייטן מאָל וועט ער ברענגען פון זיי אַ צעטל. מיך האָט נישט אינטערעסירט אין יעצטיקן מאָמענט ווער זיי זיינען, דער עיקר יידישע קינדער. נישט קוקנדיק, וואָס איך האָב גוט געצאָלט פאַר אַלע, דאָך האָב איך נישט געקאָנט אָן דער הסכמה פון בעל הבית אַריינגעמען נאָך מענטשן אין בונקער. וויסנדיק פון פריער דורך אונזער רעטער וואָלאָדקע, אַז נישט ווייט פון אונז געפינט זיך נאָך אַ בונקער מיט

יידן, פאר וועלכע ער זאָרגט גלייך ווי פאר אונז, שרייב איך צו זיי אַ בריוו דורך אים:

„שוועסטער און ברודער!

ביי אונז אין שטעטל ראדזיווילאָוו דרעען זיך אַרום צוויי מיידלעך, פאַר מיר אומבאַקאַנטע. אונזער חוב איז זיי צו העלפן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן חלילה אין די הענט פון די מערדער. זיי געפינען זיך אין אַ גרויס געפאר. מיר זיינען די איינציקע, וואָס מיר קאָנען זיי ראַטעווען. איך בין גרייט איינע פון זיי נעמען צו אונז אין בונקער, און איך גלויב, אַז איר וועט אויך געפינען אַ פאַרשטענדעניש איינע פון זיי צו ראַטעווען. אין דעם זכות וועלן מיר אלע געהאָלפן ווערן אין בלייבן לעבן".

גלייכצייטיק שרייב איך אַ בריוו דורך וואָלאָדקען צו די אומבאַקאַנטע מיידלעך:

„מיינע טייערע אומבאַקאַנטע! מיט דעם מענטשן קאָנט איר גען אָן פחד. זיין אויסזען איז אַ שלעכטער, אָבער די נשמה איז פון אַ צדיק. גאָט זאָל אים העלפן אייך בשלום דורכצופירן דעם וועג".

וואָלאָדקע קוביט האָט לאַנג נישט געוואַרט. ער איז אין דער זעלבער נאַכט אַוועק זיי צו ברענגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען בנימין לעכטמאַנס צוויי קינדער. דאָס באַגעגעניש איז געווען האַרצרייסנד מיט שטילע געוויינען. איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר איז געלונגען זיי צו ראַטעווען. די עלטערע, דבורה, איז געבליבן מיט אונז ביז צו דער באַפרייאונג, די יינגערע יפה איז פארבליבן אין צווייטן בונקער צוזאַמען מיט יצחק וויינשטיין, שמחה סימאַגראַן און הערש קיפערמאַן מיט זייערע פאַמיליעס.

וואָלאָדקע קוביט זיצט ביים ראַדיאָ און הערט מיט גרויס שפּאַנונג די לעצטע נצחונות פון די רוסן אויף די פראָנטן. ער קומט באַלד צו אונז זיך טיילן מיט זיין פרייד, אַז אינגיכן וועלן מיר באַפרייט ווערן. פלוצלינג הערן מיר פון דער ווייטנס די האַרמאַטן שאָסן, מען באָמבאַרדירט פון אַלע זייטן. די דייטשן לויפן ווי פאַרסמטע מייז פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן און שרייען: „שנעלער, שנעלער, דער רוס קומט!" אונזער רעטער וואָלאָדקע קען שוין נישט באַווייזן אַהיים צוגען, ער זיצט מיט אונז צוזאַמען און וואַרט אויפן מפּלה פון די דייטשן און אויף אונזער באַפרייאונג דורך די רוסן.

די דייטשן גיבן זייער לעצטן באַפעל, אַז אַלע גויים זאָלן פאַרלאָזן דאָס דאָרף, ווייל דאָ איז איצט די פראָנט־ליניע. דער דייטשישער שטאַב באַזעצט אונזער הויז. מיר בלייבן אין בונקער פאַרשפאַרט, נישט מעגלעך אַרויסצוגייען.

די באָמבעס פייפן איבער אונזערע קעפּ, ממש אָן ערד־ציטערניש. מיר האָבן געמיינט מיר וועלן פשוט אין בונקער לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווערן. דאָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. פון בונקער האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געקענט ארויס. מיר קאָנען נישט אויסהאַלטן פון הונגער און דורשט.

אין מיטן דער נאַכט האָט וואָלאָדקע באַשלאָסן ארויסצוגיין. אין אַ פּאָר מינוט קומט ער צוריק מיט דער גוטער בשורה, אַז די דייטשן זיינען אָפּגעטרעטן, אָבער מיר טאָרן נישט ארויס, ווייל די רוסן האָבן נאָך נישט פארנומען דאָס דאָרף. ס'איז אריבער א פּאָר טעג, האָט מען געהערט דעם רעש פון מאַשינען און טאַנקען. אויך די רוסישע שפּראַך. מיר האָבן נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק צו דער גרויסער פרייד, מיר האָבן נישט געקאָנט גלויבן, אַז מיר זיינען באַפרייט. אין דער זעלבער צייט איז אויך אונזער שטעטל ראַדזיווילאָוו באַפרייט געוואָרן. מיר געזעגענען זיך מיט אונזער בעל־הבית פון בונקער און דאַנקען אים פאַר זיין גרויסן אויפטו און מענטשלעך האַרץ, וואָס ער האָט צו אונז ארויסגעוויזן, זייענדיק ביי אים אין די שווידערלעכסטע טעג פון אונזער לעבן. מיר אַלע לעבנגעבליבענע נאָכן גרויסן חורבן לאָזן זיך גיין צו אונז אין שטעטל ראַדזיווילאָוו מיט אונזער געטרייען רעטער און וועג־ווייזער וואָלאָדקע. מיר קאָנען פריי אָטעמען, די לופט איז פאַר אונז ריין, דער הימל בלוי, די זון וואַרפט גאָלדענע שטראַלן, אַ שטיל ווינטל גלעט און טרייסט אונזערע געמיטער. ענדלעך זיינען מיר פריי! מיר דאַרפן אָנהייבן אַ ניי לעבן.

מיר קומען קיין ראַדזיווילאָוו. מיר זען די חורבות פון יידישע הייזער. נישט צו דערקענען דאָס אַמאָליקע יידישע שטעטל. די יידישע הייזער זיינען באַזעצט מיט גוישע שכנים. קיין יידישער זכר איז נישט פאַרבליבן. אַלץ איז פאַר אונז פרעמד. נישטאָ פאַר וועמען צו רעדן און צו דערציילן, נאָר אונזער רעטערס משפחה פאַרנעמט זיך מיט אונז. מיט גרויס פרייד און פאַרגעניגן נעמען זיי אונז אריין צו זיך, אַזוי ווי אייגענע שוועסטער און ברידער. וואָלאָדקע מאַכט אַ גרויסע סעודה מיט משקה, טרינקט לחיים פאַר אונזער באַפרייאונג, מיט די בעסטע ווונטשן און וויטערדיקער דערפאָלג אין לעבן. ער ווענדעט זיך צו אונז האַלטנדיק דעם כוס אין דער האַנט:

„מיינע טייערע לעבנגעבליבענע קינדער! איר ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך האָב געטאָן פאַר אייך איר זאָלט בלייבן לעבן, ניע זאַביוואַיטע וואַשעוואָ ספּאַסיטעליאַ — ווי איר זאָלט נישט זיין זאָלט איר נישט פאַרגעסן אייער רעטער וואָלאָדקע קוביט.

און אַזוי זיצנדיק ביים טיש, האָב איך זיך פאַרינטערעסירט צו וויסן איינצלהייטן פון מיינע שוועסטערס לעצטן וועג. זיי דערציילן מיר פון דעם „הייליקן" גלח לאַנגין טאַראַנאָווסקי, ווי ער האָט אין מיטן העלן טאָג אַרויסגעטריבן מיין שוועסטער סימה אוקס מיטן מאַן און קינד. דעם מאַן האָט מען געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער מיליץ, וויסנדיק, וואָס עס דערוואַרט אים. האָט ער זיך געזעגנט. סימה אוקס מיטן קינד האָבן זיי איבערגעגעבן דעם שטאָט־מערדער דעמקאָ, ער זאָל זיי הרגענען. זיי דערציילן דעם טראַגישן מאָמענט, ווי דאָס קינד ליוסיק האָט געהאַלטן אין איין שרייען מאַמעניו, מאַמעניו, פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט אונז דער טויט? טרערן שטיקן מיך, מיין האַרץ ווערט נאָך מער צעבראָכן. עס דריקט מיך אַ טעמפּער ווייטיק...

איך מאַך אַ פּאַראַלעל צווישן דעם „הייליקן איידעלעם" גלח טאַראַנאָווסקי מיטן צלם אויפן האַרץ, וואָס פּרעדיקט מאָראַל און רעליגיע מיט פּסוקים פון דער ביבל לא תרצח! וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חיה פון מענטשלעך געשטאַלט; און דעם איידעלעם פּשוטן גוי וואָלאָדקע קוביט, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אלס דער גרעסטער גנב און האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ מענטשלעך גוט האַרץ, נישט קוקנדיק אויף די סכנה וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען. איך קאָן מיר אויף דעם קיין ענטפער נישט געבן. מיין האַרץ איז צעבראָכן, די נשמה צעבלוטיקט...

אונזערע חשבונות מיט די דייטשן דאַרפן זיך קיינמאָל ניט פאַרענדיקן, ווייל די איבערגעבליבענע יידן נאָכן חורבן פון 6 מיליאָן, זענען אויך האַלב־טויטע, קראַנקע, צעבראָכענע ווי אַ בוים מיט אינטערגעהאַקטע וואָרצלען. אונזער אויפ־גאַבע איז צו באַשרייבן די טרויעריקע טראַגעדיע פון אונזער פאַרגאַנגענהייט פאַרן יונגן דור. זיי זאָלן לייענען און געדענקען, וואָס די היטלער־בעסטיע האָט געטון פאַרן יידישן פאָלק אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ביי דער געלעגנהייט פון באַשרייבן מיינע איבערלעבונגען איז ווערט צו דערמאָנען די צוויי איידעלע געשטאַלטן: דער ערשטער אַ בוכאַרער ייד אין פאָרם פון אַ רוסישן אָפיציר. דער צווייטער, אַ באַוווסטער גלח (אַ געוועזענער יידישער בחור).

נאָך דער באַפרייאונג, זייענדיק ביי אונז אין שטעטל, זיינען געקומען גויים דערציילן, אַז נישט ווייט פון ראַדזיוויל אין אַ דאָרף געפינען זיך יידישע קינדער וואָס גוטע גויים האָבן אויסבאַהאַלטן. זייענדיק פיל מיט פחד און וויסנדיק

פון די אוקראַינישע באַנדיטן, וואָס האָבן אויסגעפּירט טויט אורטיילן, צוזאַמען מיט די דייטשן, האָב איך מורא געהאַט זיך צו לאָזן אַליין אין דאָרף צו זוכן די יידישע קינדער. צופעליק האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ רוסישן אָפיציר, מיטן נאָמען רובין, וועלכער האָט געשטאַמט פון בוכאַראַ. אַ נאַציאָנאַלער ייד אין פולן זין פון וואָרט. ער האָט מיט מסירת נפש געהאָלפן אַרויסראַטעווען יידישע קינדער פון גוישע הענט. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען זיינען נישט געווען אַזוי פאַרינטערעסירט אין אַזעלכע אַקציעס. ס׳האָט געמוזט זיין אַלעס בשתיקה, אָבער די נאַציאָנאַלע געפילן זיינע האָבן אים געצוואונגען און געשטויסן דורכצופירן דאָס מיט גרויס דערפאָלג. בין איך מיט אים צוזאַמען געפאָרן אין פאַרשידענע דערפער, אָפּנעמענדיק עטלעכע יידישע קינדער ביי די גויים אָן ווידערשטאַנד.

צווישן אַנדערע איז אויך געלונגען אָפּצוראַטעווען שיינדעלע שרייער (איצט אין ישראל) און נאָך אַנדערע, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. אַזוי אַרום, זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַ סך יידישע קינדער, וואָס האָבן אפילו נישט געקענט זייערע עלטערן. איך בין נישט מסוגל אָפּצושאַצן די ווערט אין אָפּפערוויליקייט פון דעם מענטשן.

ביים פאַרלאָזן אונזער געבוירנשטאָט נאָך דער באַפרייאונג, האָט אונזער רעטער וואָלאָדקע קוביט אונז באַגלייט מיט זיין גאַנצער משפחה. ער ווינטשט אונז ערפאָלג אין ווייטערדיקן לעבן און זאָגט מיר אין דער שטיל: „זיי וויסן, אַז מיין פלימעניק סאַשאַ קוביט האָט געטאָן פאַר אייך אַ סך״. ער האָט אויך געוווסט, אַז איך באַהאַלט אויס יידן נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ ריכטער ביי די דייטשן. ער איז איצט אַוועק פון ראַדזיוויל, מורא האָבנדיק פאַר די רוסן. איך האָב צו אייך אַ ביטע: „אויב איר וועט זיך מיט אים טרעפן און אויב ער וועט זיך נויטיקן אין אייער הילף, העלפט אים מיט וואָס איז נאָר מעגלעך״.

זיין ביטע איז אין קורצן דערפילט געוואָרן.

וואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט זיינען מיר געקומען קיין קראָקע און זיך באַזעצט אין אַ טראַנזיט־לאַגער, ווו מיר האָבן געלעבט אין זייער שלעכטע באַדינגונגען. אויפן צווייטן טאָג עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין אומגעריכט סאַשאַ קוביט. איך בין געוואָרן איבערראַשט פון זיין פלוצלינגן באַזוך. ער זעט נישט אויס איצט דער דייטשישער ריכטער מיטן שטאָלץ, ער איז נעבעכדיק, מיט אויגן וואָס בעטן רחמנות. ער איז אומרואיק און דערשראָקן.

ער רעדט נאָר אַ פּאָר געציילטע ווערטער: „דיין חוב שיינדעלע איז מיך איצט צו ראַטעווען".

איך בעט אים זיצן און דערציילן, וואָס ס'איז געשען. ער דערציילט מיר אין קורצן ביז זיין קומען אַהער און בעט מיך אים צוהעלפן צו פאַרלאָזן קראָקע.

די נייעס האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אין לאַגער, אַז סאַשאַ קוביט, דער געוועזענער דייטשישער ריכטער, געפינט זיך דאָ צווישן זיינע פאַרפאָלגטע. אַ סך זיינען געווען דערפאַר, מען זאָל אים איבערגעבן דער פּאָליציי. נישט אַלע האָבן געוווסט זיין אמתע פאַרגאַנגענהייט. איך פון מיין זייט, האָב אים צוגעזאָגט צו העלפן. זיין פאַרלאַנג איז געווען צו פאָרן קיין טשעכן. כ'האָב זיך באַלד דערוווסט צווישן יידן, אַז דאָ געפינט זיך אַ באַוווסטער גלח (אַ געוועזענער ייד), וואָס העלפט יעדן וואָס נויטיקט זיך. איך ווענדע זיך צו אים פּערזענלעך. ער נעמט מיך אויף זייער גוט, פרעגט מיך אויס אלע איינצלהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין באַזוך. איך דערצייל אים אלעס, נאָר מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. ער זאָגט מיר צו צו מאַכן די נויטיקע פּאַפּירן ווי אמשנעלסטן. אין קורצן באַגלייט איך סאַשאַ קוביט צו דער באַן. ער געזעגנט זיך האַרציק מיט די בעסטע דאַנקן אָפּשאַצנדיק מיין הילף, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

איך וועל אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס כ'האָב געזען פאַר מיינע אויגן, זייענדיק אין בראָדי, ביי מיינע קרובים, פאַמיליע טיגער פון דער לעשנעווער גאַס, אין דער צייט פון געטאָ. זיצנדיק אין שטוב פאַרטיפט אין אייגענע צרות מיט אומרואיקע געדאַנקען פון מיינע איבערלעבונגען, האָט פּלוצלינג אַ געזאַנג צעשטערט מיינע שלעכטע מחשבות. איך הער אַ קול פון א באַקאַנטע שטימע:

> שפּיל ציגיינער אויף דיין פידל.
> נאָך אַמאָל דאָס טרויעריק לידל.

ס'געט מיר דורך אַ שוידער אין אַלע גלידער. איך עפן שנעל די טיר און בלייב שטען אָן לשון: איך דערזע אונזער אברהם גרויסמאן אלס בעטלער. איך זע אַן אויסגעדארטן נישט־מענטשלעכן געשטאַלט מיט אַ אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס בעט נדבות. די אַמאָליקע רויטע באַקן האָבן אַ מעל־קאָליר. אין די פאַרנעפּלטע בלויע אויגן קוקן אומרואיק. אָבער דער קלאַנג פון זיין שטים דערמאָנט מיך מיין שול חבר. ער דערזעט מיך און לאָזט אַרויס אַ ביטער געוויין

און זאָגט צו מיר מיט אַ געבראָכענער שטימע: „שיינדעלע, כ׳האָב נישט קיין ברירה, אנדערש וועל איך אונטערגעהן״. איך בעט אים מיט טרערן אין די אויגן: „אברהם זינג נישט! דיין ליד שניידט מיין האַרץ און רירט אויף מיינע נישט פארהיילטע ווונדן״. ער שטעט נעבעכדיק פארלוירן מיט ציטערנדיקע ליפן און שווייגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. איך בעט אים אַריין אין שטוב, גיב אים עסן. מיר רעדן פארשידנס אוןביידע זיינען צופרידן פון דער טרויעריקער באַגעגעניש, אָבער ער קאָן מיר נישט צוזאָגן, אַז ער וועט מער נישט זינגען. זיינע ווערטער קלינגען מיר נאָך איצט אין די אויערן: „דאָס איז מיין פרנסה, איך טאָר זיך נישט אליין ליקווידירן. דעם גייסט און מיין שטים וועלן די רוצחים נישט אַוועק נעמען פון מיר ביזן לעצטן מאָמענט פון מיין לעבן״. דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער פארן פארלאָזן אונזער הויז.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך ווידער געהערט פון דער ווייטנס דאָס ליד:

גרינע בלעטער, גרין ווי גראָז,
זאָגזשע גאָטעניו פאַרוואָס,
אוי, אוי, פלאָגט מען אונז אַזוי.
וואָס געווען וועט מער נישט זיין,
רויט איז בלוט און רויט איז וויין,

גרינע בלעטער —
— גרינע בלעטער.

מיר די לעבנגעבליבענע נאָכן באפרייאונג האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי פרעמדע ביי אונז אין שטעטל, ווי מיר זיינען געבוירן אָן אַ גוט מאָרגן, אָן אַ צוקונפט. מיר טרעפן זיך מיט איינצלנע לעבנגעבליבענע פון גרויסע משפחות. מיר פילן, אַז מיר זיינען דאָ איבעריקע. מיר באַשליסן צו פארלאָזן דאָס שטעטל, ווייל מיר דרעען זיך אַרום צווישן וועלף, וואָס האָבן מיטלייד מיט אונז, וואָס מיר זיינען לעבנגעבליבן... מיר פאָרן ווייטער דורך פארשידענע לענדער און שטעט, ביז מיר קומען אין אונזער אויסגעבענקט לאנד, ארץ־ישראל, ווו יעדער פון אונז בויט אויף זיין היים און שאַפט זיך אַ פאַמיליע.

אויך די לעבנגעבליבענע שוועסטער לעכטמאַן זיינען גליקלעך מיט זייערע היימען און פאמיליעס, אָבער צום גרויס באדויערן איז דאָס גליק פוןביידע

שוועסטער צושטערט געוואָרן אויף אייביק. אונזער דבורה ווערט פלוצלינג קראַנק און האָט נישט קיין שום האָפענונג געזונט צו ווערן. צוויי טעג פאַרן טויט זאָגט זי צו מיר: „שיינדעלע, פון דעם דייטש האָסטו מיך געראַטעוועט, אָבער איצט קאָן מיר קיינער נישט העלפן, מיין גורל איז געחתמעט".

די קליגע גוטע דבורה איז פריצייטיק פון אונז אַוועק. מיר וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

נאָך היינט צו טאָג קומען זיך צונויף ביי מיר אין שטוב לעבנגעבליבענע שטאָטישע. מען רעדט, און מען פאַרברענגט, און מען פאַרגעסט נישט אויך זיך צו דערמאָנען און דערציילן דאָס לעבן פון אונזער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט, ווי יעדער פון אונז האָט איבערגעלאָזט זיינע טייערסטע און ליבסטע.

ערע זייער אָנדענק!

צונויפגעשטעלט: לייב אייזן

אזוי בין איך געבליבן לעבן

אין יאָר 1941, באַלד נאָכן פאַרנעמען אונזער שטעטל קאָזין, ווי איך האָב לעצטנס געוווינט, איז מיין מאַן געווען איינער פון די ערשטע אומגעקומענע קרבנות איבערלאָזנדיק מיך מיט 2 קינדער. זייענדיק אין געטאָ, אין יאָר 1942, האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ מיטגליד פון יודן ראַט, אַז דעם 6־טן דעם 10־טן מאָנאט וועט פאָרקומען די ליקווידאַציע פון קאָזינער געטאָ. איך האָב גענומען מיינע 2 קינדער און וואָס כ'האָב געקאָנט און זיך געלאָזט לויפן. ס'איז מיר געלונגען זיך דורכצורייסן דורכן טייך וואָס האָט געטיילט דעם געטאָ. איך בין אַוועק אין דאָרף איוואַשטשוקעס. דאָרט האָט מיך אַריינגענומען אַ גוי, וועלכער האָט מיך געהאַלטן 2 וואָכן. נאָכן אַוועקנעמען פון מיר וואָס כ'האָב פאַרמאָגט, האָט ער מיך מיט געוואַלט אַרויסגעטריבן זאָגנדיק: „אלס איינס וועט מען אייך הרגנען, דאַרפסט שוין גאָרנישט".

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף מיט די 2 קינדער זוכנדיק אַז עמיצער זאָל רחמנות האָבן און מיר געבן אַ באַהעלטעניש, אָבער אָן רעזולטאַטן. איך האָב אָנגעהויבן קעמפן פאַר וויטערדיקער עקזיסטענץ אויס־באַהאַלטנדיק זיך ביי טאָג און ביינאַכט אין די גוישע פערד־שטאַלן, ס'זאָל חלילה נישט באַמערקן קיין מענטשלעך אויג.

זייענדיק אין דאָרף סאפיובקה און אַריינקומענדיק ביינאַכט צו אַ גוי בעטן ברויט, האָט מיך פארבאהאלטן אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט, וואָס איז צופעליק געווען דאָרט אין שטוב. ער זאָגט מיר באלד: „פון מיינע הענט וועסטו נישט אַרויס אַלעבעדיקע!" מיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען און בעטן. דער באַנדיט קריגט רחמנות און הייסט אונז לויפן. מיר זענען געלאָפן אָן אָטעם, מיינענדיק, אַז מען וועט אונז נאָך שיסן, אָבער צום שלימזל האָבן מיר געהאט מזל זיך נאָך צו מוטשען, וואנדערנדיק ביז שפּעט אינדערנאַכט פינסטערניש. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ שטאַל פון אַ געוויסן טשעך מיטן נאָמען הולמאר, וועלכע די גוים האָבן גערופן דער „יידישער ראַבין" (זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן), ווייל אַדאַנק דעם טשעך בין איך לעבן געבליבן, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט און קיין שום מיטלען אים צו באַצאָלן.

איך וויל אויך דערמאָנען די איידעלע פרוי העלענא, וועלכע איז געוועזן ווי אַ מוטער צו מיר, אָפּגעקאָכט עסן און אפילו מיך אַרום וואשן פון צייט צו צייט. זי פלעגט מיטפילן מיין וויטיק, מיך בארואיקן און געבן האָפענונג. ס'איז מיר שווער צו געדענקען די אלע איבערלעבענישן, אָבער דאָך וויל איך ווייטער דערציילן:

ביינאַכט האָב איך געמוזט אריבער גיין אין אַ צווייטער טשעכישער קאָלאָניע סטיסקאלובקה. דאָרט בין איך געזעסן אַ קורצע צייט ביי אַ געוויסן טשעך אונזאַ, אַן אָרעמער גוי, וואָס איך האָב געמוזט בעטלען פאר אים. אַדאַנק דעם האָט ער מיך געהאלטן. דאָס איז געווען ביזן יאָר 1942.

אין יאָר 1943 האָבן מיר זיך שוין נישט געהאט וווּ צו באַהאַלטן, דאַן זענען מיר אַרויף אויף דער סמאָליארסניע. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע קעלט, מיר זענען געווען מיד און צעבראָכן. האָבן מיר איינגעשטעלט דאָס לעבן און אַריין צו א טשעך אין שטוב. דערזעענדיק אונז, האָט ער באַלד געהייסן פארלאָזן זיין שטוב. זיין איידעלע פרוי, מאניא בלעך, זעענדיק אונזער לאגע, האָט זי זיך איינגעשטעלט פאַר אונז, זאָגנדיק צו איר מאַן: „אויב דו וועסט אַרויסטרייבן די פרוי מיט די קינדער, וועסטו נאָך קומען אויף זייער שטאַנד". דער גוי האָט געשוויגן און מיר זענען דאָרט געבליבן.

אין דעם יאָר איז אומגעקומען מיין קלענערער, 6 יאָריקער זון יעקב, דורך די אוקראַינישע באַנדיטן.

נאָך ווייטערדיקע וואנדערונגען און איבערלעבונגען, הונגער און נויט, צעבראָכן אין גאנצן, נאָך מיין זונס טויט, איז מיר שוין געווען אלס־איינס

צו לעבן, צו שטאַרבן. דאָך האָט דער שיקזאל געוואָלט, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן און דערציילן דאָס וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן.

אָנהויב 1944, האָבן מיר פלוצלינג געהערט שרעקלעכע שיסערייען. מיט גרויס שרעק האָבן מיר דערזען דורך די פענסטער די רוסישע „ראַזוועדקע". איינער האָט זיך געווענדעט אויף רוסיש, פרעגנדיק צי ס'געפינען זיך אַסאַך דייטשן אין דאָרף? פון גרויס איבערראשונג האָב איך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. מיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד, אָבער מיין פרייד איז געווען אויסגעמישט מיט מיין גרויסן טרויער, וואָס מיין צווייטער 9־יאָריקער זון הערשעלע איז אומגעקומען פאר דער באַפרייאונג און נישט געהאט די זכיה זיך צו פרייען נאָך אַזאַ שווער איבערלעבעניש. נאָך אַ שעה צייט איז דאָס דאָרף באַפרייט געוואָרן מיט אונז צוזאַמען. מיר האָבן באַקומען אַ וואָרענונג דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי צו פארלאָזן דאָס דאָרף, כדי מיר זאָלן נישט פאלן קיין קרבנות דורך די בענדעראָוועצעס. דאַן בין איך איינזאַם אַליין אַוועק קיין דובנאָ. אויפן וועג האָב איך געטראָפן שיינדל אוקס. מיר האָבן זיך געפרייט מיסטיינסגעזאָגט און געוויינט... איך האָב געטראָפן נאָך ראדזיווילאָבער. יעדער האָט געהאט צו דערציילן זיינע איבערלעבענישן.

דאָך איז דאָס לעבן שטארקער ווי דער טויט. מיר געפינען זיך איצט אין אונזער אייגן לאַנד, קומען זיך צונויף פון צייט־צו־צייט מיט אונזערע לעבנגעבלי־בענע שטאָטישע און פארגעסן נישט צו דערמאָנען די שרעקלעכע איבערלעבענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מיר האָבן אָנגעווווירן אַ דריטל פון אונזער פאָלק. אלע אונזערע דערציילונגען זאָל דינען ווי אַ מצבה פאר אונזערע טייערסטע און ליבסטע וואָס זענען אומגעקומען אָן אַ פארוואָס.

איבערגענומען פון אטיה אלבערט (זלאָטניק) : לייב אייזן



שרידים מראדזיוויל במחנה לונץ, 1947
יושבים (מימין לשמאל) : איטה גון, דוד בלבן, יוסל רויזמן, גוטמן־קיסיס
עומדים : שיינדל אוקס, יאנקל פאריצקי, זינה אוקס, לאה חאראש, בוריאַ הופמן, זלדה חאראש

ז כ ר ו נ ם   ל ב ר כ ה

מיין מוטער — פייגע דאניוק, אומגעקומען אין ראדזיווילער געטאָ כ״ה תשרי 1942; אונזערע עלטערן — שמואל און פייגע שפיצלוז, אומגעקומען אין ראדזיוויל, י׳ חשוון 1942; אונזער באָבע — אסתר דאניוק, אומגעקומען י״א סיוון אין ראדזיווילער געטאָ, 1942; אונזער מומע — זיסל דאניוק, אומגעקומען י״א סיוון 1942 אין ראדזיווילער געטאָ; אונזערע פעטערס און מומעס — זלמן און קלארטשע און זייער זון קאראל דאניוק, אין 1942; משה און גוסטע דאניוק, מיט זייערע קינדער, אומגעקומען אין לעמבערג אין 1942.

ת נ צ ב ה

דאס לעבן איז שטארקער פון טויט

איבערלעבונגען פון דער היטלער-תקופה ביז מאי 1945

באשריבן דורך יעקב און בת-שבע דאניוק (קליוולאנד)

ראדזיוויל איז געווען אַנדערש ווי אַנדערע שטעטלעך אין אוקראינע. דער אויסזען, נישט אזוי ענג פארבויט. איין שטוב צו דער צווייטער האָט געהאַט א סך פלאַץ. די וועגן זיינען געווען ברייטער און געהאָט א מער שטאָטישן אויסזען. די עקאָנאָמישע לאגע איז געווען א בעסערע. די מילן האָבן צוגעצויגן א סך פויערים, ווי אויך קליינע סוחרים צו ברענגען זייער תבואה קיין ראדזיוויל, ווו זיי האָבן באַקומען א העכערן פרייז. זיי האָבן ממילא אויך געקויפט דאָ זייערע פארברויך-ארטיקלען, ווי מאַנופאקטור, אייזן און אַנדערע זאכן. א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג האָט זיך דערפון מפרנס געווען. די מילן און די מצה-בעקערייען האָבן באַשעפטיקט א גרויסע צאָל יידישע ארבעטער.

דאָס יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן האָט זיך אביסל אונטערשידן פון אַנדערע ארומיקע שטעטלעך. אויף דער מזרח-אייראפעאישער רוחניות האָט זיך געפילט די השפעה פון דער מערב-אייראפעאישער קולטור. דאָס האָט זיך אפשר גענומען דערפון, וואס ראדזיוויל איז געאָגראפיש געווען נאָענט צו דער גרענעץ פון בראדי. א טייל איינוווינער פון שטאָט האָבן פריער געוווינט אדער שטודירט אין עסטרייך. די שטאָט איז געווען געבענטשט מיט א יידישער באפעלקערונג פון 3.500—4.000 נפשות. עס איז געווען א יידישע קהילה, פון וועלכער דער לעצטער פרעזידענט איז געווען ר׳ הלל פאדים. א טייל פון דער יוגנט האָט באקומען די בילדונג אין דער גימנאַזיע פון בראדי, לעמבערג א. אַנד. עס האָט געברויזט א יידיש לעבן ביז דער מלחמה, סעפטעמבער, 1939.

ערב ראש השנה 1939 האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטש-פוילישער קריג. דעם ערשטן טאָג ראש השנה זיינען שוין געפאלן דייטשע באָמבעס איבער ראדזיוויל. דער ערשטער קרבן איז געווען ר׳ מיכל קורין. גייענדיק פון שול האָט אים געטראפן א טייל פון א באָמבע. יידן פון גאליציע האָבן זיך געלאָזט לויפן אויף מזרח, ווער צופוס, ווער מיט פערד און וואָגן. אַ טייל פון זיי איז פארבליבן אין ראדזיוויל.

אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך אָפגעשטעלט די שיסעריי פון די דייטשן. די רויטע ארמיי האָט אָקופירט די טייל פון מערב אוקראינע, נאָך דעם דייטש-רוסישן אָפמאַך. יידן האָבן פרייער אָפגעאָטעמט און געהאָפט, אז א נייע ערע וועט קומען. די אנטוישונג איז געקומען. מענטשן איז שווער געווען זיך צופאסן צו דער כאַאָטישער ארדענונג. האַנדלען, פארמיטלען איז געווען א פארברעכן קעגן סאוויעטישן געזעץ. די ארבעטער האָבן פאר זייער לוין קיין פרנסה נישט געהאָט. אין די מלוכה-געשעפטן האָט מען גאָרנישט געקענט קויפן און אויפן שווארצן מאַרק איז אלץ געווען צו טייער. נאָך א קורצער צייט האָט מען ארעסטירט אייניקע באַלעבאַטים פון די מילן און זייערע משפחות ארויסגעשיקט קיין סיביר. די ארעסטירטע ישראל בלבן, ר׳ יהושע אלבערשטאט, שלמה וואסער, די ברידער-מילדער, יאנקעלע בוים פון טאַרטאַק, ניסל בוקשטיין, מענדל מוטשניק, וואווע בערגער. מען האָט מער קיינמאָל פון זיי נישט געהערט. די אוממענטשלעכע האַנדלונג מיט זייערע משפחות, דאָס ארויסנעמען זיי פון שטוב אין א קאלטער ווינטער-נאַכט אָן שום פארויסיקער מעלדונג. מען האָט זיי אריינגעזעצט אין קאַלטע אומבאַהייצטע פראכט-וואגאנעס און אַוועקגעשיקט קיין סיביר. דאָס האָט אָנגעווארפן אויף אלעמען א שטארקן פחד. מען איז ניט געווען זיכער, וואס מיט א יעדן איינעם קען געשען. אגב, האָבן דאָס רוב פון די משפחות איבערגעלעבט דעם קריג און געקומען צוריק. אויך די פליטים, וועלכע זיינען געווען פון גאַליציע, דייטשלאנד, עסטרייך זיינען ארויסגעשיקט געווארן קיין סיביר. פיל יוגנטלעכע זיינען מאָביליזירט געווארן אין די ארבעטס-בריגאַדעס. זיי זיינען ארויסגעשיקט געווארן אין רוסלאנד, דאנבאס און אין אנדערע געגנטן. אויך אין דעם פאַל האָט אַ גרויסער טייל איבערגעלעבט

דעם קריג. די טראַגעדיע פון צעשיידן קינדער פון עלטערן און מענער פון זייערע משפחות איז געווען זייער גרויס.

די אמתע טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דייטש-רוסישער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 22-טן יוני 1941. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די רוסישע טעריטאָריע און די דייטשע אַרמיי האָט אָן שום שוועריקייטן אָפּגעהאַלטן נצחונות. די רויטע אַרמיי האָט ארומגעכאַפּט אַ פּאַניק, איבערלאָזנדיק זייערע שווערע טאַנקען אויף די וועגן, צעלויפנדיק זיך. אַ טייל רויטע אַרמייער האָבן פאַרראַטן און זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן מיט זייער אַמוניציע.

איך בין געווען מאָביליזירט דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה און ביז מען האָט צונויפגענומען בערך 400 רעקרוטן, האָט מען אונז געפירט צופוס קיין דובנא. מיר האָבן פאַרלאָזט ראַדזיוויל 12 ביינאַכט. פיל אוקראַינער רעקרוטן האָבן שוין געוווסט, אַז דער וועג ביי קוזין איז איבערגעשניטן דורך דער דייטשער אַרמיי און 6 פרי, דעם 23-טן יוני, האָבן מיר אויף דעם צעשייד-וועג ביי קוזין געטראָפן דייטשן, וועלכע האָבן אונז מיט זייער אַרטילעריע געצוווּנגען צו גיין צוריק. טויזנטער רויט-אַרמייער זיינען געשטאַנען גרייטע פרייוויליקע זיך איבערצוגעבן צו די דייטשן.

די אוקראַינישע רעקרוטן ווייזן שוין אַרויס זייער פּאַטריאָטיזם צו די דייטשן מיט זידלען די יידן. די עטלעכע יידן צעגייען זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען, קריכנדיק אויף אַלע פיר, בכדי ניט צו ווערן געטראָפן פון די קוילן פון די נידעריק פליענדיקע דייטשע עראָפּלאַנען.

אין מיטן דער נאַכט בין איך צוריק אַריינגעקומען קיין ראַדזיוויל און זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין מאַמעס הויז, אויף ליפּאָווער גאַס, ווו די רוסישע טאַנקען זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פאַרשטעלנדיק די וועגן, ניט קענענדיק זיך רירן... נאָך עטלעכע טעג האָבן די דייטשן אַריינגעשפּאַצירט פריילעך, מונטער, אָן שום ווידערשטאַנד.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען אַרויסגעפירט די ערשטע 27 יידן אויף דעם וועג קיין בראָד. דאָרט אין אַ וועלדל האָבן די יידן אויסגעגראָבן אַ גרוב און זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אין גרוב. צווישן זיי זיינען געווען וועלוול זילבערמאַן, אסתר גרויסמאַן, שפּיזל, לעוויטאַן, ליאָווי קרעמער, חאַמוט א. אַנד. מאַטעיקאַ (אַ ראַדזיווילער פאָלקס-דויטש, וועלכער איז געוואָרן ראש העיר) האָט מיט אַ צעטל פון פאַרמעגלעכע יידן געפירט די מערדער, בכדי צו פאַרגיטיקן זיי מיטן יידישן רויב. ער האָט אויך מיך מזכה געווען מיט זיין וויזיט. די ערשטע פאָדערונג זייערע איז געווען, אַז איך זאָל אָפּגעבן די וואָפן. זיי האָבן זיך טאַקע גענומען זוכן וואָפן... וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע שטיקער מאַנופאַקטור, קליידער א. אַנד. ביי דער באָבען אסתר דאַניוק האָט מען געפונען מער וואָפן. זי האָט געוווינט אין דעמזעלבן הויז אין אונטערשטן שטאָק. צושטעלנדיק דעם רעוואָלווער צו איר קאָפּ, פרעגנדיק אויף גאָלד און שטיינדלעך. זי האָט זיך געבעטן „שיסט מיך ניט, איך וועל אייך ווייזן ווו עס איז". אַראָפּפירנדיק זיי אין קעלער האָט זי זיי געוויזן, ווי עס איז געווען פאַרגראָבן אירע 50 יאָר אַרבעט, אָפּגעשפּאָרטע אין גאָלד, שטיינדלעך און אַנדערע חפצים.

עס איז אַנטשטאַנען אַן אוקראַינישע פּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פון דער געסטאַפּאָ. נייע געזעצן פאַר יידן: נאָך 7 פאַרנאַכט טאָר אַ ייד ניט אַרויסגיין אויף דער גאַס. די פענצטער מוזן זיין פאַרמאַכט. אויף דער לינקער האַנט דאַרף אַ ייד טראָגן אַ מגן-דוד (דערנאָך האָט מען דאָס אויסגעטוישט אויף אַ 7-סענטימעטערדיקע געלע לאַטע אויף דעם לינקן אַקסל פון דער רעכטער זייט ברוסט). יידן ווערן גענומען צו די שמוציקסטע אַרבעטן, בתוכם די רבנים, ר׳ דודל און יוחנן. זיי ווערן מערדערלעך געשלאָגן דורך דער דייטשער פּאָליציי. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי די אוקראַינער פּאָליציי האָט ממש אַרויסגעריסן די באָרד מיט שטיקער פלייש פון די באַקן ביי אברהם מאַנציס. יידיש לעבן ווערט הפקר, שוין אָפּגערעדט זייער האָב און גוטס.

אין יולי 1942, פאַרטאָג, טרייבט די אוקראַינישע פּאָליציי אַרויס אַלע יידן אויף דעם פּלאַץ אין מאַרק אַקעגן דאַווידאָווסקי און סויבעלס מויערן. עס ווערט אַ געיאָמער, אַ געוויין. די אוקראַינער זאָגן: „איר דאַרפט נישט פאַרמאַכן אייערע וווינונגען, אָדער מיטנעמען מיט זיך זאַכן, מען גייט אייך ממילא שיסן". נאָך דעם, ווי מען האָט צונויפגעטריבן אַלע יידן אויף דעם פּלאַץ — זיינען אָנגעקומען עטלעכע דזשיפּס מיט הויכראַנגיקע דייטשע אָפיצירן, איין טאַנק און עטלעכע מאַשינען מיט פּולעמיאָטן און מאַשין-געווער. נאָכן באַטראַכטן די יידן האָט מען באַמערקט, אַז די אָפיצירן דיסקוטירן מיט דער געסטאַפּאָ. נאָך דעם האָבן זיי אָפּגעטיילט מענער פון 17 ביז 50 יאָריקע, אַרבעטס-פעאיקע פרויען באַזונדער און קינדער און עלטערע באַזונדער. אַרום דריי אַזייגער נ.מ. האָט מען צוגעטיילט צו יעדער גרופּע פאַרשיידענע אַרבעט און די רעשט געהייסן אַהיימגיין. ווער עס איז בייגעווען דעם טאָג אויף דעם פּלאַץ און איבערגעלעבט די שרעק און פּאַניק פון די נעביך הילפלאָזע יידן האָט שוין געהאַט גענוג. מען האָט באַפוילן צו אָרגאַניזירן אַ יודע-ראַט, יאַנקעלע פורמאַן, האָט אָנגענומען דעם אַמט פון פרעזידענט פון יודען-ראַט. ער האָט געשאַפן אַפילו אַ שטאַב מיט פּאָליציי א. אַנד. ממש אַ יידישע מלוכה.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער האַרמאָניזירטע אַרבעט. אַלע 5 מינוט האָט מען געשיקט פאַרשיידענע פאָדערונגען פון געסטאַפּאָ, געביטס-קאָמיסאַר, ווי קאָנטריבוציעס, וועגן צונויפנעמען דאָס גאָלד, זילבער, קופּער, פוטערס, ווי אויך וועגן אויסמעבלירן שטיבער פאַר די דייטשן און דער יודען-ראַט האָט דאָס אַלץ אויסגעפאָלגט.

ניי-יאָר 1942 האָט די אוקראַינישע פּאָליציי געפייערט סילוועסטער. פּלוצים אין מיטן דער נאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיסן אין יידישע וווינונגען. איך האָב געוווינט אין ראַטהויז מען האָט געשאָסן אויף דער וואַנט, וואָס איז גליקלעכערווייז געווען אַזוידיק, אַז קיין קויל איז ניט אַדורך. די שכורע כוליגאַנישע קולות האָבן געגרילצט אין די אויערן. צומאָרגנס האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס זיינען געווען קרבנות פון די ניי-יאָר-פייערונגען.

אַ שווערער ווינטער: קעלטן, אומבאַהייצטע וווינונגען, קראַנקהייטן, ביי פיל משפחות הונגער, שווערע אַרבעט, גזירות, קאָנטריבוציעס אויף גרויסע סומען פאַר דער געסטאַפּאָ. אייניקע יידן האָט מען אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין וויניצע אַלס סטאָליערס און עלעקטריקער. מען האָט קיינמאָל מער פון זיי ניט געהערט. נאָכן קריג איז צוריקגעקומען וואָלף קאַפּלאַן און נחמיה פורכאָווניק. חול המועד פּסח 1942 האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער גרויסער שול אויף פאַרשאַיעווער גאַס און קעגנאיבער דער קצבישער גאַס ביז ר׳ הלל פאַדימ׳ס הויז פון ביידע זייטן.

מען האָט דערלויבט אלץ מיטנעמען מיט זיך. מען האָט אפילו געראטן גארניט איבערצולאזן... אין 2 טעג ארום האָט מען ווידער באדארפט זיך איבערקלייבן. יידן זיינען געלאָפן הין און צוריק, טראגנדיק מיט זיך דאָס האָב און גוטס, וואס מ׳האָט ממילא ניט געהאָט ווו דאָס אַהינצוטאָן. 4—3 משפחות האָבן געוווינט אין איין צימער. עס איז אפילו ניט געווען גענוג פלאַץ פאַר אַלעמען זיך צו לייגן שלאָפן. מענטשן זיינען געשלאָפן אויף דער גאס. 90 גראם ברויט האָט מען צוגעטיילט יעדן יידן א טאָג. אייניקע האָבן געזוכט אין מיסט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל אָדער אנדערע שטיקלעך אָפפאַל, בכדי צו שטילן זייער הונגער. שמוץ און אומריינקייט האָט גענומען זיך פארשפרייטן צוליב דער ענגשאפט.

אין דער וואך פון ערב שבועות האָט מען ארויסגעגעבן אַ נייע גזירה. אלע ארבעטספעאיקע מענטשן דארפן ארויסנעמען פאסיר-שיינען פון די פלעצער, אין וועלכע זיי ארבעטן און זיי דארפן וווינען אין דער רעכטער זייט געטאָ מיט זייערע פרויען און קינדער, אָבער אָן די עלטערן. די אלע אַנדערע יידן דארפן וווינען אויף דער לינקער זייט פון געטאָ (די זייט פון דער גרויסער שול). א ספעציעלע וואַרענונג: ווער עס וועט נישט אויספילן פינקטלעך דעם באַפעל וועט ווערן דערשאָסן מיט זיין גאנצער משפחה. דאָ האָט זיך אנגעהויבן די טראגעדיע. נישט יעדער, וואס האָט געאַרבעט האָט געקענט באַקומען אַזאַ פאסירשיין. אַנדערע וועלכע האָבן געהאַט פאסירשיינען האָבן געמעגט אריבערפירן זייערע עלטערן אויף דער צווייטער זייט פון געטאָ. פארשטייט זיך, אז מיר האָבן ניט געוווסט די טרויעריקע רעזולטאַטן דערפון. מיר האָבן געמיינט, אז ארבעטספעאיקע זיינען מער פריווילעגירט.

איך האָב דאן געארבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער וואגן-פאבריק (וואס איז געווען קעגן די נירנבערגער געזעצן, אז א ייד זאָל ארבעטן אין א ביורא, אז מען דארף אָבער דעם גנב שניידט מען אים אראָפּ פון דער תליה). אויך איזיע רישניוווקע און יקותיאל טשערניק ע״ה האָבן געארבעט צוזאמען מיט איר. ראווינסקי, א אינזשעניער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער פאבריק. אגב אליין א פאליאק און אַן אַנטיסעמיט, האָט דערקלערט פאר אונז, אז ער איז בשעתו געווען אַן „אָוושעם אַנטיסעמיט“, אָבער צו אַזעלכע מערדערייען איז ער ווייט ניט מסכים, וואס איז אויך קעגן זיין קאטוילישן גלויבן“.

נאָך לאנגע באמיאונגען האָבן מיר ביי אים געפועלט, אז ער זאָל באַשעפטיקן יידן אלס סטעלמאכערס און קאָוואַליעס. עס איז געווען א נאַציגעזעץ, אז יידן טאָרן ניט ארבעטן אלס געזעלן (זיך לערנען א פאך) נאָר אלס פאכמענישע בעלי מלאכות. האָט מען באַדאַרפט יעדן יידן מאַכן א פאכמאן און אים צאָלן פאכמענישע שכירות, וואָס איז ווידער קעגן געזעץ, סיי פאר פארשוועגדן מלוכה-געלטער און פאר נישט געבן קיין ריכטיקע קוואליפיקאציעס און בכלל פאר אָפנאַרן דאָס דריטע רייך י״ש. דאָך האָבן מיר געפועלט ביים אינזשיניער, אז איך און איזיע רישניוווקער זאָלן אונטערשרייבן די ליסטעס כּוֹן געהאַלט. די פאראַנטווארטלעכקייט וועט אזוי ארום ממילא פאַלן אויף אונז. מיר האָבן געהאַט בערך 100 ארבעטער דארט, צווישן זיי דער רב דודל ראטענבערג און זיין ברודער יוסלה הרב יוחנן מיכל און מרדכלה לערנער רב יצחקלס בן-זקונים ווי אויך א צאָל יונגע סטודענטן. פראנציישקעוויטש י״ש האָט גאָר אַנגעקוואלן און באוווּנדערט זייערע פעאיקייטן, וואס זיי האָבן זיך אזוי שנעל אויסגעלערנט צו מאכן שפּיציעס (טיילן פון א ראד):

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אז א באזונדערע יודע-שטייער פון 20 פראצענט איז אראפגערעכנט געוואָרן פון די יידישע ארבעטער. גליקלעכערווייז (אוי ואבוי) האָבן מיר אַלע פון דער פאבריק באקומען פאסירשיינען. אָבער וואס טוט מען מיט דער מוטער ע״ה. איך האָב געוווינט מיט מיין שוועסטער און איר משפחה ביי זיעמבא, דעם קאָוואל, א קליין שטיבל פון 1 צימער, א קיך און א קעלער.

מיר זיינען געווען 9 נפשות. מיר האָבן באַשלאָסן, אז מיר וועלן אונזער מוטער אויסבאהאַלטן און נעמען אויף זיך די קאָנסעקווענצן, אויב דאָס ווערט אויפגעדעקט ווערן. אונזער מוטער האָט פראטעסטירט. זי האָט בעסער געוואלט אריבערגיין אויף יענער זייט געטאָ און נישט איינשטעלן די לעבנס פון אירע קינדער און אייניקלעך. מיר האָבן אָפגעצוימט אין קעלער א שטיקל פלאַץ און דארט אַנגעווארפן פארשיידענע זאכן, אז מען זאל נישט דערקענען דאָס באַהעלטעניש. די יודען-ראט-פאליציי האָט קאָנטראלירט. זיי האָבן אָבער גארנישט געפונען און אפשר האָבן זיי נישט געוואָלט געפינען. אזוי האָבן מיר אונזער מוטער ע״ה אָפגעראטעוועט אויף נאָך 5 חדשים ליידן אין געטאָ.

פרייטיק י״א סיוון 1942 — 2 נאָכמיטאָג האָט זיך דערהערט א רעש פון מאַשינען און תיכף שיסערייען. מען האָט ארומגערינגלט די צווייטע זייט געטאָ. די געסטאַפּאָ, די אוקראינישע פאָליציי און א בריגאדע ליטווינער, האָבן ארויסגעטריבן אלעמען פון די הייזער צום פלאַץ פון דער גרויסער שול. זיי האָבן געהייסן די מענער זיצן אויף זייערע פיס מיט די הענט אויפן הינטן. ביי יעדן קלענסטן ווידערשטאַנד איז מען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. ארום 4 אזייגער פארטאָג האָבן מיר געזען דורך די שפארונעס פון די פענצטער, ווי מען פירט די מענער ענג צוזאמען. די אוקראינער פאָליציי און די געסטאַפּאָ-לייט האָבן געשלאָגן, אז זיי זאָלן גיין שנעלער. נאָך די מענער זיינען געגאנגען די יינגערע פרויען. אַ טייל פרויען האָבן געהאלטן זייערע זויג-קינדער אויף די הענט. נאָכהער פאָרן וועגענער מיט דערשאָסענע און אויך זייערע קערפערס עלטערע מענטשן און צווישן זיי ר׳ ישראל גענדזעלמאן, וועמענס אויגן האָבן געמאכט דעם איינדרוק, אז ער קוקט און זעט נישט. ער איז שוין ווייזט אויס געווען אָן באוווּסטזיין. אויך די פרוי זאקס פון ליפאָווע גאַס דאָס זעלבע. אליעזר שוחטס א מיידעלע, אפשר פון 5 יאָר, מיט א שיין געקרייזלט קעפעלע און שווארצע אויגעלעך איז ארויס פון דער ריי און זיך אוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פון יצחק קריפס שטוב. אַן אוקראינער פאליציאַנט גיט איר א קאָפּ מיטן פוס און באפעלט זי זיך אויפצוהויבן, אָבער דאס קינד רירט זיך נישט. א געסטאַפּאָ-מאַן קומט צו און שטעלט אָן די ביקס. דאָס קינד הייבט אויף דאָס קעפל און קוקט אויף דער ביקס. ער באפעלט דעם קינד זיך אויפצוהויבן. דאָס קינד רירט זיך נישט. ער שיסט אויס. דאָס קעפל פון קינד לאָזט זיך אראָפּ. 2 אוקראינער, די בעלי-עגלות נעמען אָן דאָס קינד, איינער ביי א פיסל און דער צווייטער ביי די האָר און ווארפן זי ארויף אויף א וואגן מיט דערשאָסענע קרבנות מיט עלטערע נאָך לעבעדיקע מענטשן. א פרוי רוקט זי דאָפּ און רוקט צו דאָס קערפערל צו זיך...

דאָס זיינען בילדער, וועלכע מען קען קיינמאָל נישט פארגעסן, באזונדערס ווען איך זע, ווי גליקלעכע קינדער שפילן זיך אויף שפיל-פלעצער, זע איך אויך די יידישע קינדער-טראגעדיע און די נאַצירציחות מיט דעם גרויל-בילד פון לייזער שוחטס מיידעלע.

ארום 5 פארטאָג האָט מען באַפוילן די יידן פון דער געבליבענער געטאָ ארויסצושיקן ארבעטער, בכדי אָפצוריייניקן די געטאָ און צונויפטראגן די זאכן, וואס זיינען דארט פארבליבן אין דעם הויף פון שול-פלאץ. בערג שיך, קליידער און אנדערע זאכן זיינען צונויפגענומען געווארן און נאָך די אונטער-זוכונגען אין די קנאפל פון די שיך איז אין די זוימען פון די קליידער און אין אַנדערע חפצים איז דאָס אַלץ אָנגעלאָדן געווארן אויף מאַשינען און אָוועקגעפירט געווארן. טויטע קערפערס זיינען גע-פונען געווארן אין פארשיידענע פונקטן, טליתים, תפילין, ספרים, א געמיש פון פעדערן און בלוט האָבן זיך געוואלגערט אומעטום.

א שטיק פלאץ איז אָפגעריייניקט געווארן און ביי טישן געדעקטע מיט ווייסע טישטוכער האָבן די רוצ-חים געשיכורט און געפרעסן. די גלחטע האָט די רוצחים געבראַכט בוקעטן בלומען, בכדי אויסצודריקן זיי די אָנערקענונג פאר דער גוטער ארבעט, וואס זיי האָבן דורכגעפירט.

שאָטנס פון מענטשן זיינען געבליבן אין צווייטן טייל פון געטאָ. מען קען נישט רעדן, מען קען גאר-נישט טאָן ,דער מוח איז פארטעמפּט ביי יעדן. איי-ניקע ווערן נישט נאָרמאַל (קרעפליקס עלטערער זון א. אנד.). קינדער פאַלן אויך אריין אין א נישט-נאָרמאלן צושטאַנד. די גאנצע געטאָ זאגט קדיש אין הויף פון דער קצבישער שול. אייניקע פילן דווקא פארקערט פון אל תתגדל ואל תתקדש !

די געסטאַפּאָ שיקט צעטעלעך און פאדערט אזויפיל און אזויפיל שטיק „יודע ארבעטער“, וואס דער יודען-ראט שטעלט צו, נעמענדיק אפילו די, וועלכע האָבן בייטאָג געאַרבעט. מען שיקט זיי נאָכאַמאָל אויף נאַכט-ארבעט.

מענטשן חלשן פון הונגער, מען ווערט גלייכגיל-טיק צו קעמפן פאר עקזיסטענץ און פאר זייער לעבן. מיר דערוויסן זיך, אז אויך אין די ארומיקע שטעט-האָט מען דאס זעלבע געטאָן מיט די יידן. אומגעפער א העלפט פון דער באַפעלקערונג האָט מען אויסגע-שאָסן. א יינגל יעקב שווארץ האָט צוגעזען די שחי-טה אין דובנא. ער איז אַנטלאָפן מיט א דורכגעשאָ-סענעם אקסל.

ער האָט דערציילט, אז ביים אויסשטעלן די יידן ביי די אָפענע קברים, האָט דער דובנער רב גע-בעטן, אז מען זאָל אים דערלויבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער צו די יידן. ער האָט געזאָגט, אז ער זעט: „די הימלען לײַדיק, אז ער האָט אויף זיין געוויסן, וואס ער האָט געגלויבט און האָט יידן געמאכט גלויבן אין אָן אל מלא רחום וחנון, אז מען האָט געדארפט לערנען תכסיסי מלחמה און צו הרגענען די מערדער אַזוי ווי זיי הרגענען אונז“ צום סוף האָט ער זיך גע-וואָנדן צו די מערדער און זיי געזאָגט, אז זייער מפלה איז א זיכערע ! זיי האָבן אים צעשאָסן אויף שטיקלעך.

אין אויגוסט 1942 בין איך און דער אינזשיניער ראווינסקי ארויסגערופן געווארן קיין דובנא צום גע-ביטס-קאָמיסאר, בכדי צו איבערגעבן א באריכט פון דער פראדוקציע ון די וואגן-פאבריקן. זיצנדיק אין וואַרטע-צימער פרעגט מיך דער אינזשיניער, צי עס וואלט נישט געווען כדאי, אז איך זאָל אראָפּנעמען די געלע לאַטע. איך האָב אראָפּגענומען די געלע לאַטע פון מיין אויבער-מאַנטל און זי אָנגעטאָן אויף מיין רעקל און אָנגעטאָן דעם מאַנטל אָן דער לאַטע פון אויבן. עס האָט אונז אויפגענומען א געוויסער קאופמאן, א פאלקס-דויטש, א געבוירענער אין דוב-נא. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון געביטס-קאָ-מיסאר און איז געווען באַוווסט מיט זיינע רציחות אויף יידן. דער אינזשיניער איז צוגעגאנגען צו אים און דערלאנגט אים די האנט. איך האָב זיך אָפּגע-האַלטן פון צוגיין נאָענט צו אים. ער האָט א קוק געגעבן אויף מיר און געזאָגט: „איך האָב געמיינט, אז דו האָסט א פארפלוכטן יודע אלס א בוכהאַלטער“. הערנדיק דאָס האָב איך אראָפּגעצויגן דעם מאנטל און בין געבליבן מיט דער געלער לאַטע. ער האָט געעפנט דעם טיש-קעסטל און ארויסגענומען דעם רעוואלווער און צילנדיק אין מיר, געפרעגט: „ווער האָט דיר פארפלוכטער יודע דערלויבט צו ענדערן די נערענבערגער געזעצן?“ ער האָט צוגעגעבן, אַז ער וויל נישט דאָס צימער פארשמוצן מיט היניטיש בלוט, אנישט וואלט איך דיך ווי א הונט דערשאָסן.

אָפּנעמענדיק דעם באריכט האָט ער זיך אַלץ גע-ווענדעט צום אינזשיניער. צום סוף האָט ער אים גע-פרעגט, וויפל צייט עס וועט נעמען צוצוגרייטן צוויי בוכהאַלטערס אויף מיין פלאץ. איך האָב גע-ענטפערט, אז עס איז אָפּהענגיק פון די פעאיקייטן פון די מענטשן. ער גיט מיר דערויף 2 חדשים צייט און באַפעלט דעם אינזשיניער אריינצונעמען צומאָרגנס צוויי נישט יידן, אז איך זאָל זיי לערנען צו פירן און איבערנעמען די בוכהאלטעריע. דאָס איז געווען מאָנטיק. מיטוואָך איז דער זעלבער קאופ-מאַן י״ש געקומען אין רודניע פאטשאיעוועץ, ווו עס איז געווען א טארטאַק, אין וועלכן עס האָט אויך געארבעט א יונגער ייד אלס א בוכהאלטער און גערעדט א פלייסיקן דייטש. נאָכ א געוויסער צייט פון פארברענגען צוזאמען אין אַ זייער פריינטלעכן שמועס, האָט זיך דער יונגערמאן ארויסגעכאַפּט, אז ער איז א ייד. קאופמאן האָט ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער און אים דערשאָסן אויפן אָרט.

יידן זוכן וועגן צו אַנטלויפן פון געטאָ. טייל ווילן בעסער גיין ארבעטן צום טארף אין סעסטראטין, ביים האַקן האָלץ אין די וועלדער, ביים באַארבעטן די פעלדער, כאָטש די ארבעט ווערט באַוואכט דורך אוקראַינישע פאָליציי. דאָך זיינען דאָ בעסערע שאַנסן צו אַנטלויפן. אייניקע אנטלויפן קיין בראדי, כאָטש עס איז געווען א באוואכטע גרענעץ. אנדערע אַנט-לויפן צו באַקאַנטע פויערים, וועמען זיי האָבן פריער אַוועקגעגעבן קליידער און פארשיידענע סחורות. איי-ניקע האָבן אין די וועלדער געזוכט פלעצער אויף אויסצוגראבן סכראָנעס אונטער דער ערד. אייניקע האָבן באַצאָלט פויערים, אז מען זאָל זיי האַלטן אין זייערע שטאַלן אָדער שייערן. דורך די גויים דער-וויסן מיר זיך, אז אין די שכנותדיקע שטעטלעך מאַכט מען שוין „יודען-ריין“. עטלעכע מאשינען קו-מען פון לוצק נאָך וואַפנע קיין ראדזיוויל. איך בא-געגן ליאווע יוניצמאן א טרוביצער, וועלכער איז געווען אין לוצקער געטאָ. ער גיט מיר איבער א גרוס פון מיין שוועסטער און איר משפחה ווי אויך פון דער גרויסער משפחה אין לוצק. ער האָט דערציילט, אַז מען ריכט זיך אין לוצק אויף יעדער מינוט און צו דעם דארף מען די וואפנע... איך שיק מיט אים מיט א בריוו צו מיין שוועסטער.

ערב ראש השנה 1942 ווערט פלוצים דער געטאָ ארומגערינגלט דורך דער דייטשער געסטאַפּאָ. זיי גייען פון שטוב צו שטוב און ווו זיי געפינען עסנ-ווארג, קליידער. מעל, נעמען זיי צו. מען הרגעט אָבער נישט. אין עטלעכע טעג אַרום דערוויסן מיר זיך פון די גויים, אז מען גראבט נאָך גריבער אין סא-כאדאליע. די פאניק ווערט גרעסער. ווער עס קען אַנטלויפן פון געטאָ און זיך אויסבאהאלטן טוט דאָס. מענטשן פרווון אַנטלויפן קיין בראדי און וווהין עס לאזט זיך נאָר. איך רעד איין א שכן פון דער ערש-

טער געטאָ א געוויסן „קאָליע״, וועלכער איז אַמאָל געווען מיין קונה, ביי וועלכן מיר האָבן אויך געקויפט פיל יארן מילך, אז איך וועל אלעס מעגלעכעס איבערטראגן צו אים און אז ער זאָל אונז אויסבאהאלטן. נאָך 15 יידן האָבן געמאכט דאָס זעלבע געשעפט מיט אים, צווישן זיי אייזיק טרייביש, שמחה סעמיגראן, הערשל קופערמאן, הערשל קורניץ און יוסל רוזן. מיר האָבן די פרויען און קינדער איבערגעפירט באַצייטנס אין די פינצטערע נעכט. מיר זיינען נאָך געבליבן אין געטאָ. ראש השנה און יום כיפור זיינען יידן געקומען אין שול זיך אויסטענהן מיטן רבש״ע אַפילו פרומע יידן האָבן געפרעגט, פארוואס? פאר וועלכע זינד זיינען מיר אזוי אוממענטשלעך באַשטראפט געווארן? ר' יוחנן מיכל האָט געזאָגט: „כאָטש איך האָב נישט קיין תשובה, דאַך דענק איך, אז מפני חטאינו גלינו מארצנו און די שטראף איז פאר נתרחקנו מעל אדמתינו. דערפאר וואס מיר האָבן זיך נישט אומגעקערט אין אונזער לאנד!״

דער געטאָ ווערט שטרענגער באוואכט דורך דער דייטשער געסטאַפּאָ און אוקראינער פאליציי. פיל יידן קומען ניט אריין אין געטאָ נעכטיקן. אייניקע נעכטיקן אין די פוסטע וווינונגען פון ערשטן געטאָ, איך בתוכם. דעם אַנדערן טאָג, חוה״מ סוכות, האָבן מיר אייניקע גויים פון די ארבעטער געזאָגט, אז די גריבער זיינען פארטיק. אין קוזין האָט מען שוין אלע אויסגעשאָסן און מען קען זיך ריכטן אין ראדזיוויל יעדע מינוט דאס זעלבע. איך באַשליס צו אַנטלויפן. אבער ווי אזוי לאזט מען איבער מיין ליבע מוטער? מיין שוועסטער מיט די קינדער זיינען שוין אַוועק פון געטאָ. אויך מיינע שוויגער-עלטערן, פייגע און שמואל שפיצגלוז זיינען אוועק צו א גוי קיין קריפיעץ. איך בין אריין אין געטאָ. אין שטוב איז מיין מוטער ע״ה אַליין. דערזעענדיק מיך פאלט זי אַריין אין א היסטעריקע, פארוואס איך אַנטלויף ניט. איך האָב איר געזאָגט, אז איך קען זי נישט איבערלאָזן אַליין. זי שרייט, אז זי וועט נישט גיין מיט מיר, ווייל זי קען זיך נישט באוועגן. אז קיינער וועט מיך צוליב איר נישט אריינכאַפּן, אז מיר וועלן ביידע אומקומען. זי פאדערט פון מיר, אז איך זאָל אוועקגיין. איך בין צוגעפאלן צו מיין מוטער, זי געקושט און אצוגעדריקט צו זיך, אויך זי מיר. פלוצים האָט זי מיר אָפּגעשטופט פון זיך און אַנגעהויבן צו שרייען: גיי, גיי! אפשר וועט כאָטש א זכר בלייבן פון אונז, גיי! איך וויל זיך נאָך אַמאָל ארומנעמען, זי לאזט מיך אָבער נישט צו צו זיך און שרייט — גיי, גיי! און איך בין אוועקגעגאנגען.

קומענדיק צוריק אין פאבריק, האָב איך באמערקט, אַז פון אונזערע ארבעטער זיינען פיל נישטאָ. איזיע רושניוועקער האָט געווארט אויף מיר. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיר געזאָגט, אז מען מוז שוין אַוועק, ער איז געגאנגען צום גלח'ס שוואגער, א דאקטאָר (איך האָב פארגעסן זיין נאָמען). ער האָט מיר פארגעלייגט סם. מיר האָבן זיך געדריקט איינער צום צווייטן און רושניוועקער איז אוועק.

איך האָב באַשלאָסן צו ווארטן ביז עס וועט ווערן פינצטער. דער אינזשיניער איז געקומען און מיר געזאָגט, אז ער האָט ספּעציעל פריער אוועקגעשיקט די 2 גוישע העלפער מיינע, ווייל עס ווייזט אויס, אז די נאכט וועט דאָס געשען... איך בלייב אליין און עפן אויף די צוויי ברעטלעך פון דער פאָדלאָגע, ווו עס איז פון פריער צוגעגרייט געווארן א קעלער (ביי שמעון פאקטאָר אין שטוב). איך קריך אריין אינווייניק און פארדעק די ברעטלעך. איך ווארט ביז האַלבע נאַכט. איך קריך אויף אַלע פיר ביז איך קום צו צום פלאַץ, ווו מיין פרוי און קינדער געפינען זיך. עס איז נישט זיכער אריינצוגיין. עס הערן זיך שיסערייען.

פיל יידן זיינען געלאָפן אויף דעם וועג, וואס האָט געפירט דורך א הינטערשטן וועג קיין בראדי. די אוקראינער האָבן זיי נאָכגעיאגט מיט שיסערייען. איך דערווייטער זיך פון דעם פלאץ, ווו מיין פרוי און קינד און נאָך יידן זיינען געווען, בכדי נישט צו ווארפן קיין חשד אויף דעם פלאץ, טאָמער כאפט מען מיך. איך גיי צוריק, איך בין אריין אין א בית-כסא. 2 אוקראינער פאליציאנטן לייכטן אריין אין די שכנותדיקע בתי שימוש מיט זייערע לעמפלעך. זיי רעזיגנירן צו אונטערזוכן די אנדערע בתי שימוש... זיי גייען אַוועק. נאָך האלבער נאכט בין ואיך שוין געווען צוריק אויפן פלאץ, ווו עס זיינען געווען באַהאַלטן די יידן, אן ארט אָפּגעטיילט מיט ברעטער אין א שייער און פארלייגט מיט שטרוי. דאָס זעלבע אויפן בוידים-שטיבל.

די גאנצע צייט האָט מען געהערט געשרייען און שיסערייען. פארטאָג האָבן מיר דורך א שפּארונע געזען, ווי אוקראינער פאליציי פירט געכאפטע יידן, אייניקע פון זיי פארוווּנדעטע. אַט פירט מען מאיר טרייבישעס זון. ער האַלט זיין קינד אויף די הענט און פון קינדס פּנימל רינט בלוט. די מוטער גייט נאָך...

דער געטאָ איז ארומגערינגלט. מען דערציילט, אז שמחת תורה נאָך די הקפות האָבן די יידן צוגעגרייט די ספרי תורות און ווען מען איז זיי געקומען אַנלאדן אויף די מאַשינען, האָבן זיי פארברענט די הייליקע ספרים...

כ״ה תשרי 1942, דינסטיק פארטאָג, האָבן מיר געהערט שיסערייען און געוויינען. מען האָט ארויסגענומען אלע יידן פון געטאָ און זיי ארויסגעפירט אויף דעם זעלבן פלאץ סאכאדאליע און זיי אויסגעשאָסן אין די גריבער אריין.

ווי מיר האָבן אויסגערעכנט זיינען פון געטאָ אַנטלאָפן בערך 600 יידן. פון זיי זיינען לעבן געבליבן פון די, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בלויז 51 יידן. זיי זיינען באַפרייט געווארן דעם 19-טן מערץ 1944. שמחה סעמיגראן און א יונגער בחור פיק זיינען געשטאָרבן עטלעכע טעג נאָך דער באפרייאונג אין סאכאדאליע זיינען צוגעגרייט געווארן 6 גרויסע גריבער. 5 זיינען אָנגעפילט געווארן מיט קרבנות און די 6-טע איז געבליבן ליידיק. דאָס איז די גרוב, וואס איז צוגעגרייט געווארן פאר אונז.

י' חשוון האָבן מיר אין אונזער באהעלטעניש געהערט צוויי שאָסן בייטאָג. נאָך דעם האָט מיר קאָליע געזאַגט, אז פון די 2 שאָסן זיינען אומגעקומען מיינע ליבע שוויגער-עלטערן שמואל און פייגע שפיצגלוז. איך האָב געבעטן קאליען, אז ער זאָל אויסגעפינען ווו מען האָט זיי מקבר געווען. ער האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, אז וואסיל שוסטער, א שיכור האָט אראָפּגענומען פון זיי דאָס אָנטאָן און האָט זיי מקבר געווען צוזאמען אונטער מאיר טרייבישעס שטוב. דארט האָט מען שוין דערשאָסן פיל אַנדערע באהאלטענע יידן, וועלכע מען האָט אויפגעדעקט.

אין אפריל 1945, נאָך דעם ווי מיר זיינען שוין געווען רעגיסטרירט צו פאָרן קיין פוילן, האָבן מיר געפילט, אז מיר וועלן קיינמאָל נישט קענען בארויאיקן אונזער געוויסן, אויב מיר וועלן זיי נישט ברענגען צו קבר ישראל. איך און נאָך מענטשן האָבן מיר געהאָלפן גראבן, אָבער איך האָב זיי נישט געקענט געפונען. ר' יוסף רויזמאן האָט געפסקנט, אז יעדן קערפּער, וואס איך געפין זאָל איך איבערפירן אויף דעם בית עולם. אזוי האָב איך געטאָן. איך האָב אָפּגעזוכט וואסיל שוסטער, אז ער זאָל מיר אנווייזן

גענוי ווו ער האָט זיי מקבר געווען. ער איז אָבער געווען אזוי קראַנק און געשוואָלן, אז ער האָט נישט געקענט אראפּגיין פון בעט. איינמאָל איז ארויסגעקומען קאָנדראַטיעוו, דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.ג.ב. זעען, צי איך גראַב אויס גאָלד... איך האָב דערציילט, אז דאָ זוכט מען טויטע, וואָס וואסיל שוסטער האָט באגראָבן, אָבער ער איז קראַנק און קען נישט קומען. קאָנדראַטיעוו זאָגט צו מיר באַפעלעריש: „א לעבעדיקן אָדער א טויטן זאָלסטו אים נעמען, אז ער זאָל דיך ווייזן, ווו דער קבר געפינט זיך". איך האָב אזוי געטאָן און גענומען א וואָגן מיט שטרוי און אים ארויסגעטראָגן פון שטוב און געבראַכט צום פּלאַץ. ער האָט געקוקט און געקוקט און געהייסן גראָבן לעבן דעם בוים. מיר האָבן זיי געפונען אין קבר ארומגענומען „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו". איך און מיין פרוי און איר שוועסטער האָבן זיי ארויסגענומען און זיי מקבר געווען נעבן מיין זיידן אברהם דאניוק, מיין שוויגערס פאָטער גייענדיק צוריק פון בית עולם האָבן מיר געזען א גוישע לוויה. דאָס איז געווען וואסיל שוסטערס הלוויה. דער גוי, ביי וועמען האָבן זיך געזאָלט אויסבאַהאַלטן האָט אונז דערציילט, אז זיי האָבן באַשלאָסן אַליין זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די רוצחים, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט לעבן אַזאַ לעבן אַן יידן.

איך דענק, אז ווען מיר וואָלטן געווען געוווּסט פון פאַרויס, ווי שווער עס איז אויסצובאַהאַלטן זיך און דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אדורכגעמאכט, וואָלטן פיל פון אונז רעזיגנירט און וואָלטן זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוצחים. איך וויל אינקורצן דערמאָנען עטלעכע עפּיזאָדן פון אונזער אויסבאַהאַלטן זיך. זיצנדיק 19 חדשים ביי מיין בעל בית, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז פריער צי שפּעטער וועלן ער און זיין משפחה האָבן דעם זעלבן סוף ווי אונז. ער איז געווען פיל מאָל אויפגערעגט. מיר זיינען קיינמאָל נישט געווען זיכער, צי ער וועט נישט טאָן דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע אויסבאהאלטערס פון יידן און אונז איבערגעבן צו די רוצחים. עס איז געווען נישט לייכט צוצוגרייטן עסן, אפילו א מינימום פאַר 19 פּערזאָן. חוץ דעם, וואָס עס איז געווען שווער עס צו באַקומען, האָט דאָס אויך געקענט ארויסרופן א חשד. זיינען מיר טאַקע נאָך 9—8 חדשים געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. איבערצוגיין פון איין פּלאַץ איז געפערלעך. 99 פּראָצענט פון די, וואָס האָבן זיך איבערגעפירט פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן זיינען געכאַפּט געוואָרן, אויב נישט פון די דייטשן איז פון די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן מיטן נאָמען „באַנדעראָווצעס". הערשל קורניץ און יוסל רויזן זיינען טאַקע געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן מיר זיינען פאַרקראָכן אויף אונזער צווייטן פּלאַץ, נישט ווייט פון פּאַטשאַיעוו און זיך אויסבאהאלטן ביי אַן עוואַנגעליסט. די געסטאַפּאָ האָט אונז אויפגעדעקט. איך בין אַנטלאָפן. מיין פרוי האָבן זיי געכאַפּט און מיטגענומען מיט זיך. דאָס קינד פון 5 יאָר האָט זיך גליקלעכערווייז אויסבאַהאַלטן אין שטרוי. קומענדיק צוריק נאָך דער בהלה, האָט מיר דער גוי געזאָגט, אז ער האָט נישט געזען, אז זיי זאָלן מיטנעמען דאָס קינד מיט דער פרוי. ער האָט געזאָגט, אז דאָס קינד דאַרף ערגעץ זיין אויפן בוידעם. איך האָב געזוכט אויפן בוידעם אין שטרוי, איך האָב גערופן זיין נאָמען, עס איז אָבער נישט געווען קיין ענטפער. ענדלעך האָבן מיר אים געפונען אין שטרוי. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער האָט ניט געענטפערט אויף מיינע רופן, האָט ער געזאָגט, אז ער האָט מורא געהאַט, טאָמער בין איך מיט די דייטשן און זיי האָבן מיך געצווּנגען, אז איך זאָל אים אויסגעבן צו זיי... דאָס זעלבע האָב איך געדענקט, אז די פרוי וועט געצווּנגען ווערן דורך קלעפּ אויסצוגעבן אונזער באַהעלטעניש... איך האָב גענומען דאָס קינד און מיר זיינען אוועק אין וועלדל. אָבער דאָרט איז געווען געפערלעך, ווייל די באַנדעראָווצעס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן. זיי האָבן געפּלעגט הרגענען יידן לויט כמעלניצקיס שטייגער. אויסשניידן פריער די צונג און דערנאָך האָבן זיי געשניטן עבר מן החי. מיר זיינען אריין אין א סטאַדאָלע. די בעלי בתים זיינען נישט געווען. איך האָב ארויפגעשטופּט מיין קינד און דערנאָך בין איך ארויף אויף א הויכן סטויג פון תבואה. מיר זיינען געלעגן שטיל מיט אונזער פחד, דאָרשט און הונגער.

פאַרנאַכט האָבן מיר געהערט ווי די גויים רעדן צווישן זיך ,אז די דייטשן האָבן געכאַפּט א פאַלקע ביי דעם עוואַנגעליסט, וואָס פלעגט צוטראָגן אַלץ די דייטשן, וואָס ס'טוט זיך אין דאָרף און אז די פאַלקע האָט מען צוריק געזען אין דאָרף. איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויערן. אינסטינקטיוו פיל איך זיך עפּעס לייכטער, דאָך א פונק פון האָפענונג. דאָס קינד זאָגט, אז די מאַמע לעבט! שפּעט ביינאַכט גיי איך צום עוואַנגעליסט. ער זאָגט מיר, אז די פרוי איז דאָ, אז די דייטשן האָבן זי באַפרייט. זי האָט פּאָזירט אלס פּוילישע און עס איז איר געלונגען. מיר נעמען ארויס דאָס קינד און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין בערך א 5 קילאָמעטער, ווו מיין שוועסטער איז געווען אויסבאהאלטן. מיר זיינען געווען אלע צוזאמען בערך 10 חדשים פון מיט צרות, יסורים, פחד און אוממענטשלעכע איבערלעבונגען ביז דעם 19-טן מערץ 1944, ווען מיר זיינען באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

מיר האַלטן זיך נעבן דער ארמיי אויפן פראָנט, ווייל די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, די באַנדעראָווצעס, ווילן דורכאויס, אז עס זאָל נישט בלייבן קיין יידישער עדות און זיי הרגענען אויף זייער ווילדן רוצחישן אופן. מיר קומען ענדלעך קיין ראַדזיוויל. נאָך א שטורעם. א גוישע וועלט, יעדער גוי באַוואונדערט, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן. זיי קענען נישט פאַרטראָגן אפילו די שאָטנס פון די, וואָס זיינען געבליבן. דער פריער דערמאָנטער קאָנדראַטיעוו האָט געזאָגט צו הערשל קאָפמאַן: „וואָס פאַרא אידאיט האָט אייך געלאָזט איבערלעבן"? די שנאה צו די עטלעכע יידן איז א געפערלעכע, קיין טרייסט, קיין מיטגעפיל. וואָס איך האָב דאַן געפילט, איז, אז מיינע שוועגער-עלטערן האָבן ריכטיק געטאָן, איבערגעבנדיק זיך אין די הענט פון די נאַציס.

ווו ניט ווו זעט מען נאָך שמות פון יידישע ספרים, וואָס ווערן גענוצט דורך גויים פאַר פּאַפּיראָסן-פּאַפּיר. פיל גויעס טראָגן בלוזעס און קליידלעך פון טליתים, זיי זיינען אפּגעפאַרבט געוואָרן אויף שוואַרץ. דאָך דערקענט מען, אז עס איז פון טליתים, אָבער וועלכע די יידן האָבן אַמאָל געמאכט א ברכה על מצוות **ציצית להתעטף בציצית**. עס קלינגט אין מיינע אויערן: „**מה יקר חסדך אלהים, ובני אדם בצל כנפיך יחסיון: ירויון מדשן ביתך ונחל עדניך תשקם: כי עמך מקור חיים, באורך נראה אור: משוך חסדך ליודעיך וצדקתך לישרי לב**: דאָס האָבן אונזערע עלטערן געזאָגט אלע טאָג זינט דור דורות, אָנמזענדיק יעדן אינדערפרי דעם טלית אויף זייערע גופים, און דאָ אויף טמאהדיקע גופים די זעלבע טליתים און מען קען דעם טלית פון זיי נישט אראָפּנעמען! וואָס איז דאָס? איז טאַקע דער דובנער רב געווען גערעכט מיט זיין לעצטער ודוי?

די עטלעכע יידן דרייען זיך ארום ווי שאָטנס. אלע

קראנק, געשוואלן, היסטעריש און מען שטעלט זיך די פראגע: צי איז דאָס אלעס געווען כדאי?

א גויע האָט דערציילט ,אז זי האָט א יידיש מיידעלע, וואס זי וויל אונז גערן איבערגעבן. דעם אַנדערן טאָג האָט זי צו אונז געבראכט תאמוטס אן אייניקל, פון א טאָכטער וואס האָט חתונה געהאָט פאר א פאטשאיעווער מאן, רודמאַן. די גויע האָט דערציילט, אז דער פאטער האָט זיך ארומגעדרייט אין וואלד מיטן קינד און זעענדיק, ווי עס ווייזט אויס, אז זיי וועלן ביידע אומקומען, האָט ער דאָס קינד צוגעבונדן צו א בוים און איז אליין אוועק. די גויים, קומענדיק אין וואלד נאָך האָלץ, האָבן דאָסקינד מיטגענומען מיט נאָך 8 קינדער. דער פאטער איז וואַרשיינלעך אומגעבראכט געווארן דורך די באנדעראוועס.

דאָס קינד, בערך 5—6 יאר איז געווען קראנק און קרעציק. מיין פרוי האָט געמאכט אליין א שמירעכץ פון סירקע און שמאלץ און מיט דעם געשמירט און געבאָדן דאָס קינד. נאָך א לענגערער צייט איז דאָס קינד אויסגעהיילט געווארן. דאָס קינד האָט גערעדט בלויז אוקראיניש און האָט זיך געשטעלט אויף די קני און געצלמט. ווען מיר האָבן איר דאָס פארגעווארפן, האָט זי אוי פאונז געקוקט מיט פארחלומטע אויגן, וואונדערנדיק זיך, פארוואָס מיר לאָזן זי ניט זיך צלמען. מיר האָבן מיטגענומען דאָס קינד קיין קראקע, ווו עס איז געווען אין א יידישער שול ביי דער יידישער קהילה. ווען עס איז אויסגעפונען געווארן, אז דאָס קינד איז קראנק, האָט מען עס אוועקגעשיקט צוזאמען מיט נאָך קינדער קיין אָטוואצק, נישט מעלדנדיק אונז אפילו וועגן דעם. איצט איז בראָניע רודמאַן אין ישראל.

א צווייט קינד רבה גאלדשמידטס מיידעלע, בתיהלע האָט א גוי אויסבאַהאַלטן ניט ווייט פון אָרט, ווו מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן, צווישן קרעמעניץ און פאדשאיעוו. מיר האָבן געוווסט וועגן איר די גאנצע צייט. אָבער מיר האָבן נישט געקענט צוקומען צום דאַרף. אַ יאָר נאָך דער באפרייאונג זיינען נאָך געווען אזויפיל באנדעראוועס אַז די סאוויעטישע מאַכט האָט נאָך דארט נישט געהאָט קיין שליטה. א קורצע צייט איידער מיר האָבן פארלאזט ראדזיוויל, האָבן מיר אדאנק א יידישן קאפיטאַן פון דער רויטער אַרמיי, א בוכארער ייד, ראבין, וועלכער האָט אָרגאניזירט רויטע ארמייער מיט גוט באַוואפנטע מאשינען און אריין אין דארף. מען האָט אָפגענומען דאָס קינד.

אויך שיינדעלע שרייער איז אויף אזא אופן ארויסגענומען געווארן פון גוישע הענט.

דאס קינד איז געלעגן אין א קאלטער קיך אויף ברעטער מיט א ביסל שטרוי.. ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט, האָט זי שרעקלעך געוויינט. זי איז געווען דערשראקן, דערזעענדיק אזויפיל סאלדאטן. נאָכן אונטערהאנדלען מיט דער גויע, דערקלערנדיק איר, אז דאָס קינד וועלן מיר סיי-ווי מיטנעמען, צי זי וויל צי נישט, האָט זי באין ברירה מסכים געווען. איך האָב באַצאָלט א פולן פאק מיט רוסישע רובלען. דער קאַפיטאַן ראבין האָט געפאדערט, אז איך זאָל נעמען ביי אים א העלפט פון דעם געלט, בכדי ער זאָל זיין א גלייכער שותף צו דער מצווה...

איינוויקלענדיק דאָס קינד מיט מיין ווארעמען פוטער, האָב איך עס גענומען אויף מיינע הענט און צו איר געזאָגט: „קאטיע, דו וועסט זיין ביי מיר און עס וועט דיר גוט זיין“. דאָס קינד האָט מיך אָנגעהויבן צו דריקן און צו קושן, צוגעבנדיק, אז זי ווייסט, אַז זי איז א זשידחוקע, ווייל פעטיע פלעגט זי רופן „פארשיווא זשידווקא“. מיר האָבן דאָס קינד מיטגענומען קיין דייטשלאנד, פונוואנען זי איז געפארן צו איר באָבעס שוועסטער קיין אמעריקע. פון דארט איז זי עולה געווען קיין ישראל. איצט איז זי לערערין פון ענגליש אין אוניווערסיטעט אין ירושלים.

אין א ווינטערדיקן פארטאָג האָט א שייגעץ געקלאפט אין פענצטער פון אונזער שטוב. איך האָב געפרעגט, אויף אוקראיניש פארשטענדלעך, וואס ער וויל. ער רופט מיך אָן ביי מיין נאָמען און אין א צעבראכענעם יידיש דערציילט ער, אז ער איז יאסעלע, מיין מומע גאָלדעס זון, פון ראָזשישטש. אָלס 12 יאריק ייגגל איז ער אַנטלאפן פון די מערדערס הענט און איז געווען א פאסטוכל ביי טשעכן, ביי גויים, ביז מען איז באפרייט געווארן. אין לוצק האָט ער זיך דערוווסט, אז איך לעב. איז ער געקומען, נאַקעט, באָרוועס אין די גרעסטע קעלטן. איין קלייניקייט, מיין אייגענער קוזין. ער איז מיטגעפארן מיט אונז קיין פוילן. האָבנדיק צוויי שוועסטער אין ישראל, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין א יוגנט-קיבוץ און מיט דער הילף פון דער בריחה איז ער עולה געווען, איצט איז ער א גוטער חבר אין קיבוץ מגידו.

דעם 1-טן מאי 1945 האָבן מיר, די שארית הפליטה, פון ראדזיוויל, פארלאזט און אלס פוילישע בירגער ארויסגעפארן קיין פוילן, קראקע. מיר האָבן איבערגעלאָזט ראדזיוויל און אונזערע קדושים, 5 גריבער און דעם בית עלמין, אינגאנצן פאריתומט. יתומים פון יתומים האָבן מיר פארלאזט ראדזיוויל, וואס וועט קיינמאָל דורך אונז ניט פארגעסן ווערן. א יידיש לעבן האָט דאָרט עקזיסטירט אין משך פון הונדערטער יארן. א קורצער שטורעם פון עטלעכע יאר האָט א סוף געמאַכט צו דער יידישער מאָטירערגעשיכטע, פון אלץ און אלעמען, וואס הייסט יידיש לעבן.

איך וויל זיך און מיינע ראדזיווילער טרייסטן, אז מיטן אויפבוי פון אונזער לאנד ישראל זאָלן מיר געפינען אונזער נחמה.

אין 1954 כ״ז ניסן האָב איך און מיין פרוי בייגעוועזן די אימפאָזאנטע צערעמאָניע, וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך „יד ושם“ אין די הרי יהודה, ווו די ישראל-רעגירונג האָט פראקלאמירט, אז אַלע יידישע קדושים, אומגעבראכטע דורך די נאציס זיינען אָנערקענט געווארן אַלס בירגער פון ישראל. ווען די לפידים פון דער פינצטערניש פון די הרי יהודה האָבן זיך גענומען באַוועגן, האָב איך אין מיין דמיון געזען אייך טייערע ראדזיווילער נשמות זיך מעלה זיין פון דער טמאהדיקער ערד פון אוקראינע צו די הייליקע הרי יהודה צוזאמען מיט די אנדערע 6 מיליאן נשמות.



ר׳ אברהם דאַניוק און זיין משפחה ע״ה.



פייגה דאניוק
אומגעקומען אין געטאָ
כ״ה תשרי 1942



שטייענדיק פון לינקס צו רעכטס : בת־שבע שפיצגלוז (היינט דאניוק).
דאָסיאַ מעסס, פאָליא שטערנבערג, זינא ווייסבערג.
זיצנדיק : מאָסיאַ פייפעל, מעטא מעסס, ניוניע סעגאַל,

אלה אזכרה...

יעלה זכרם של אנשי עירנו, יהודי ראדזיווילוב, הקדושים והטהורים, אנשים, נשים וטף, שהומתו, נרצחו, נחנקו ונטבחו על קידוש השם בידי הנאצים הטמאים וגרוריהם ימ״ש.

יתגדל ויתקדש שמם ויהא זכרם ברוך.

אוקימן	קיילה.
אוקס	הלל, רבקה, יעקב, הינדה.
אידסיס	ביירל, רחל־לאה, ליובה, מרדכי, משה, ומרים.
אייזן	שלמה, חייקה, אסתר, חנה, זיסל, מרדכי.
אייזנגרט	ציפה, רווה, גניה.
אלברט	הרשל, ברוניה, שרה, בת־שבע, יעקב.
אלברט	אנשל, רבקה, רחל, פיבל, פייגה.
אלברט	אברהם, חוה, געבל, רחל.
אלפרין	אברהם, משה, וחנה פרל.
אלפרין	משה, סוני, ואשתו שרה (לבית ווסר).
בודקר	צילה, עם בעלה ובתה.
בוים	בוליה, פסיה, נינה, מינדל.
בוים	שאשע, סוניה, יוקה, פימה.
בוים	מישה.
בומזניק	דוד, שמחה, יצחק ומשפחותיהם.
בוקשטיין	יוסף, חיה, ניסן, רחל, יפה.
בטלין	משה ואשתו, אברהם, פייגה ומשפחותיהם.
בטלין	אהרון ומשפחתו.
ביבר	אברהם, צילה, יפה, מרדכי.
בייטש	ינטה, שלום, ראובן ומשפחותיהם.
ביניק	בתיה, ומשפחתו.
ביניק	נחמן ומשפחתו.
ביניק	מאטל ומשפחתו.
בירנברג	שמואל ואשתו יהודית (לבית לוזמן).
בלבן	יעקב, פייגה, הרשל, נוטע, סוניה, מניה, מלכה.
בלטש	לייביש ומשפחתו.
בלך	יחיאל, קלמן, ומשפחותיהם.
בלכמן	מנדל, לייזער, אמם ומשפחותיהם.

בנדר	רוזה.
בנקיר	חיה, דובה, לייב, רבקה, בילה, לאה.
בספויסניק	דוד, מאיר, יוסל, ומשפחותיהם. ובנו משה.
ברגר	בינה, גרשון, מכיל, איינך, ומשפחותיהם.
ברגר	וואלף ובנו נוטע.
ברגובסקי	ביירל, וולוול, גודל, שיינדל, שלמי, ואשתו.
ברגר	שרה, הרץ־לייב, חנה.
ברדיגר	יצחק, חנה וילדיהם.
ברוידה	גולדה, לאה.
ברונשטין	ומשפחתו.
בריזגל	יוסף ומשפחתו.
ברן	מאיר, גולדה, משה.
ברנדוויין	יוסף, באסקע, ובנם.
ברנדוויין	יחיאל ומשפחתו.
ברנש	יצחק, פייגה (לבית פלעם) עם ילדיהם.
ברנשטין	לייביש.
ברשטלר	ראצע.
ברש	שמואל, נוטע, אברהם, ריבה, מליה, מלכה, חסיה.
גוטרמן	לאון ואשתו פרדל (לבית ברשטלר).
גולדנברג	מאיר ואשתו ובתם גולדה.
גולדפרב	וואלף ומשפחתו.
גולדפרב	יחזקאל ומשפחתו.
גולדפרב	ישראל ומשפחתו.
גולדפרב	זיידה ומשפחתו.
גולדשמידט	זלמן, אשתו בלה, בנותיו אסתר ורחל.
גולדשמידט	ישראל, חוה, מרי ובנו.
גולדשמידט	משה, באסקע, צבי, רבקה, ישראל.
גורין	משה ומשפחתו.

גורמן	טוביה.
גייער	חיים ומשפחתו.
גינצבורג	מנציע, אברהם, ומשפחותיהם.
גלמן	מנדל, מניה, זינה.
גלמן	נחמן, אשתו פרדל (לבית מגיד) ילדיהם יצחק, רייזל.
גלמן	שרה, רבקה, ווסא.
גלר	בנימין ואשתו ובנם הרשל.
גקר	ישראל משה, יעקב, שמואל, פייגה, צביה, שולה.
גקר	אידה.
גרביץ	יעקב ומשפחתו.
גרובשטין	יצחק, משה־אפרים, אמם ומשפחותיהם.
גרוסמן	אברהם ואשתו ברנדל.
גרוסמן	אליעזר ומשפחתו ואחותו אסתר.
גרינבוים	נטע ומשפחתו.
גרינבוים	פייגה, ומשפחתה.
גרינבלט	מסיה ומשפחתו.
גרינבלט	משה, חנא, זיסל, ומשפחותיהם.
גרינשטין	מניחיים, ואיטה.
גרינשטין	נח, דבורה, פייגה, רבקה.
גרצברג	שמרל ומשפחתו.
גרצברג	לזר, רעיה, עדה, מאטל.
גרצנשטין	רוזה, ואחיה.
גרשגורן	מנדל, מנשה, יוסף ומשפחותיהם.
דובצק	אברהם ואשתו ובנו מוסיה.
דוברובידקר	משה, ואשתו פריידל (לבית לכטמן).
דוניוק	אברהם ומשפחתו.
דישל	משה ואשתו ואחיותיו.

הופמן	דוד, יעקב, אליעזר, פרויקה, ישראל, רייזל, ובתם ומשפחותיהם.
הופמן	הערש ומשפחתו.
הופמן	מנדל ומשפחתו.
הורנשטין	נחום ומשפחתו.
הלברשטט	יונה ואשתו.
הלברשטט	מוטיה ומשפחתו.
הלברשטט	יהושע.
המר	מיכאל, טובה.
הרמן	ענה, ובעלה.
ווסיצר	זלמן ומשפחתו.
וידרהורן	ומשפחתו.
וויינטראוב	משה, אשתו פרידה, ילדיהם זוזיה ויצחק.
וויינשטיין	שמואל, דב, אברהם, סוניה, אליעזר, מרים, רחל, אסתר.
וויינשטין	יצחק (בן־אברהם), רונית, בתיה אשת יצחק וויינשטין.
וויינשטין	אטל, מלכה.
וויינר	צסיה, חיים, משה, נוסיה,ביירל, צביה.
וויינר	יהושע ומשפחתו.
וויינר	טוביה ומשפחתו.
וויסברג	ריבה, זינה.
ווייסר	פתחיהו, ליבה, חנה, שיינדל.
וילינגר,	הילדים של משה ושרה.
ויסמן	פנחס.
וויצר	זליג ומשפחתו.
וולדמן	פייגה, שמחה, מוטל, רחל, קיילה, ומשפחותיהם.
וולדמן	יחזקאל, ינטה, פייגה, חיה.
ווליגורה	לייב ואשתו.
ווליגורה	יצחק, שלמה, ישראל, מכיל ומשפחותיהם.
ווסר	אברהם, פסיה, רחל, גולדה, יצחק, שמעון ומשפחותיהם.

וסר	שלמה, יוכבד, סוניה, דוד, חיה.
וסרמן	יצחק ומשפחתו.
ועבר	ד"ר ומשפחתו.
וקסלר	שמעון, דוד.
ורשבסקי	ועלוול ומשפחתו.
ורשבסקי	דוד ואשתו.
ורשבסקי	ישראל, איצל, יעקב, בינה.
ורשבסקי	עזריאל ומשפחתו.
ורשבסקי	משה ומשפחתו.
זולוטוב	אלתר ומשפחתו.
זוקנמכר	משה ומשפחתו.
זיידל	יצחק, יהודית, יהודה, ברכה, אליהו, משה, בלומה.
זילבר	מאיר, בתיה, וילדיהם.
זילבר	רוניה, גיטל, ומשפחתם.
זילבר	נחמן, בת־שבע, ורבקה.
זילברמן	בוריס, רעיה, יוסף.
זילברמן	ועלוול ומשפחתו.
זינגר	אליעזר ומשפחתו.
זינגר	ביירל, ומניה וילדיהם.
זינגר	מניה, שיינצי.
זמברג	רחל.
זץ	שרה־ביילה.
זץ	חיה־הינדה, פסיה, זיסל, מלכה, אסתר, מנדל ומשפחותיהם.
זץ	ראובן, לייב, ומשפחותיהם.
זץ	שמחה, שיינדל, לייב, אבא, חנה, רחל, סוסל, מניה, משה, דובה.
זקס	ויקטוריה, סאווע ואשתו.
זקס	יאשקה, ליובה, אמם (סאַניכע).
זרקר	מאלי.

חומוט	אברהם־יצחק, חצל, אליהו, אהרון ומשפחותיהם.
חומוט	יהודה־שלום, משה, יוסף, הרשל, אסתר, רחל, חיה.
חומוט	יעקב ואשתו דבורה (לבית חרש) וילדיהם.
חומוט	חיה־לאה, עם בעלה אברהם רודמן (מפוֹציוֹב).
חייט	חיה־טובה, לייב, משה, יעקב, ריבה, שרה, ומשפחותיהם.
חנוינר	לייביש, חיים, שעפסל ומשפחותיהם.
חסט	ד"ר ומשפחתו.
חרש	מרדכי, ואשתו דובה.
חרש	זלמן, אמו ואחיותיו.
טורצין	משה, חיה, לאה, יעקב, אליהו.
טייך	קלמן, ברכה, משה, רעיה, חיה, פאיה, שרה.
טישלמן	בצלאל ומשפחתו.
טנין	פאיה, שרה.
טסלר	אברהם, בניו הירש ויצחק, בנותיו אטל ולאה.
טסלר	חסיה, שמחה וילדיהם.
טסלר	משה ומשפחתו.
טסלר	שמעון ומשפחתו.
טפר	חוה, יצחק־מאיר, ביירל, ואחותם.
טרייביטש	יצחק, פייגה, מניה, גבריאל.
טרייביץ	אריה, קריסה, רבקה, יואל, טובה, לייב, גולדה.
טרייביץ	אייזיק ואשתו גניה וילדיהם.
טרייביץ	משה ודינה, גבריאל ובתם דבורה.
טרייביץ	אריה ודובה, אברהם וסערקה.
טרייביץ	מאיר ובתיה ובנם ביירל ובתם חנה.
טרייביץ	יואל, פייגה, צירל.
טרייביץ	לייב, ואשתו גולדה, ילדיהם, ההורים ביירל ורוחינקה.
טרייביץ	קיילה, רחל.
טרייגר	אברהם ומשפחתו.

טרייגר	יוסף, אשתו ובתם.
טרייגר	משה, מינצי, אברהם־לייב, מוטיל ומשפחותיהם.
יוגר	ביירל־וואלף ואשתו.
יקירה	טוביה ומשפחתו.
יקירה	אייזיק־בער ומשפחתו (רבינר).
ירוסלבסקי	פסח, שרה, גדליהו, פייגה, יהודית.
לבוב	בנציון, פרימה, דורה, מניה, שלמה.
לובר	ביירל, פייגה, טוביה, זנבל, רחל, מינצה, חיה.
לוזמן	קלמן ואשתו חנה.
לויברובסקי	עקיבא, שרה, יוסף ורחל.
לויטן	זלמן ומשפחתו.
לוסטיג	שמואל, ראציה, שלום.
לופטין	משה ומשפחתו.
ליברמן	פנחס ומשפחתו.
לידהובר	הירש ומשפחתו.
ליזק	משה ומשפחתו.
ליזק	הערש ומשפחתו.
לינדנר	אליהו ומשפחתו.
ליצמן	בייריש, שרה, שלמה־וואלף, יוסי.
לכטמן	בנימין ואשתו לאה.
לכטמן	גוטיה ואשתו, בנותיו ובתם.
לכטמן	ענציה ופרל.
למלמן	בייריש, פייגה, לאה.
לנדיס	אשר, זליג, רוחציה, אברהם, הרשל, גיטה, מלכה.
לרנר	יהודה ואשתו מלכה־לאה.
לרנר	בייריש ואשתו דייזל.
לרנר	יואל ומשפחתו.

לרנר	ישראל, בתיה, פייביש, שפרה, יהושע, זוסיה, יעקב, רחל, אלכסנדר, צזר.
לרר	אייזיק, בבציה, מלכה, בילה־ריבה.
מגיד	נחום, בתיה, ילדיהם רוזל, דוד, ולייב.
מוטשאן	יצחק ומשפחתו.
מוטשאן	סיומה ומשפחתו.
מיכל	יוחנן ומשפחתו ואמו הרבנית.
מילדר	הערש, אברהם, מאיר.
מיצניק	מנדל, אסתר, ריבה (לבית מגיד) ושלושת ילדיהם.
מיצניק	מאיר, חנה (לבית מגיד) ילדיהם דוד, ויוסי.
מיצניק	אליעזר, מכיל, ומשפחותיהם.
מלר	שמעון ובתו, יוסף, יהושע ומשפחותיהם.
מנדל	יעקב ומשפחתו.
מנדל	ישראל, פייגה, נתן, אברהם, גולדה, זלמן־הערש.
מנדלקר	אברהם, אָסיה, פרימה, שאָיע, פייגה.
מנדלקר	יוסף ושמחה.
מס	קוסטיה, גוטיה, מעטי, מולי, יוזיה, אדלה, דוסיה, אסיה.
מפשיט	יצחק, ביילה, יוסף, רוזיה, יעקב, ראובן, יוכבד.
מרגולית	פישל ומשפחתו.
מרגולץ	ד"ר ואשתו (קרמניצקה).
מרדר	שמעון ומשפחתו.
מרדר	שלמה ומשפחתו.
משורת	הערש ומשפחתו.
משורת	דוד ואשתו.
נודל	רייזל ומשפחתו.
נודלר	לייב, יצחק, ישראל, ומשפחותיהם.
נוימרק	שמואל, מכיל, ומשפחותיהם (ותנחום בנו של מכיל).

נירנברג	ביירל, רייזיה, יודל.
נרבן	פייוויש ומשפחתו.
נרבן	חיים ומשפחתו.
סאלוּפ	אברהם, מטיה, ביילה, נוסיע, וואלף, ישראל, ומשפחותיהם.
סאלוּפ	דובה.
סגל	נכה, עזריאל ומשפחותיהם.
סגל	שמואל ואשתו לאה׳קע (לבית פאלעם) וילדיהם.
סגל	וואלודיע, אשתו חוה (לבית הלברשטט) וילדיהם.
סגל	בנימין ומשפחתו.
סגל	מלכה.
סגל	עקיבא, שרה, פסיה, גודל.
סטירט	פוליה, פימה, יוסף.
סטירט	בארקע ומשפחתו.
סיגן	וולציה ואשתו ובנו חיים ומשפחתו.
סימנוביץ	אברהם בן אברהם ומשפחתו (גר צדק).
סימוגרן	מרדכי ואשתו ובנו שמחה.
סיס	זליג ומשפחתו.
סירוטה	מנדל, עזריאל, יודל, משה, קלמן, מיכל, ליבה, ריבה.
סמיטר	גולדה ואמא שלה.
סמיטר	ביילה, אטל, חייקה ומשפחותיהם.
סמיטר	יצחק ואשתו שרה, ובנו ישראל.
ספירט	זיידה, חיה, ליוסיה, מוסקי, מאיר.
ספקטור	חיים, בתיה, לייב, דוד, פנחס, אחותם ומשפחותיהם.
ספקטור	דוד, אטיה, יצחק, רבקה, אהובה.
פאלם	אליעזר, פייגה, גולדה.
פאלם	אלימלך, חיה, חנה, אברהם, אחותם ומשפחותיהם.
פודים	הלל ומשפחתו.

פודים	יוסף ואשתו.
פוטיכה	מאיר, אטל, מכלה, ומשפחותיהם.
פוטרמן	אליהו, טובה, ויעקב.
פולטורק	זכריהו, אדיל, ביירל, זאב, אברהם־לייב, טובה, יוסף.
פולטורק	יהודית, פייגה, הרשל, חיה־עלקה.
פולטורק	פיניה, חנה־קיילה, ומשפחותיהם.
פומס	וואלף, גולדה, חנה, חייקה, אהרון, הערש־לייב ומשפחותיהם.
פורוחובניק	דוד, יעקב־מאיר, אברהם, יעקב־משה, מלי, ומשפחותיהם.
פורוחובניק	יעקב־יוסי, ואשתו חנה.
פורוחובניק	נטע ומשפחתו.
פורוחובניק	לייביש ומשפחתו.
פורטר	בני, נחמה, מיכאל.
פוריצקה	פריידה, גולדה, הינדה, ביילה, וטודרס ומשפחותיהם.
פידל	אליעזר ומשפחתו.
פידל	שמואל ומשפחתו.
פיטרושקה	פאליק ומשפחתו.
פייגנבוים	נוטע ומשפחתו ואחותו פייגה וביילה.
פייגנבוים	שלמה ומשפחתו.
פילר	אשר־זליג ואשתו שרה וילדיהם.
פינקלשטין	ביירל, גיטל, מוניה.
פינקלשטין	גיטל, צבי, משה, יכיל, חיה, דודיה, משה, גיטל וישעיהו.
פייפל	הערש ומשפחתו.
פייפל	משה ומשפחתו.
פיק	משה, ליבה, דוד, ינטה, פרידה, רחל, לייב, ומשפחותיהם.
פיק	אליהו ומשפחתו.
פיש	וואלף, טובה, מניה.
פישמן	גרשון, גרינה, אברהם.
פישמן	זליג־הערש ומשפחתו (חתן לבית נח שיין).
פלדמן	שלום ומשפחתו.

פלדמן	וועלוועל ומשפחתו.
פלדמן	הערש ומשפחתו.
פלדמן	חיים, מוניה, רחל, יעקב.
פלוטקי	צבי, איטה, דב.
פליישמן	פישל ומשפחתו.
פליישמן	שמאי ומשפחתו.
פלמן	חיים נ"ה, פריידה, ביילה, יהושע, בראנציה ובנה יוסי, משה, שרה ואסתר.
פלמן	רפאל, אטי־גיטל, ברל, מאיר וחנה.
פלעם	שלום ומשפחתו.
פלעם	שמחה ומשפחתו.
פצניק	לייב ומשפחתו.
פצניק	יעקב, שמואל, שרה, מלכה, ומשפחותיהם.
פקטור	שמעון ומשפחתו.
פקטור	פישל ומשפחתו.
פריזר	יצחק ומשפחתו.
פריזר	למל ומשפחתו.
פריזר	משה ואמא שלו.
פרסמן	לייב ומשפחתו.
פרסמן	ישראל, מוניה, יעקב, הרשל, קהת.
פרשטוט	זליג ומשפחתו.
פרשטוט	רחל (שוקעוועכע).
פרשטוט	שמואל, שייבה, גיסיה.
צוקרמן	מאטיס ואשתו לאה.
ציניידר	דוד, נסיה, רבקה, חייקה, נחה, לייב, ומשפחותיהם.
צירליס	יוסף, שיינדל, מכלה, שולה.
צירליס	יעקב ומשפחתו.
צ׳רניאק	מרדכי, משה, יחזקאל, פייגה, פרידה, הינדה, ומשפחותיהם.

צ׳רניאק	יקותיאל ומשפחתו.
צ׳רקסקי	אשר ואשתו ריסיה (לבית רויזמן).
קאראולניק	יחזקאל וחנה.
קאראולניק	שמעון, רבקה, אסתר, בריינדל, יהודה.
קארנט	יוסף ומשפחתו.
קארש	יצחק־לייב ומשפחתו.
קגן	דוד ואשתו.
קגן	מנדל, שפרה, אברהם־לייב, לייזר, הרשל, שמשון, רחל ומשפחותיהם.
קוזולציק	לייביש, חיים, יצחק, אשתו ובתם.
קוטלר	אייזיק, דבורה, חיים, גבריאל.
קוטשמר	משפחה.
קוילר	יוסף ומשפחתו.
קוילר	יעקב ומשפחתו.
קויפמן	שמואל ומשפחתו.
קויפמן	אברהם ואשתו.
קולטון	באריס עם כל המשפחה.
קופרשטין	מאיר, פנחס, איטה, אסתר, רבקה, מלכה.
קורין	מיכאל, רבקה.
קורין	יצחק, ואשתו פרניה (לבית גולדגרט) ובתם ננה.
קורין	אהרון־יוסף, אשתו לולה (לבית טלר), איזיו וחיים.
קורן	יצחק ומשפחתו.
קורן	פייגה, חיים ומשפחתו.
קורניץ	אפרים ופסיה.
קורניץ	הרשל, צביה, איטה, דבורה, גיטל.
קיטס	יעקב, ברנדל, יצחק (איזי).
קיסיס	מאיר ומשפחתו.
קיפרמן	הינדה, יהודית, מניס.

קיפרמן	חיים, גרינה, סיירל, אהרון.
קליגר	יעקב, עידו, לייב, נחה.
קלצל	לייב, אולי, אמם לאה, ואחותם שרה.
קנטור	טובה.
קסלמן	הערש ומשפחתו.
קסלמן	יצחק, יוסף, מאיר, משה, רבקה, שרה, ומשפחותיהם.
קפלן	יצחק, הנה, וילדיהם אברהם וברכה.
קפלן	אייזיק ומשפחתו.
קפלן	שמעון ומשפחתו.
קראוזה	פרל, פייגה, יהודית, מוטל.
קרויזה	חוה, שלום, מרדכי, ואחותם ומשפחותיהם.
קרויט	אייזיק, טובה, רחל, קוניה, פייגה, שמחה, ומשפחותיהם.
קרויט	מאיר, רוזה, בת־שבע, ומשפחותיהם.
קרויט	בנימין ומשפחתו.
קרוכמלניק	אלי, משה, ומשפחותיהם.
קרוסמן	משה ומשפחתו.
קריגר	משה ומשפחתו.
קריגר	ביירי‏ש, זיסל, מוניה, ישראל, גיטל, לאה.
קריפס	אברהם, משה, ומשפחותיהם.
קרישטל	לייב ומשפחתו.
קרמן	חיים, אשתו ריבה, ילדיהם זלמן, גולדה, מנשה.
קרמן	מאיר, אשתו טובה, בתם אסתר־לאה.
קרמר	גולדה, ובתה קיילה.
קרמר	מיקי ואשתו ריבה.
קרמר	צביה.
קרנץ	מיציה ומשפחתו.
קרנץ	הרצל ומשפחתו.
קיפרפרד	יוסף ומשפחתו.
קיפרפרלד	אברהם, גרשון, ישעיהו, יצחק ומשפחותיהם.

קסלמן	אברהם ומשפחתו.
קרסנופולר	משה, חנה, לאה, הינדה, יצחק, לאה ומשפחותיהם.
קשקט	ישראל ואשתו.
רודמן	שמעון, פרידה, מיכאל, מרדכי, אסתר, יונה, יהודית.
רודמן	רחל, פרל, שייע.
רוזנבאום	ישראל ומשפחתו.
רוזנבאום	זיגמונד ומשפחתו.
רוזנבלום	מישה ומשפחתו.
רוזנפלד	יוסף, מלכה, שרה, בת־שבע, דינה, דבורה.
רוטנברג	דוד, הרב ואשתו וילדיו, אמו לאה, אחיו יוסף.
רוטנברג	ואחיותיו שרה וצרני.
רויזמן	אברהם, יעקב, יחזקאל, ריסיה, סויע, שייבע, רייזה, קניה, ליובה.
רויזן	יעקב, יוסף, ומשפחותיהם.
רויזן	שמעון ומשפחתו.
רוסטצר	דוד, גיטל, עדה, רוני.
רושטין	רייזל, ובנה וואלף.
רייזר	וואווע ומשפחתו.
רייף	ישראל ואשתו.
רישניבקר	ישראל, סימה (לבית אוקס) וילדיהם הלל, וגיטל.
רקוב	שמלקה ואשתו, ובנם דוד ואשתו.
שוורץ	יוסף ואשתו.
שוחט	אליעזר, יצחק, חייקה, ומשפחותיהם.
שומקר	יוסף ומשפחתו.
שומקר	אליעזר, חייקה (לבית שטיס) וילדיהם.
שוסטר	ישראל ומשפחתו.
שורצפל	ראובן ומשפחתו.
שטינברג	יעקל ואשתו.

השמטה מצערת ברשימת קדושי ראדזיווילוב

תביאות־שור בנציון, שמעון, סימה, לאה.

נא להוסיף, בעמוד 437. בית-הדפוס

מתוכן הענינים הושמטה הרשימה של יעקב ובת־שבע דאניוק „דאס לעבן איז שטארקער פון טויט", עמודים 421 א' — 421 ח'.

שטיס	מוניש ומשפחתו, אמו ואחותו זלטה.
שטירנברג	משה, בינה, ובנותיהם.
שטרן	יעקב ומשפחתו.
שטרנברג	יעקב, לאה, לייב.
שיין	אלקה.
שיין	נח ומשפחתו.
שיף	מנשה, ואחותו קריינצה.
שפיגלמן	לייב, וועלוועל, אליקים, שלמה, שרה־ליבה, ואמם.
שפיזל	מכיל.
שפיצגלוז	משה, אשתו ובתם.
שפירא	משה ואשתו חיה, ובניו יעקב, זאב, ודוד.
שרייר	יעקב ומשפחתו.
שרר	שמואל ומשפחתו.


באטט	ומשפחתו.
ביניק	בתיה ומשפחתה.
ברנש	לייב, זלאטה, מאניה, רבקה.
גוניק	בן־ציון, אשתו שרה לבית בלבן וילדיהם.
גינצבורג	זיסל, משה, נחה, יצחק.
גרובשטיין	יחיאל־דוד (שוחט), אשתו בת־שבע ; בנותיהם : איידל, ברכה ; בניהם : יצחק, משה, אפרים.
גרובשטיין	יצחק.
דניוק	ישראל ופייגה (מטרוביץ).
וינשטיין	זאב.
זינגר	ניסן, חייה־ביילה, שפרה, בריינה, רבקה.
חייט	סימה ובתה (מושקיס).
יקירה	ברכה.

לחמן	ישעיהו ומשפחתו.
פודיס	שמואל, ינטה ומשפחתם.
פנטיס	יוסף, לאה, אלה, משה, שמעון ומשפחותיהם.
קורן	רוזה.
קורן	שרה ובנם אברהם.
קנובל	חיים־לייב ומשפחתו.
קסלמן	לייב ומשפחתו.

---

* תוספת מאוחרת, לפני ההדפסה.

תמונות לזכרון



משה בן יונה־ניסן
שיין, נפטר י״א בכס־
לו תרפ״ה (1924)



יחזקאל בן שרגא־
פייבל ולדמן, חת־
נו של משה שיין,
ניספה בשואה
תש״ג (1942)



פייגה בת יחזקאל
וינטה ולדמן
ניספתה בשואה
בתשרי תש״ג
(1942)



יונה־ניסן בן אברהם־
אביש שיין, הוגלה ע״י
הצבא האוסטרי בשנת
תרע״ה (1915) כבן תע־
רובות וגורלו לא נודע



טוביה בן יצחק־
דב גורמן, נכדם
של משה ואלקה
שיין, נפל
כפארטיזן



אלקה שיין לבית
ברץ, ניספתה ב־
שואה, י״ג בסיון
תש״ב (1942)



ינטה ולדמן בת
משה שיין, ניספ־
תה בשואה, כ״ה
תשרי תש״ג
(1942)



חיה בת יחזקאל
וינטה ולדמן, ניס־
פתה בשואה תש־
רי תש״ג (1942)



פייגה ולאה למלמן




ביירש למלמן




צבי לנדיס



רחצה לנדיס



מיכאל קורן ואשתו ריבה



גברת ויינשטיין ובניה



קבוצת ראדזיווילובים עם פייפל



ישראל גולדפרב ואשתו רייזיל; נחמן זילבר ואשתו בת־שבע



משפחת קורין בראדזיווילוב, 1936



משפחת קורין. חתונה בראדזיווילוב, 1938



יצחק קורין ובני משפחתו (השניה מימין, אחותו לאה, חיה בישראל)



אייזיק קורין
נפל במלחמת האזרחים בספרד, 1937



גודל סגל



יעקב רויזמן



יעקב והרשל'ה —
ילדי זלוטניק




יודל נירנברג





יוסף מפשיט



זכריה פולטורק



איצה מפשיט ואשתוביילה



דבורה, אם רוזה קולטון־ינאית



ליבה אוקס־ויסר



בריינדיל, אשת אברהם גרויסמן



פאיה וראובן — ילדי מתיה גרינבלט



מרדכי ואטל אייזן




עוזר שדכן ואשתו ביילה־רוכצה
(אייזן)



רבי ר׳ לוי מיכל זצ״ל
נפטר ז׳ כסלו תרפ״ז



ר׳ יוחנן, בנו של רבי ר׳ לוי
מיכל, ניספה כ״ה תשרי
תש״ג



ר׳ ליזר מהגרובלקה
סבא של יפה ונחמן מרגלית



בלה זינגר




שפרה ובריגה זינגר



בן ציון לעבאָוו ואשתו פרידה



נח גרינשטין ומשפחתו



מנשה זגורודר








ממצי זגורודר



חנה טרס (טרסי)
1888 ראדזיוִוילוב —
1966 (ישראל)



מרים, אשת ר׳ יוסף־מנדל
גרובשטיין (סלעי)



עקיבא וסרמן — מת ביגור

